STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10804

AFN MAYREV-FRONT IZ RUIK

Erich Maria Remarque

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

30

ערִיך מאַריאַ רעמאַרק

אויפֿן מערבֿ־פֿראָנט איז רויִק

ייִדיש: מאַרק ראַזומני

„ביכער פֿאַר אַלעמען" ריגע

1929

דרוקעריי ד. אַפּט. ריגע, פּאַרק־גאַס 1־א. טעל. 22709

דאָס בוך דאַרף ניט זײַן קיין אָנקלאָג און ניט קיין ווידוי. עס וויל נאָר מאַכן דעם פּרוּוו צו דערציילן וועגן אַ דור, וואָס איז חרוב געוואָרן דורכן קריג — אויב אַפילו ער האָט זיך פון זײַנע קוילן געראַטעוועט.

.1

מיר שטייען נײַן קילאָמעטער הינטערן פראָנט. נעכטן האָט מען אונדז אָפּגעביטן; איצט האָבן מיר שוין אָנגעשטאָפּט אונדזערע בײַכער מיט ווײַסע בעבלעך און מיט רינדפלייש, און מיר זײַנען זאַט און אויפגעלייגט. אַפילו אויף באַנאַכט האָט שוין אויך יעדער זיך צוגעגרייט אַ פולע שיסל; אַחוץ דעם גיט מען נאָך אַרויס טאָפּעלע פּאָרציעס ברויט און וואורשט — אַ מחיה. אַזאַ מין פאַל איז שוין אַ לאַנגע צײַט ניט געווען: דער גראָבער קוכער מיט זײַן רויטן בוריקעס=פּנים וואַרפט ממש אָן דאָס עסן; ער פאָכעט מיט זײַן לעפל צו יעדערן, ווער עס גייט נאָר פאַרבײַ, און גיסט אים אָן אַ קעסל פול ווי אַן אויג. ער קאָן זיך פּשוט קיין עצה ניט געבן, ווי שוין גיכער אויסצולײדיקן די סאָלדאַטנקיך. טיאַדען און מילער האָבן ערגעץ אויסגעגראָבן אַ פּאָר וואַששיסלען און זיך געלאָזט אין זיי פול איינגיסן, כדי זיך צוצוגרייטן אויף שפּעטער. טיאַדען טוט דאָס צוליב זײַן זולל=וסובאדיקייט, מילער — צוליב אײַנזעעניש. אָבער ס'איז אַ רעטעניש, וואו דאָס אַלץ טוט זיך אַהין בײַ טיאַדען. ער איז געווען און איז געבליבן אַן אויסגעדאַרטער הערינג.

דער עיקר איז אָבער, וואָס מיר האָבן אויך באַקומען טאָפּעלע רויכער=פּאָרציעס. פאַר יעדן צו צען ציגאַרן, צוואַנציק סיגאַרעטלעך און צוויי שטיקלעך קײַ=טאַבאַק; דאָס איז זייער לײַטיש. איך האָב קאַטשינסקי אויסגעביטן מײַן קײַ=טאַבאַק אויף סיגאַרעטן, און איצט האָב איך גאַנצע פערציק שטיק. דערמיט קאָן מען שוין אויסקומען אַ גאַנצן טאָג.

און על־פּי־דין קומט אונז גאָר אייגנטלעך ניט אָט דער גאַנצער יום־טוב. די פּרייסן זיינען גאָרניט אַזעלכע זיידענע יונגע־לייטלעך. מיר האָבן אַלץ צו פאַרדאַנקען נאָר אַ פּשוטן טעות.

פאַר צוויי וואָכן האָבן מיר געמוזט אַרויסגיין, כּדי אַנדערע אָפּצולייזן. אין אונזער ראַיאָן איז געווען שטיל, און דעריבער האָט דער קאָמאַנדיר צוגעגרייט פאַר אונזער צוריקקומען די געוויינטלעכע פאַרציע שפּייז. אונזער ראָטע האָט געהאַט הונדערט־פופציק מאַן, אָבער די לעצטע טעג זיינען אונז די ענגלענדער אַזוי דערגאַנגען ביזן לעבער מיט זייערע האַרמאַטן, אַז מיר האָבן געהאַט גרויסע אבידות און זיינען געקומען צוריק נאָר מיט אַכציק מאַן.

אָנגעקומען זיינען מיר בּאַנאַכט און מיר האָבן זיך תּיכּף אַהינגעוואַליעט, כּדי זיך אויסצושלאָפן ווי געהעריק; ווייל קאַט־שינסקי איז גערעכט: ס'וואָלט גאָרניט אַזוי שלעכט געווען אַף מלחמה, ווען מען וואָלט נאָר קאָנען כאַפּן דעם אמתן דרעמל. דאָרטן, אַפן פראָנט, קאָן מען דאָך אפילו ניט טראַכטן וועגן דעם, און צוויי וואָכן צייט ניט צוצומאַכן קיין אויג איז גאָרניט פון די גרינגע זאַכן.

מיטיק־צייט ערשט זיינען עטלעכע אונזעריקע אַרויסגעקראָכן פון די באַראַקעס. אין אַ ווײַלע אַרום האָט שוין יעדער געכאַפּט זיין קעסעלע, און מיר זיינען אַוועק נאָך דער גולאַש־זופּ, וואָס האָט געריסן די נאָזלעכער מיט איר פעטן און געשמאַקן ריח. פאָראויס גייען, פאַרשטייט זיך, די הונגעריקסטע: דער קלייניקער אַלבערט קראָפּ, וועלכער האָט דעם קלאָרסטן מוח צווישן אונז און דעריבער איז ער ערשט יעפרייטער; מילער דער 5־טער, וועל־כער שלעפּט מיט זיך מיט זיינע שול־ספרים און חלומט נאָך וועגן אָפּגעבן עקזאַמען; אין רעכטן מיטן פייער חזרט ער כּסדר פיזיק; — לעער, מיטן בּכבודיקן באָרד, וועלכער האָט באַזונדערש ליב מיידלעך פון אָפיצערישע בּתי־זונות; ער פאַרזיכערט, אַז ס'איז פאַראַן אַ באַפעל פאַר יענע מיידלעך, זיי זאָלן טראָגן זיידענע העמדער און זיך אָפּבאָדן פאַר יעדן גאַסט ניט נידעריקער פון אַ

הויפטמאַן: — דער פערטער גיי איך, פויל באַימער. אַלע פיר זיינען מיר צו ניינצן יאָר אַלט, אַלע פיר קומען מיר אין דער מלחמה פון דעם זעלביקן קלאַס.

האַרט הינטער אונז גייען אונזערע פריינט. דער דאַרער שלאָסער טיאַדען, אויך אַזוי אַלט, ווי מיר, דער גרעסטער פרעסער אין דער ראָטע, בעת ער זעצט זיך עסן, איז ער שלאַנק, און הייבט ער זיך אויף, גראָב ווי אַ מעוברתע לויז; — האַיע וועסטהוס, אין דעם גלייכן עלטער, אַ טאָרף-גרעבער, אַ חברה-מאַן, וואָס קאָן ווי אַ גאָרנישט אַריינעמען אַ קאָמיסברויטל אין האַנט און פרעגן: אַנו, טרעפט, וואָס האַלט איך אין קולאַק? — דעטערינג, אַ פויער, וואָס טראַכט נאָר וועגן זיין הויפל און וועגן זיין ווייב; — און צום סוף סטאַניסלאַוו קאַטשינסקי, דער פירער פון אונזער גרופּע, איינגעשפּאַרט, כיטרע, דורכגעטריבן, פערציק יאָר אַלט, מיט אַ פּנים פון ערד-קאָליר, מיט בלאָע אויגן, אַראָפּהיינגעדיקע פּלייצעס און מיט אַ משונהדיק-פיינעם שמעקער פאַר סכנות, פאַר גוטע שפּייז און פאַר שיינע נקבות.

אונזער גרופּע איז געשטאַנען בראש אין אָטשערעד צו דער פעלדקיך. מיר זיינען שוין געוואָרן אומגעדולדיק, ווייל דער נאַרישער קוכער האָט נאָך אַלץ אָף עפּעס געוואַרט. ביז קאַטשינסקי האָט אים געזאָגט: „נו, היינריך, עפן שוין דיין זופּן-קרעמל! מ'זעט דאָך, אַז די בעבלעך זיינען פאַרטיק."

דער קוכער האָט אַן אָפּגעלאָזענעם שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: „קודם מוזט איר זיך אַלע צונויפקלייבן".

טיאַדען האָט זיך קרום צעשמייכלט: „מיר זיינען אַלע דאָ".

דער אונטער-אָפיציר האָט נאָך נישט געמערקט. „געוויס, אַ שיינעם פּנים האָט איר! וואו זיינען דען די אַנדערע?"

„היינט וועסטו זיי שוין ניט קאָרמענען! דער לאַזאַרעט און דער קבר „טוען דאָס".

דער קוכער איז ממש דערשלאָגן געוועזן, ווען ער האָט אויסגעפרעגט אַלץ, וואָס ס'האָט פּאַסירט. ער האָט זיך גע-

קווינקלט: „און איך האָב צוגעגרייט פאַר הונדערט־פופציק מאַן“.

קראַפּ האָט אים אַ שטופּ געטאָן אין זייט. „ווען מיר סוף־כּל־סוף איינמאָל זיך זאָגט אָנעסן, נו, הויב אָן!“

מיטאמאָל האָט בּאַ טיאָדען אין קאָפּ עפּעס אופגעבליצט. זיין שפּיציקער מייזישער פּנים האָט גענומען לויכטן, די אויגן זיינען צוזאַמענגעצויגן געוואָרן פון ביטרעקייט, און די בּאַקן האָט אים עפּעס געצופּט, און ער איז צו נעענטער: „מענטש איינער, אויב אַזוי, האָסטו דאָך בּרויט אויך בּאַקומען פאַר הונדערט־פופציק מאַן, האַ?“

דער אונטער־אָפיציר האָט צעטומלט אַ שאָקל געטאָן אָף יאָ.

טיאָדען האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן רעקל. „און וואורשט אויך?!“

דאָס רויטע פּנים האָט ווייטער צוגעשאָקלט.

בּאַ טיאָדען האָבּן גענומען ציטערן די ציין אין מויל. „טאַבּאַק אויך?!“

„יאָ, אַלץ“.

טיאָדען האָט זיך אומגעקוקט מיט אַ צעשטראַלט פּנים. „אָט דאָס הייסט האָבּן מזל, צו אַלדי רוחות! אויב אַזוי, איז דאָך דאָס אַלץ פאַר אונז! איצט וועט דאָך יעדער בּאַקומען — וואַרט אַביסל — יאָ, פּונקט אַ טאָפּעלע פּאָרציע!“

איצט איז די בּוריקע סוף־כּל־סוף געקומען צו זיך און געזאָגט: „ניין, דאָס וועט ניט גיין“.

אָבּער מיר זיינען אויך געוואָרן לעבּעדיקער און האָבּן זיך נעענטער צוגערוקט.

„פאַרוואָס וועט דאָס ניט גיין, דו בּוריקע איינע?“ האָט קאַטשינסקי געפרעגט.

„וואָס ס'איז צוגעגרייט פאַר הונדערט־פופציק מאַן, קאָן מען דאָך ניט אַרויסגעבּן פאַר אַכציק“.

„דאָס וועלן מיר דיר שוין ווײַזן", האָט מילער געפּורמשעט.

„דאָס עסן קאָנט איר פֿונמײַנטוועגן צונעמען, אָבער פּאַפּיִעס קאָן איך אַרויסגעבן ניט מער, ווי פֿאַר אַכציק מאַן", האָט זיך די בוריקע פֿאַרעקשנט.

קאַטשינסקי איז אין כּעס געוואָרן. „דו האָסט דאָך באַקומען פּראָוויאַנט ניט פֿאַר אַכציק מאַן, נאָר פֿאַר דער 2-טער ראָטע. און דאָס וועסטו אַרויסגעבן! די 2-טע ראָטע — דאָס זײַנען מיר".

מיר האָבן גענומען שטאַרק צושטײַן. קיינער האָט אים ניט געקאָנט לײַדן, דעם חברה-מאַן. עטלעכע מאָל האָבן מיר שוין צוליב אים באַקומען דאָס עסן אין די שוצגראָבנס צו שפּעט און קאַלט, דערפֿאַר, ווײַל ער האָט פּחד געהאַט צוליב די שראַפּנעלן, זיך צוצורוקן נעענטער מיט זײַן קעסל, און אונזערע עסנברײַנגער האָבן געמוזט גײן אַ פֿיל ווײַטערן וועג, ווי די עסנברײַנגערס פֿון די אַנדערע ראָטעס. בולקע פֿון דער ערשטער ראָטע איז שוין געווען אַ בעסערער יאַט. ער איז אַפֿילו געווען פֿעט, ווי אַ מאַרדער אין ווינטער, אָבער בעת ס'איז נויטיק געווען, האָט ער אַליין געשלעפּט די טעפּ צו דער פֿאָדערשטער ליניע.

מיר זײַנען גראַד געווען אין דער ריכטיקער שטימונג, און יוען אונזער לײטענאַנט וואָלט זיך ניט באַווײַזן צו דער געהעריקער צײַט, וואָלט געוויס דערגאַנגען ביז פּעטש. ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט, וואָס דאָ איז פֿאַר אַ האַמפּעריי, און לעת-עתּה האָט ער געזאָגט נישט מער, ווי: „יאָ, נעכטן האָבן מיר געהאַט גרויסע פֿאַרלוסטן — "

נאָכדעם האָט ער אַרײַנגעקוקט אין קעסל. „עס שײַנט, אַז די בעבלעך זײַנען גוט פֿאַרקאָכט."

די בוריקע האָט צוגעשאָקלט. „ס'איז פֿאַרקאָכט מיט שפּעק און פֿלייש."

דער לײטענאַנט האָט אונדז אָנגעקוקט. ער האָט געוואוסט, וואָס מיר טראַכטן. ער האָט בכלל געוואוסט פֿאַרשיידענע זאַכן, ווײַל צווישן אונדז איז ער עולה לגדולה געוואָרן, און געקומען צו

אונז איז ער אַן אונטער־אָפיציר. ער האָט נאָכאַמאָל אופגעהייבן דעם דעקל פון קעסל און האָט אַריינגעזופט דעם ריח. אוועק־גייענדיק האָט ער געזאָגט: „ברענגט מיר אויך א פולן טעלער. און די פּאָרציעס וועלן אַלע פאַרטיילט ווערן. פאַר אונז איז דאָס ניט איבעריק."

די בוריקע האָט געמאַכט א לעקישעוואַטן פּנים. טאַדען האָט גענומען טאַנצן אַרום אים.

„דו וועסט דאָך דערביי ניט צולייגן! עפּעס מאַכט ער א פּנים, ווי דער גאַנצער פּראָוויאַנט־אַמט וואָלט באַלאַנגט צו אים. נו, הויב שוין אָן, דו אַלטער חלב־יעגער, און פאַרצייל זיך גאָר ניט —"

„הייבּ זיך אוף!" האָט די בוריקע זיך געבלאָזן. ער האָט שיעור ניט געפּלאַצט, אָט דער קוכער, ס'האָט זיך אים פּשוט ניט געלייגט אַפן שכל, און די גאַנצע וועלט איז אים מער ניט ניחא געווען. און ווי וועלנדיק ווייזן, אַז איצט איז שוין סיידי אַלץ פאַרשפּילט, האָט ער נאָך פרייוויליק צוגעלייגט יעדן א האַלב פּינט קונסט־האָניק.

* * *

היינט איז באמת א גוטער טאג. אפילו די פּאָסט איז אויך דאָ, און יעדער האָט באַקומען א פּאר בריוו און צייטונגען. איצט שלעפּן מיר זיך צו דער לאָנקע הינטער די באַראַקעס. קראָפּ האַלט אונטערן אָרעם אַ רונדן דעקל פון אַ מאַרגאַרין־פּעסל.

אַפן רעכטן ראַנד פון דער לאָנקע איז פאַראַן אַ גרויסער אָפּטריט־אָרט, א הייזעלע מיט אַ דאַך. אָבער דאָס איז אַן ענין פאַר יונגע רעקרוטלעך, וועלכע האָבן זיך נאָך ניט אויסגעלערנט יעדער זאַך ווי געהעריק אויסצונוצן. מיר זוכן עפּעס בעסערס. איבער דער גאַנצער לאָנקע שטייען צושאָטן נאָך אַ סך איינ־צלנע קאַסטנס פאַר דעם זעלביקן צוועק. זיי זיינען אַלע פיר־קאַנטיק, זויבער, פאַרמאַכט אַרום און אַרום, מיט אַ באַק־ווענטל זיצברעטל.

מיר דוקן צונויף דריי אַזעלכע קעסטלעך און זעצן זיך בהרחבה אויס. פריער, ווי אין צוויי שעה אַרום, וועלן מיר זיך שוין ניט אופהייבן פון דאַנען.

איך געדיינק נאָך אונזער בושה, ווען זייענדיק רעקרוטן אין קאַזאַרמע, האָבן מיר זיך געמוזט באַנוצן מיטן בשותפותדיקן אָפּטריט. קיין טירן זיינען דאָרטן ניט פאַראַן, צוואַנציק מאַן זיצן אויסגעזעצט איינער לעבן אַנדערן, פּונקט ווי אין אַ וואַגאָן. מיט איין וואָרף מיט די אויגן קאָן מען אַלעמען דערזען; — דער זעלנער מוז שטענדיק זיין אונטער אַ השגחה.

מיט דער צייט האָבן מיר זיך אויסגעלערנט אַ סך זאַכן — נאָך אַ פולע מער, ווי נאָר אַראָפּצודריקן דאָס שטיקל בושה.

אָבער דאָ, אויפן שלאַכטפעלד, איז אַט דער ענין אייגנטלעך אַ נחת=רוח. איך ווייס טאַקע ניט, פאַרוואָס מיר האָבן פריער געמוזט שעמעוודיק פאַרבייגיין די זאַכן, זיי זיינען דאָך אַזוי נאַטירלעך, ווי עסן און טרינקען. און מען וואָלט אויף דעם אפשר גאָר באַזונדערש ניט נויטיק געהאַט זיך אָפּצושטעלן, ווען זיי וואָלטן ניט געשפּילט פאַר אונז אַזאַ חשובע ראָל און זיינען גראַד פאַר אונז געווען נײַ — פאַר די איבעריקע זיינען זיי שוין פון לאַנג זעלבסטפאַרשטענדלעך געווען.

פאַר דעם זעלנער זיינען די פראַגן פון מאָגן און פאַרדייאונג פיל נעענטער, ווי פאַר יעדן אַנדערן. דריי פערטל ווערטער פון דעם זעלנערישן שפּראַך=אוצר שטאַמען אָפּ פון דאָרטן, און פון יענעם קערנדיקן געביט קומען די אויסדרוקן פון העכסטער פרייד און פון גרעסטן צאָרן. עס איז פשוט אוממעגלעך אויף אַן אַנדער אופן זיך אַזוי שאַרף און אַזוי קלאָר אויסצודריקן. אונזערע אָנגעהעריקע און אונזערע לערערס וועלן זיך ניט ווייניק חידושן, ווען מיר וועלן צוריק אַראָפּקומען אַהיים, אָבער דערבײַ איז נישט צו מאַכן, דאָ איז דאָס דער איינציקער לשון.

דאָ פילן מיר זיך בלי=ספק בעסער, ווי אין אַ ווייס=געקאפּליעטן עלעגאַנטן קלאָזעט. דאָרטן איז אפשר היגיעניש: דאָ אָבער איז באמת גוט.

דאָס זיינען וואונדערליכע, פוילע און שטילע שעהן. איבער אונז הייגט אראָפּ דער בלאער הימל. אָפן האָריזאנט זעען זיך ליכטיק-באשטראַלטע, געלע אויסקוק-באַלאנכלעך און ווייסע רויכלעך פון די שראַפּנעלן. פון צייט צו צייט, ווען מען פארפאלגט אָן אַעראָפּלאַן, טוען די שראַפּנעלן-רויכלעך אַ שפּריץ אין אלע זייטן, און דעמאָלט זעען זיי אויס, ווי סטוינגן.

דאָס טעמפּע ברומען פון פראנט דערגייט צו אונז, ווי אַ ווייטער געוויטער, און ווערט פארהילכט דורכן זשומען פון פארבייפליענדיקע בינען.

און אַרום אונז ליגט אויסגעשפּרייט די בליענדע לאָנקע. צאַרטע גרעזעלעך שאָקלען זיך, לופט-בלימעלעך שיטן זיך און שוועבן אין דעם וויכן, ווארימען ווינטל פונם שפּעטזומער, מיר לייענען בריוו און צייטונגען און רויכערן, מיר נעמען אַראָפּ אונזערע היטלען און לייגן זיי אַוועק דערבײַ, דער ווינטל שפּילט זיך מיט אונזערע האָר, ער שפּילט זיך מיט אונזערע ווערטער און געדאַנקען.

די דריי קעסטלעך שטייען אין רעכטן מיטן פון לייכטנדיקע, רויטע מאָן-בלומען. —

מיר לייגן אַף אונזערע קניען אַוועק דעם דעקל פונם מאַרגארין-פעסל. איצט האָבן מיר אַ גוטן אונטערלייג אַף צו שפּילן סקאַט. קראָפּ האָט די קאָרטן בײַ זיך. מען וואָלט דאָ אַזוי קאָנען זיצן אָן אַ סוף.

פון די באַראקעס דערגייען אַהער קלאַנגען פון אַ האַרמאָניק. אַנדערשמאָל לייגן מיר אַפּ די קאָרטן און קוקן זיך אָן. דעמאָלט זאָגט איינער: „חברה, חברה — —," אָדער: „עס וואָלט זיך דאָך געקאָנט אויסלאָזן פּאַסקודנע —," און מיר פארטיפן זיך אַף אַ רגע און שווייגן. אין אונז ליגט אַ שטאַרקער, פארהאַלטענער געפיל, יעדער שפּירט עס, און ס'איז גאָרניט נויטיק דאָס אַרויסצורײדן מיט ווערטער. ס'וואָלט זייער לייכט געקאָנט געשען, אַז מיר זאָלן שוין היינט ניט זיצן אַף אונזערע קעסטלעך, ס'איז שוין זייער נאָענט געווען דערצו. און דעריבער איז פאַר אונז

איצט אַלץ נײַ און שאַרף — דער רויטער מאַן און דאָס גוטע עסן, די סיגאַרעטקעס און דער זומערדיקער ווינט.

קראָפּ פרעגט: „האָט עמיץ פון איך נאָך געזען קעמעריכן?"

„ער ליגט אין „סאַנקט־יאָזעף־שפּיטאָל", האָב איך געזאָגט.

מילער מיינט, אַז זײַן אויבערקני־שאָס איז אַ גוטער שאַנס אָפּגעלאָזן צו ווערן אַהיים.

מיר באַשליסן אים נאָכמיטיק צו באַזוכן.

קראָפּ ווײַזט אונז אַ בריוו. „אַ גערוס איך פון קאַנטאָרעקן."

מיר לאַכן. מילער וואַרפט אַוועק זײַן סיגאַרעטל און זאָגט: „איך וואָלט נאָר וועלן, ער זאָל דאָ זײַן."

* * *

קאַנטאָרעק איז געווען אונזער קלאַסן־דערציער, אַ שטרײַנג, נידעריק מענטשל אין אַ גראָען שוואַלבן־ראָק און מיט אַ שפּיציק מײַזיש פּנימל. ער האָט געהאַט בערך די זעלביקע פיגור, ווי דער אונטער־אָפיציר הימעלשטאָס, דער „שרעק פון קלויסטער־באַרג." ס'איז אינטערעסאַנט, וואָס אַלע אומגליקן קומען אָף דער וועלט דווקא דורך קליינוואוקסיקע מענטשעלעך, זיי זײַנען אַ סך ענערגישער און פאַרעקשנטער, ווי די הויכגעוואַקסענע. איך האָב שטענדיק מורא געהאַט אַרײַנצופאַלן אין אַן אָפּטײלונג, וואו דער ליטענאַנט איז אַ קלײנינקער; זיי זײַנען געווײנטלעך גרויסע גזלנים.

אין די גימנאַזיום־שעהן האָט אונז קאַנטאָרעק אַזוי לאַנג געלייענט לעקציעס, ביז אונזער גאַנצער קלאַס איז אונטער זײַן פירונג אַוועק און זיך געמאָלדן צום מיליטער־שעף. איך זע אים נאָך איצט פאַר מיר, ווי ער האָט אָף אונז אַרופגעקוקט דורך זײַנע שפּאַקולן און מיט אַן אופגערעקטער שטים געפרעגט: „איר גייט דאָך מיט, חברים?"

בײַ די דאָזיקע דערציער ליגן די געפילן אַזוי אָפט גרייט אין זייער וועסטל־קעשענע; זיי טײלן דאָס פאַנאַנדער שעהנווײַז. אָבער דעמאָלט האָבן מיר נאָך אַזעלכע געדאַנקען ניט געהאַט.

איינער פון אונז האָט טאַקע געקווינקלט זיך מיטצוגיין. דאָס איז געווען יאָזעף בעם, אַ דיקער, פריילעכער חברה־מאַן. ער האָט זיך אָבער געלאָזט איבעררײדן, אחוץ דעם וואָלט מען אים אויך פאַרביטערט דאָס לעבן, אויב ער וואָלט געבליבן. אפשר האָבן נאָך אַ סך געהאַט אַזעלכע געדאַנקען, ווי ער; אָבער קיינער האָט זיך ניט געקאָנט אויסשליסן פון כּלל, ווייל אין יענער צייט איז דער נאָמען „פּחדן" געלעגן אויבנאויף, און אפילו עלטערן האָבן מיט אַ לייכטער האַרץ זיך מיט דעם באַנוצט. מען האָט קיין שום באַגריף ניט געהאַט פון דעם, וואָס עס וועט נאָך קומען. קליגער פון אַלעמען זיינען שוין געווען די פּשוטע לייט און די אָרימקייט; זיי האָבן באַלד פון אָנהויב איינגעזען אין דער מלחמה אַן אומגליק, אין דער צייט וואָס די העכערע קלאַסן האָבן פון שמחה אינגאַנצן פאַרלאָרן זייערע קעפּ.

קאַטשינסקי זאָגט, אַז דאָס קומט פון דער בילדונג, זי מאַכט אינגאַנצן לעקישעוואַטע. און אויב קאַט זאָגט עפּעס, האָט ער זיך דאָס שוין גוט באַטראַכט.

מערקווירדיק, אַז בעם איז געווען איינער פון די ערשטע געפאַלענע. בּאַ אַן אָנגריף האָט ער באַקומען אַ שאָס אין די אויגן, און מיר האָבן אים איבערגעלאָזן אין פעלד, ווי אַ טויטן. אוועקנעמען אים האָבן מיר ניט געקענט, ווייל מיר זיינען באַפאַלן געוואָרן און האָבן געמוזט אַוועק. שפּעטער האָבן מיר מיטאַמאָל דערהערט, ווי ער שרייט, און האָבן אים דערזען אַרומקריכנדיק אין דרויסן. ער האָט נאָר פאַרלאָרן דעם באַוואוסטזיין. אַזוי ווי ער האָט נישט געזען און איז משוגע געווען פון ווייטיק, האָט ער קיין שום באַהעלטעניש ניט אויסגענוצט, און דער שונא האָט אים אַראָפּגעשאָסן, נאָך איידער עמיץ פון אונזערע האָט באַוויזן צוצוקריכן צו אים.

פאַרשטייט זיך, אַז צווישן קאַנטאָרעקן און דעם פאַל איז קיין צוזאַמענהאַנג ניט געווען;—אויב מען וועט דאָס אָנרופן שולד, איז היינט ווי זאָל מען שוין אָנרופן אַלדאָס איבעריקע שלעכטס פון דער וועלט. עס זיינען דאָך געווען טויזנטער אַזעלכע קאַנטאָ־

רעקס, און אלע זיינען זיי איבערצייגט געווען, אז זיי טוען גוטס יעדער אף דעם אופן, וועלכער איז פאר אים באקוועם.

אבער פאר דער צייט, וואס זיי האבן גערעדט און געשריבן, האבן מיר געזען לאזארעטן און גוססען—פאר דער צייט, וואס זיי האבן געוואלט איינריידן, אז די גרעסטע העלדישקייט איז דינען דער מלוכה, האבן מיר שוין געוואוסט, אז טויט-שרעק איז נאך שטארקער. דעריבער זיינען מיר ניט געווארן קיין בונטארעס, קיין דעזערטירן, קיין פחדנים — זיי האבן זיך דאך אזוי לייכט ארומגעווארפן מיט די צונעמען — מיר האבן פונקט אזוי ווי זיי ליב געהאט אונזער לאנד, און אין יעדער אטאקע זיינען מיר מוטיק געגאנגען פארויס, — אבער איצט האבן מיר געזען דעם חילוק, מיר האבן מיט איין מאל זיך אויסגעלערנט זען. און מיר האבן געזען, אז זייער וועלט איז שוין אינגאנצן חרוב. מיר זיינען פלוצלונג געבליבן שטיין אליין: — און מיר האבן אליין געמוזט „פארטיק ווערן" דערמיט.

* * *

איידער מיר גייען צו קעמעריך, פאקן מיר איין זיינע זאכן: זיי וועלן אים אונטערוועגנס געוויס צוניץ קומען.

דער לאזארעט איז געפאקט; ווי שטענדיק, טראגן זיך דארטן ריחות פון קארבאל, אייטער און שוויס. אין די באראקעס איז מען שוין צו א סך זאכן צוגעוואוינט געווארן, אבער דא קאן באמת גאר שלעכט ווערן צומוט. מיר פרעגן זיך נאך אף קעמעריך; ער ליגט אין א קאמער און באגעגנט אונז מיט א שוואכן אויסדרוק פון שמחה און הילפלאזער אופרעגונג. בעת ער איז געלעגן אן באוואוסטזיין, האט מען אים אפגעצויגן זיין זייגער.

מילער שאקלט מיטן קאפ: „איך האב דיר דאך שטענדיק געזאגט, אז אזא גוטן זייגער דארף מען ניט מיטנעמען".

מילער איז א היפש ביסל אומגעשיקט. אז ניט, וואלט ער געווים געהאלטן די מויל, וויל יעדער זעט דאך איין, אז קעמעריך

וועט פון דעם קאַמער מער ניט אַרויסקומען. דאָס איז שוין גאָר גלייך צי ער וועט זיין זייגער צוריקבאַקומען.

„ווי גייט עס דיר פראַנץ?" פרעגט קראַפּ.

קעמעריך לאָזט זיין קאָפּ טיפער פאַלן: „נשקשה.— איך האָב גאָר גרויסע יסורים אין פוס".

מיר קוקן אַרויף אויף זיין קאָלדרע. זיין פוס ליגט אין אַ דראָט־געפלעכט. דער צודעק הייבט זיך איבער דעם, ווי אַ באַרג. איך טרעט אַרויף מילערן אויפן פוס, ווייל ער וואָלט געפּועלט באַ זיך אַרויסצוזאָגן אין דער הויך דאָס, וואָס די סאַניטאַרן האָבן אונז שוין אין דרויסן דערציילט: אַז קעמעריך האָט ניט מער קיין פוס. זיין פוס איז אים אַראָפּגענומען.

ער זעט אויס שרעקלעך, געל און בלייך. אין זיין פּנים זיינען פאַראַן יענע פרעמדע שטריכן, וואָס מיר קענען שוין זייער גוט, ווייל מיר האָבן זיי שוין הונדערטער מאָל געזען. דאָס זיינען גאָר אייגנטלעך ניט קיין שטריכן, דאָס זיינען גיכער סימנים. אונטער דער הויט פּולסירט שוין מער ניט קיין לעבן; עס איז שוין אַרויסגעשטויסן ביזן ראַנד פון לייב, פון אינעווייניק שלאָגט זיך שוין דורך דער טויט, די אויגן באַוועלטיקט ער שוין. דאָרטן ליגט אונזער חבר קעמעריך, וועלכער האָט נאָך דאָ ניט לאַנג געבראָטן מיט אונז פערדן־פלייש און מיר זיינען צוזאַמען געלעגן אין דעם טרעכטער,— דאַכט זיך, ער איז דאָס, און ער איז דאָס שוין ניט מער, זיין בילד איז געוואָרן פאַרווישט און אומבאַשטימט, ווי אַ פאָטאָגראַפישע פּלאַט, אויף וועלכער מ'האָט אויפגענומען צוויי בילדער. אפילו זיין שטים קלינגט שוין ווי אַש.

איך דערמאָן זיך, ווי מיר זיינען דעמאָלט אָפּגעפאָרן. זיין מאַמע, אַ גוטמוטיקע, דיקע פרויענצימער, האָט אים באַגלייט צום באַן. זי האָט געוויינט אָן אויפהער, איר פּנים איז פון וויינען אויסגעשוואָלן געוועזן. קעמעריך האָט געהאַט צוליב איר בזיונות, ווייל זי האָט זיך ערגער פון אַלעמען געהאַלטן. זי איז ממש צעשוואומען געוואָרן אין שמאַלץ און וואַסער. דערביי האָט זי כסדר געכאַפּט מיין האַנט און מיך געבעטן, איך זאָל אויפפּאַסן פראַנצן אויפן שלאַכטפעלד. ער האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ קינד

און אזעלכע ווייכע ביינער, אז באלד נאָך פיר וואָכן טראָגן דאָס רענצל האָט ער באקומען פלאַטשיקע פיס. אָבער ווי קאָן מען דען אין שלאכטפעלד עמיצן אָפּהיטן!

„איצט וועסטו קומען אהיים", זאָגט קראָפּ, „אזוי וואָלסטו נאָך געהאט צו ווארטן אף אורלויב לכל־הפּחות דריי, פיר חדשים".

קעמעריך שאָקלט צו. מיר איז שווער צו קוקן אף זיינע הענט, זיי זיינען ווי וואקס. אונטער די נעגל ליגט דער ברוד פון דעם שוץ־גראָבן, ער איז בלאָ־שווארץ, אזוי ווי גיפט. מיר פאלט איין אין קאָפּ, אז אט די נעגל וועלן נאָך ווייטער וואקסן, אזוי ווי געשפענסטיקע שימל־שוועמלעך, לאנג נאכדעם, ווי קעמעריך וועט שוין מער נים אָטעמען. איך זע דאָס בילד: זיי קרימען זיך אוים, ווי קארקן־ציערס און וואקסן און וואקסן, און צוגלייך מיט זיי אויך די האָר אפן צעפוילטן שארבן, ווי גראָז אף גוטער ערד, פונקט ווי גראז, ווי איז דען דאָס אָבער מעגלעך—?

מילער בויגט זיך צו: „מיר האָבן אהערגעבראכט דיינע זאכן, פראנץ".

קעמעריך ווייזט מיטן האנט: „לייגט זיי אוועק אונטערן בעט".

מילער טוט דאָס. קעמעריך נעמט ווייטער ריידן וועגן דעם זייגער. ווי באַוואַכט מען אים, נים ארויסרופנדיק דערביי זיין חשד!

מילער הייבט זיך אוף פון דער פּאָדלאָגע מיט א פּאָר אוויאַטאָר־שטיוול אין די הענט. דאָס זיינען טייערע ענגלישע שיך פון ווייכן, געלן לעדער, צום שנירן, הויך ביז די קניען, ממש א חלום. מילער איז נתפּעל פון זייער אויסזען, ער צאַצקעט זיך מיט זיי און פארגלייכט זייערע זוילן מיט זיינע אומגעלומפּערטע שטיוואלעס און פרעגט „ווילסטו דען די שטיוול אויך מיטנעמען, פראנץ?"

אלע דריי טראכטן מיר דאָס זעלביקע: אויב ער וועט אפילו געזונט ווערן, קאָן ער דאָך שוין באנוצן נים מער, ווי איינעם, זיי האבן דאָך שוין פאר אים נים קיין ווערט. אָבער בא

דעם איצטיקן מצב איז פשוט א שאָד, זיי זאָלן דאָ בלייבן—ווייל ווי נאָר ער וועט שטאַרבן, וועלן דאָס די סאַניטאַרן, פאַרשטייט זיך, תיכּף צונעמען.

מילער פרעגט: „ווילסטו זיי דען דאָ ניט איבערלאָזן?"

קעמעריך וויל ניט. דאָס איז זיין טייערסטער חפץ.

„מיר קאָנען זיי אויסבייטן", לייגט מילער פאָר, „דאָ קאָן מען געברויכן אַזעלכע זאַכן". אָבער קעמעריך וויל דערפון ניט הערן.

איך טרעט מילערן אַרויף אַפן פוס. זיך קווינקלענדיק לייגט ער די שיינע שטיוול ווייטער אוועק אונטערן בעט.

מיר ריידן נאָך א ווײַלע, און נאָכדעם געזעגענען מיר זיך.

„זיי געזונט פראַנץ."

איך זאָג אים צו מאָרגן ווײַטער צו קומען. מילער זאָגט אויך צו; ער האָט אין קאָפ די שניר-שיך און דערוועגן וויל ער זיי אָפּהיטן.

קעמעריך קרעכצט. ער האָט היץ. אין דרויסן ריידן מיר צו דעם סאַניטאַר, ער זאָל מאַכן דעם קראַנקן אַן איינשפּריצונג.

ער זאָגט זיך אָפּ: „ווען מיר זאָלן געבן יעדן איינעם מאָרפיום, וואָלטן מיר געדאַרפט האָבן גאַנצע פעסער—"

„דו טוסט דאָס נאָר פאַר אָפיצירן", זאָגט קראָפּ מיט צאָרן.

איך מיש זיך אַריין און גיב דעם סאַניטאַר א סיגאַרעט. ער נעמט זי אָן. איך פרעג: „טאָרסטו דען בכלל מאַכן אַן איינשפּריצונג?"

ער איז באַליידיקט. „ווײַבאַלד איר מיינט, אַז ניט, וואָס פרעגט איר מיך?..."

איך רוק אים אַריין נאָך א פּאָר סיגאַרעטקעס. „טו אונז די טובה—"

„נו, גוט", זאָגט ער. קראָפּ גייט מיט אים מיט. ער טרויט אים ניט אָן און וויל זיך צוקוקן. מיר וואַרטן אַפן אין דרויסן.

מילער נעמט ווייטער ריידן וועגן די שיף. „ווי וואָלטן מיר געפּאַסט, פּונקט מיין מאָס. אין אָט די שיפן, וואָס איך טראַג, פּטר איך אינגאַנצן אָפּ מיינע פיס. מיינסטו, איז ער וועט אויס־האַלטן ביז מאָרגן נאָכמיטיק? ווען ער וועט אויסגיין די נאַכט, האָבן מיר ניט די שטיוול — "

אַלבערט קומט צוריק אַרויס. „מיינט איר——?" פרעגט ער.

„ערליידיקט," פאַרענדיקט מילער.

מיר גייען צוריק צו אונזערע באַראַקעס. איך טראַכט וועגן דעם בריוו, וואָס איך מוז מאָרגן שרייבן צו קעמעריכס מאַמען. מיר איז קאַלט, כ'וואָלט געטרונקען אַ גלעזל בראַנפן. מילער צופּט אויס גרעזלעך און קייט זיי. פּלוצלונג דערלאַנגט קראָפּ אַ שליידער זיין סיגאַרעט, הויבט זי אָן ווילד צו טראַמפּלען, קוקט זיך אום מיט אַ פאַרקרימטן פּנים און שטאַמלט: „פאַסקודנער טינוף, פאַסקודנער טינוף."

אַ צייט גייען מיר שטיל. קראָפּ האָט זיך באַרואיקט, דאָס איז אונז שוין באַקאַנט, ס'איז אַן אַנפאַל פון פראָנט־טירוף, יע־דער איינער באַקומט עס.

מילער פרעגט אים: „וואָס, אייגנטלעך, וואָס האָט קאַנ־טאָרעק דיר געשריבן?"

ער לאַכט: „אַז מיר זיינען די אייזערנע יוגנט."

מיר לאַכן אַלע דריי מיט פאַרקוועטשטע ציין. קראָפּ זידלט זיך, ער איז צופרידן, וואָס ער קאָן ריידן. —

יאָ, אָט אַזוי טראַכטן זיי, די הונדערט־טויזנט קאַנטאָרעקס! אייזערנע יוגנט. יוגנט! מיר זיינען אַלע ניט מער, ווי צוואַנציק יאָר. אָבער יונג? יוגנט? דאָס איז שוין לאַנג אַוועק. מיר זיינען אַלטע לייט.

.2

עס איז מיר עפּעס מאָדנע צו טראַכטן וועגן דעם, אַז אינ־דערהיים, אין אַ קעסטל פונעם שרייבטיש, ליגט בּאַ מיר אַן אָנ־

געהויבענע דראמע „שאול" און אַ פּעקל שריפֿט. אַ סך אָנטײַל האָב איך אויף דעם פֿאַרבראַכט, כּמעט אַלע האָבן מיר אַזוינס דורכגעמאַכט; אָבער איצט איז מיר דאָס געוואָרן אַזוי ניט-ממשותדיק, אַז איך קאָן זיך דאָס שוין מער גאָרניט פֿאָרשטעלן.

זינט מיר געפֿינען זיך דאָ, איז אונדזער פֿריערדיק לעבן אײַנגאַנצן אָפּגעשניטן געוואָרן. מיר פּרוּווּן אָן אַנדערמאָל כאַפּן אַן איבערבליק איבער דעם, געפֿינען אַ דערקלערונג, אָבער עס גיט זיך אונדז ניט אײַן. גראָד פֿאַר אונדז, צוואַנציק-יאָריקע, איז אַלץ באַזונדערש ניט קלאָר — פֿאַר קראָפּ, פֿאַר מילער, לעער, פֿאַר מיך, פֿאַר אונדז, וועמען קאַנטאָרעק רופֿט אָן „אײַזערנע יוגנט." די עלטערע זײַנען אַלע פֿעסט פֿאַרבונדן מיט דאָס פֿריערדיקע, זיי האָבן אַ יסוד, זיי האָבן פֿרויען, קינדער, באַרופֿן און אינטערעסן, וועלכע זײַנען שוין אַזוי שטאַרק, אַז די מלחמה קאָן זיי ניט צערײַסן. מיר, צוואַנציק-יאָריקע, האָבן אָבער נאָר אונדזערע עלטערן, און אַנדערע האָבן אַ מיידל. דאָס איז ניט פֿיל — ווײַל אין אונדזער עלטער איז דער כּוח פֿון די עלטערן זייער שוואַך, און די מיידלעך זײַנען נאָך ניט קיין הערשערינס. אַחוץ דעם, האָבן מיר ווייניק-וואָס פֿאַרמאָגט; אַ ביסל פֿאַנטאַזיעס, אַ פּאָר ליבעס און די שול; ווײַטער האָט אונדזער לעבן נאָך ניט געגרייכט. און פֿון דעם איז נישט געוואָרן.

קאַנטאָרעק וואָלט געזאָגט, אַז מיר זײַנען געשטאַנען אויפֿן שוועל פֿון לעבן. אַזוי, לערך, איז דאָס אויך. מיר זײַנען נאָך ניט אײַנגעוואָרצלט געווען. די מלחמה האָט אונדז אַראָפּגעוואַשן. פֿאַר די אַנדערע, די עלטערע, איז זי נאָר אַ הפסקה, זיי קאָנען אַריבערטראַכטן איבער דער הפסקה. מיר זײַנען אָבער אַרײַנגעכאַפּט געוואָרן אינם אויפֿברויז פֿון דעם קריג, און מיר ווייסן ניט, ווי דאָס וועט זיך ענדיקן. דאָס אײנציקע, וואָס מיר ווייסן, איז פֿאָרלויפֿיק נאָר, אַז מיר זײַנען פֿאַרגרעבט געוואָרן אויף אַ משונהדיקן און אַ טרויעריקן אופֿן, אויב אפֿילו מיר האָבן שוין אויפֿגעהערט אָפֿט צו זײַן טרויעריק.

* * *

אויב מילער וויל אַפילו אָפּ׳ירשענען קעמעריכס שטיוול, נעמט ער אָבער דאָך ניט קיין קלענערן אָנטייל אין דער צרה ווי אַן אַנדערער, וועלכער דרייסט זיך ניט צו טראַכטן וועגן דעם צוליב מיטלייד. ער ווייס נאָר דעם חילוק. ווען די שטיוול וואָלטן נאָך גענוצט קעמעריכן, וואָלט מילער בלי=ספק בעסער געלאָפן באָרוועס איבער שטעך=דראָט, איידער צוזוטראַכטן מיטלען, ווי אַזוי די שיך צו באַקומען. באַ דעם איצטיקן מצב זיינען אָבער די שטיוול עפּעס אַזוינס, וואָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט קעמעריכס צושטאַנד, אין דער צייט, וואָס מילערן קאָנען זיי זייער גוט נוצן. קעמעריך וועט דאָך סיי ווי שטאַרבן, און ס׳איז גאָר גלייך, ווער עס באַקומט זיי. איז פאַרוואָס זאָל דעריבער מילער זיי ניט באַקומען, ער האָט דאָך אַף זיי מער רעכט, ווי אַ סאַניטאַר! נאָך קעמעריכס טויט וועט שוין צו שפּעט זיין, דעריבער נעמט זיך שוין מילער איצט דאָס אָפּצוהיטן.

מיר האָבן פאַרלאָרן דעם חוש פאַר אַנדערע צוזאַמענהאַנגען, ווייל זיי זיינען מער ניט, ווי געקינצלט. פאַר אונז זיינען ריכטיק און וויכטיק נאָר פאַקטן. און גוטע שטיוול קאָן מען אַזוי זעלטן באַקומען.

* * *

פריער איז אויך דערמיט אַנדערש געווען. ווען מיר זיינען געגאַנגען צום מיליטער=שעף, זיינען מיר געווען אַ קלאַס פון צוואַנציק יונגעלייט, און איידער מיר זיינען אַריין אין קאַזאַרמע=הויף האָבן מיר זיך, מעשה=קונדסים, אַלע צוזאַמען געלאָזט אָפּראַזירן, אַנדערע פון אונז צום ערשטן מאָל. מיר האָבן ניט געהאַט קיין פעסטע פּלענער אַף דער צוקונפט, די געדאַנקען וועגן קאַריערע און באַרוף זיינען כמעט באַ קיינעם פּראַקטיש נאָך ניט געווען אַזוי אויסגערייפט, אַז זיי זאָלן קאָנען באַשטימען אַ לעבנס=פאָרם; — דערפאַר אָבער זיינען מיר פול געווען מיט אומבאַשטימטע אידייען, וועלכע האָבן אין אונזערע אויגן צוגעגעבן

דעם לעבן און אויך דער מלחמה אַן אידעאַליזירטן, במעט ראָ־מאַנטישן כאַראַקטער.

אין משך פון צען יאָר זעקס צייט וואָכן צייט האָט מען אונז אויסגעמושטירט, און אָט די צען וואָכן האָבן אונז גרינטלעכער איבערגעאַנדערשט ווי צען יאָר אין שול. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט, אַז אַ בלאַנק־אויסגעפּוצטער קנאָפּ איז וויכטיקער פון פיר בענדער שאָפּענהויער. אין אַנהויב דערשטוינט, נאָכדעם פאַרביטערט און צום סוף גלייכגילטיק, זיינען מיר געקומען צו דער דערקענטעניש, אַז ניט דער גייסט שפּילט די הויפּטראָל, נאָר די שוך־באַרשט, ניט דער געדאַנק, נאָר די סיסטעם, ניט די פרייהייט, נאָר דאָס איינדרעלן אין מה. געוואָרן זעלנער זיינען מיר מיט באַגייסטערונג און פון גוטן ווילן; אָבער מען האָט געטאָן אַלץ, כּדי די באַגייסטערונג אָפּצוטויטן אין אונז. אין דריי וואָכן אַרום איז אונז שוין מער ניט געווען אומבאַגרייפלעך דער פאַקט, וואָס אַ באַבענדלטער בריוו־טרעגער האָט איבער אונז מער מאַכט, איידער פריער אונזערע עלטערן, אונזערע דערציִער און אַלע קולטור־קרייזן פון פּלאַטאָן ביז געטע צוזאַמענגענומען. מיט אונזערע יונגע, אָפענע אויגן האָבן מיר געזען, אַז דער קלאַסישער פאַטערלאַנד־באַגריף פון אונזערע לערערס האָט זיך פאַרלויפיק דאָ פאַרווירקלעכט אין אַן אָפּזאָגן זיך פון דעם אייגענעם מהות, מיליטעריש באַגריסן, שטיין שטראַם, פאַראַד־מאַרש, רעכטס און לינקס, צוזאַמענקלאַפּן די קנאַפּל, זילזולים און טויזנט שיקאַנעס: מיר האָבן אונזער ציל זיך אַנדערש פאָרגעשטעלט, און מיר זיינען געקומען צום אויספיר, אַז פּונקט ווי צירק־פערד, ווערן מיר צוגעגרייט אויף צו זיין מלחמה־העלדן. אָבער מיר האָבן זיך באַלד צוגעוואוינט צו דעם. מיר האָבן אַפילו באַגריפן, אַז אַ טייל פון אָט דעם אַלעמען איז נויטיק געווען, און אַ טייל איז איבעריק. דער סאָלדאַט דערשמעקט דאָס זייער גוט.

* * *

זאַלבעדריט און זאַלבעפירט האָט מען אונזער קלאַס פאַרטיילט איבער פאַרשיידענע אָפּטיילונגען, צוזאַמען מיט פריזישע

פישערס, פויערים, ארבעטער און בעלי=מלאכות, מיט וועמען מיר
האבן זיך באלד באפריינדעט. קראָפּ, מילער, קעמעריך און איך
זיינען אריינגעפאלן צוזאמען אין אן אפטיילונג אונטער דער פי=
רערשאפט פון אונטער=אפיציר הימעלשטאס.

ער האָט געהאט א שם פון דעם גרעסטן רוצח, און ער
האט זיך דערמיט שטארק געגאוהט. ער איז געווען א קליינ=
געוויקסיקער, ברייטער חברה=מאַן, צוועלף יאָר שוין אין דינסט,
מיט סטארטשנדיקע וואנצעס פון פיקסענער פארב, לויט זיין ציוויל=
באשעפטיקונג א בריוו=טרעגער. באזונדערש האט ער זיך אָפּגעלייגט
אף קראפּ, טיאדען, וועסטהוס און מיר, ווייל ער האט געשפירט
אונזער שטילע צולהכעיסדיקייט.

איינמאָל האָב איך פערצן מאָל כסדר איבערגעבעט זיין
בעט. יעדעס מאָל איז אים עפּעס אַנדערש ניט געפעלן געוואָרן,
און ער האָט דאָס פונסנייַ אָראָפּגעריסן. איך האָב צוואַנציק שעה
געאַרבעט — מיט הפסקות, פאַרשטייט זיך — אף דעם, כדי
ווייך צו מאַכן אַ פּאָר אַלטע, פאַרהאַרטעוועטע שיך, און כ'האָב זיי
אַזוי געמאַכט, אַז אַפילו הימעלשטאָס האָט מער נישט געקאָנט
געפינען קיין חטא. — איך האָב לויט זיין באפעל אויסגעשייערט
אַ גאַנצע אָפּטיילונג פון דער קאַזארמע מיט א ציין=בערשטל; —
קראָפּ און איך האָבן געמוזט אָפּרייניקן פון שנייַ דעם קאַזארמע-
הויף מיט א האַנט=בארשט און מיט א שאר=בלעכל אין די הענט,
און מיר וואָלטן זיכער געאַרבעט אַזוי לאַנג, ביז מיר וואָלטן
אינגאַנצן פאַרפראָרן געוואָרן, ווען צופעליק וואָלט אונז ניט גע=
זען אן אריינגעקומענער לייטענאַנט, וועלכער האָט אונז באפרייט
און האָט געגעבן הימעלשטאָסן אַ גאָב. דער פועל=יוצא פון דעם
איז אָבער געווען, אַז הימעלשטאָס איז געוואָרן אַף אונז נאָך
גרימצאָרניקער. פיר זונטיקן איינעם נאָכן אַנדערן בין איך גע=
שטאַנען פּאַטרול, און האָב פונקט אַזוי פיל זונטיקן געמוזט טאָן
אַלע שטויב=ארבעטן, — פול אנגעלאדן מיט אַלע מכשירים און
מיטן גאַנצן וואָפן האָב איך זיך געמוזט לערנען שפּרינגען, פאלן
און זיך אופהויבן אַף א פריש=אופגעאַקערטן פעלד, אַזוי לאַנג,
ביז איך בין אינגאַנצן פאַרוויקלט געוואָרן אין א דיקן שיכט

בלאָטע און כ׳בין געפאַלן אָן כּחות; — אין פיר שעה אַרום
האָב איך שוין געוויזן הימעלשטאָסן מײַנע אויסגעדרייניקטע און
בלאַנק־אויסגעפּוצטע קליידער, אָבער בײַ דער ריייניקונג האָב איך
מיר צוריבן די הענט ביז בלוט; — בײַ אַ גרימיקן פראָסט האָב
איך, צוזאַמען מיט קראָפּ, וועסטוס און טיאַדען, געמוזט שטיין
אָן הענטשקעס, באַוועגלאָז, און האַלטן די פינגערן אַפן אײַזיקן
ביקס. און דערבײַ איז געשטאַנען הימעלשטאָס און געלאָקערט
אַף דער קלענסטער באַוועגונג, כּדי ער זאָל קאָנען ווײַטער צו־
טשעפּענען זיך. צוויי אַזייגער באַנאַכט האָב איך, אין איין העמד,
געמוזט אַכט מאָל אַראָפּלויפן פון אויבערשטן קאַזאַרמע־שטאָק ביז
אין הויף, ווי אַ שטראָף דערפאַר, וואָס מײַנע אונטערהויזן האָבן
אַף אַ פּאָר סענטימעטער אַראָפּגעהאַנגען איבערן ראַנד פון דעם
בײַנקל, וואו יעדער סאָלדאַט לייגט זײַנע זאַכן איבער נאַכט. זײַט
בײַ זײַט מיט מיר איז געלאָפן הימעלשטאָס און האָט מיר כּסדר
געטראָטן אַף די פוס־פינגערן; בײַם פעכטן האָב איך שטענדיק
געהאַט פאַר אַ קעגנער הימעלשטאָסן. איך האָב מיט מײַן שווערן
אײַזן־געשטעל אים גאָרנישט געקאָנט טאָן, און ער האָט זיך גע־
ווערט מיט אַ באַקוועמען האָלץ־וואָפן און זאָט מיר שטענדיק
ברוין און בלאָ געמאַכט; איינמאָל אָבער בין איך אַרײַן אין אַזאַ
כּעס, אַז איך האָב אים אַריבערגעיאָגט און אַ העפטיקן זעץ גע־
טאָן אין בויך. ער איז געפאַלן. ווען ער האָט זיך געוואָלט באַ־
קלאָגן, האָט אים דער לײַטענאַנט אויסגעלאַכט און געזאָגט, ער
זאָל אופּאַסן, ווען מיט אים אַזוינס ניט טרעפן; ער האָט גע־
קענט הימעלשטאָסן און האָט אים פאַרגונען די מפּלה. —

בעת קראָפּ און איך האָבן אין איינעם אַ זונטיק געשלעפּט
איבערן הויף אַף אַ שטאַנג די עמערס פון אָפּטריט, און הימעל־
שטאָס, אַן אויסגעפּוצטער צום אַוועקגיין, האָט בײַם פאַרבײַגיין זיך
אָפּגעשטעלט און געפרעגט, ווי די אַרבעט געפעלט אונז, האָבן
מיר זיך בּלומרשט געשטרויכלט און האָבן אים אַרופגעגאָסן די
גאַנצע חתונה אַף זײַן מונדיר. ער האָט געטאַנצט, אָבער די
מאָס איז שוין געווען פאַרפולט.

„איר וועט דערפאר באקומען תפיסה", האָט ער גע־שריען.

קראָפּ האָט שוין מער ניט געקאָנט. „פריער וועט אָבער זיין אן אונטערזוכונג, און דארטן וועלן מיר אַלץ דערציילן, האָט ער געזאָגט.

„אָט אזוי רעדט איר דאָס מיט אן אונטער־אָפיציר!" האָט הימעלשטאָס געוואלדעוועט, „איר זייט משוגע געוואָרן? ווארט, ביז מען וועט אייך פרעגן! וואָס ווילט איר טאָן?"

„דערציילן עפּעס וועגן דעם הער אונטער־אָפיציר!" האָט קראָפּ געזאָגט און זיך אוועקגעשטעלט גלייך פאר אים.

הימעלשטאָס האָט געמערקט, מיט וואָס דאָס שמעקט, און ער איז אוועק, ניט ריידנדיק קיין וואָרט. איידער ער איז פאר־שוואונדן געוואָרן, האָט ער נאָך עפּעס געבורטשעט, אָבער צו זיין מאכט האָט שוין גענומען אַ סוף. ער האָט נאָך געפּרואווט מיט אונז פארשיידענס. מיר האָבן געפאָלגט יעדן באפעל, אָבער מיר האָבן דאָס אַלץ אזוי פּאמעלעך דורכגעפירט, אַז הימעל־שטאָס האָט געפּלאצט.

דעמאָלט האָט ער אונז געלאָזט צורו. ער האָט אונז נאָך גערופן „הינט". אָבער ס'איז שוין געלעגן אין דעם אַ געוויסער דרך־ארץ.

עס זיינען אויך געווען לייטישע קאפּראלן, וועלכע האָבן קליגער געפירט. אָבער אין דער ערשטער שורה האָט יעדער איינער געזוכט צו בלייבן אף זיין פּאָסטן דאָ אין הינטערלאנד, ניט צו גיין אפן פראָנט, און אף דעם האָט ער געקאָנט האָפן נאָר דעמאָלט, ווען ער באגייט זיך שטרייננג מיט די רעקרוטן.

דערביי זיינען אף אונזער חלק אויסגעפאלן כל־המינים קאזארמע־יסורים, און אָפטמאָל האָבן מיר זיך פּשוט געריסן די האָר פון קאָפּ. אנדערע פון אונז זיינען צוליב דעם קראנק גע־וואָרן, וואָלף איז אפילו געשטאָרבן פון אַ לונגען־שלאפקייט. אָבער מיר וואָלטן זיך אַליין פאָרגעקומען לעכערלעך, ווען מיר וואָלטן נאָכגעגעבן. מיר זיינען געוואָרן האַרט, אומצוטרוילעך, גרויזאם, גראָב, נקמה־דורשטיק — און דאָס איז גוט געווען:

ווייל די שטריכן האָבן אונז גראָד געפעלט. ווען מען וואָלט אונז געשיקט אין די גראָבנס אָן אָט דער אויסבילדונג, וואָלט דאָס רוב פון אונז משוגע געוואָרן. איצט זיינען מיר אָבער צוגעגרייט געווען צו דעם, וואָס אונז האָט דערוואַרט.

מיר האָבן קיין זאַך ניט צובראָכן, מיר האָבן זיך צוגעפּאַסט; אונזערע צוואַנציק יאָר, וואָס האָבן פאַרשיידענע זאַכן אַזוי פאַרשווערט, האָבן אונז דערביי דוקא געהאָלפן. דער עיקר איז אָבער געווען, וואָס אין אונז האָט אויפגעוואַכט אַ פעסטער, פּראַקטישער געפיל פון צוזאַמענגעהעריקייט, פון געמיינזאַמקייט, און אויפן שלאַכטפעלד איז זיך דאָס געפיל נאָך מער פאַנאַנדערגעוואַקסן, און ס'איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דאָס בעסטע, וואָס די מלחמה האָט אַרויסגעבראַכט: אין חברשאַפט!

* * *

איך זיץ בײַ קעמעריכס בעט. אים ווערט אַלץ ערגער און ערגער. אַרום אונז איז אַ גרויסער געפילדער. ס'איז אָנגעקומען אַ לאַזאַרעט-צוג, און מען קלייבט אָפּ די פאַרוואונדיקטע, וואָס קאָנען אַריבערגעפירט ווערן. דער דאָקטאָר גייט פאַרביי קעמעריכס בעטל, און ער קוקט אים אַפילו ניט אָן.

„דעם קומעדיקן מאָל, פראַנץ", זאָג איך.

ער הייבט זיך אויף פון דעם קישן און שפּאַרט זיך אָן אויפן עלנבויגן. „זיי האָבן מיך אַמפּוטירט".

היינט ווייסט ער דאָס שוין. איך שאָקל צו מיטן קאָפּ און ענטפער: „מעגסט צופרידן זיין, וואָס דו ביסט אַזוי אָפּגעקומען".

ער שווייגט.

איך רייד ווייטער: „ס'האָט דאָך ביידע פיס אויך געקאָנט אַראָפּנעמען, פראַנץ. וועגעלער האָט אָנגעוואָרן זיין רעכטע האַנט. דאָס איז בלי-ספק ערגער. דו קומסט דאָך צוליב דעם צוריק אַהיים."

ער קוקט מיך אָן: „מיינסט אַזוי?"

„געוויס."

ער פרעגט נאָכאמאָל איבער: „מיינסטו דאָס טאקע?"

„געוויס, פראנץ, דו דאַרפסט נאָר קומען צו זיך נאָך דער אָפעראַציע."

ער ווינקט מיר, איך זאָל זיך צורוקן. איך בויג זיך איבער אים אַריבער, און ער שעפטשעט: „איך גלויב ניט אין דעם".

„רייד ניט קיין נאַרישקייטן, פראַנץ, אין עטלעכע טעג אַרום וועסטו דאָס אַליין איינזען. אַ גרויסע זאַך: אָפגעשניטן אַ פוס; דאָ ווערן וויכטיקערע זאַכן אויך צוריק צוזאמענגעלאַטעט."

ער הייבט אוף א האנט. „גיב נאָר א קוק אַף די פינגער."

„דאָס קומט אַלץ פון דער אָפעראַציע. עס נאָר, ווי נויטיק איז, וועט שוין אַלץ גוט ווערן. באַקומט איר עפעס לייטיש צו עסן?"

ער ווייזט מיר אַ שיסל, וואָס איז נאָך פול ביזן העלפט. איך ווער אופגערעקט. „פראַנץ, דו מוזט עסן. עסן איז דער עיקר. די קעסט איז דאָך דאָ גוט".

ער לאָזט זיך ניט איבעררײדן. נאָך א קורצער הפסקה זאָגט ער פאמעלעך: „איך האָב געוואָלט ווערן אַ וואלדאופזעער."

„דאָס קאָנסטו דאָך שטענדיק ווערן", טרייסט איך אים. „ס'זיינען איצט פאַראַן גרויסארטיקע פראָטעזעס, און זיי מערקסטו גאָר אַפילו ניט, אז דיר פעלט עפעס. זיי ווערן ווי פון איין שטיק מיט די מוסקלען. בא האנט-פראָטעזעס קאָן מען באוועגן מיט די פינגער. און ארבעטן, שרייבן אפילו. און אחוץ דעם ווערן נאָך אַלץ מער און מער נייסן אויסגעפונען".

ער ליגט א ווײלע שטיל. נאָכדעם זאָגט ער: „דו קאָנסט מיטנעמען פאר מילערן מיינע שניר-שיך".

איך שאָקל צו און טראכט בא זיך צו, וואָס איך זאָל אים זאָגן, כדי אים אופצומונטערן. זיינע ליפן זיינען פארווישט, זיין מויל איז גרעסער געוואָרן, די ציין זיינען אויסגעשטשירעט, ווי

זיי וואַלטן זיין פון קרייט. דאָס פלייש צוגייט, דער שטערן וועלבט זיך בולטער, די סקולעס טרעטן שארפער אַרויס. דער סקעלעט שטופּט זיך שוין דורך. די אויגן פאלן אריין. אין משך פון א פאָר שעה וועט שוין קומען דער סוף.

ער איז ניט דער ערשטער, וועמען ס'זע אַזוי; אָבער מיר זיינען צוזאַמען אויסגעוואַקסן, און דאָ איז שוין דער ענין אַביסל אַנדערש. איך פלעג אָפשרייבן פון אים די שול-אַרבעטן. אין שול האָט ער שטענדיק געטראָגן אַ ברוין רעקל מיט אַ גורט, און אין די אַרבל איז דאָס רעקל געווען בלאַנק אויסגעריבן. ער איז געווען דער איינציקער צווישן אונז, וועלכער האָט קונציק דורכגעפירט די גרויסע איבונג אפן טורן-שטאַנג. און בעת ער האָט זיך געדרייט, זיינען אים די האר שטענדיק געפאַלן אין פנים, ווי זייד. קאַנטאָרעק האָט צוליב דעם מיט אים שטאָלצירט. אָבער קיין פאפּיראָסן האָט ער בשום אופן ניט געקאָנט פארטראָגן. זיין הויט איז געווען צאַרט ווייס, ער איז בכלל געווען אַ ביסל ווייבעריש.

איך קוק אַראָפּ אַף מיינע שטיוול. זיי זיינען גרויס און אומגעלומפּערט, די הויזן זיינען אַריינגעקאַשערט אין זיי; בעת מען הייבט זיך אויף, זעט מען אויס אין די דאָזיקע ברייטע קישקעס דיק און קרעפטיק. אָבער ווען מיר גייען זיך באָדן און טוען זיך אויס, באַקומען מיר מיטאַמאָל ווייטער שמאָלע פיס און שמאָלע פלייצעס. דעמאָלט זיינען מיר מער קיין זעלנער ניט, נאָר במעט אינגלעך, עס לאָזט זיך גארניט גלויבן, אַז מיר האָבן כח צו שלעפּן דאס רענצל. ס'איז אַ מאָדנע רגע, בעת מיר שטייען נאַקעט; דעמאָלט זיינען מיר ווייטער ציוויל-מענטשן, און מיר פילן זיך טאַקע במעט אזוי.

פראנץ קעמעריך האט באם באדן זיך אויסגעזען קליין און שמאל, ווי אַ קינד. אט ליגט ער דאָ איצט, און פארוואס? ס'וואלט געווען א יושר פארבייצופירן די גאנצע וועלט פאר דאס בעטל און זאגן: דאָס איז פראנץ קעמעריך ניינצן א האלב יאר אלט, ער וויל נישט שטארבן. לאזט אים ניט שטארבן!

מיינע געדאנקען הויבן זיך אָן מישן. די לופט פון קאַרבאַל און טוים פאַרמיסטיקט די לונגען, זי איז אַ קריכעדיקע קאַשע, וואָס ווערגט.

עס ווערט טונקל. קעמעריכס פּנים בלייכט זיך אַרויס פון די קישנס און שימער־ירט מיט זיין בלאַסקייט. די ליפּן באַוועגן זיך שטיל. איך בויג זיך צו, ער שעפּטשעט: „ווען איר ט'געפינען מיין זייגער, שיקט אים אַפ אַהיים."

איך רייד נישט אַנטקעגן. ס'האָט מער ניט קיין זין. מען קאָן אים שוין ניט איבערצייגן. איך מאַטער זיך צוליב מיין אומבאַהאָלפנקייט. אָט דער שטערן מיט די איינגעפאַלענע שלייפן, די מויל, וואָס איז שוין מער ניט ווי אַ געבּיס, די שפּיציקע נאָז! און אינדערהיים די דיקע, יאַמערנדיקע מאַמע, צו וועלכער איך מוז שרייבן. ווען איך וואָלט שוין געהאַט דעם בריוו אָפּגעשיקט.

סאַניטאַרן גייען אַרום מיט פלאַשן און עמערס. איינער קומט צו, וואַרפט אַף קעמעריך אַ פאַרשנדיקן קוק און גייט ווייטער אַוועק. מען זעט, אַז ער וואַרט, מסתמא דאַרף ער נויטיק דאָס בעטל.

איך רוק זיך צו נאָענט צו פראַנץ און רייד צו אים, פונקט ווי דאָס וואָלט אים געקאָנט ראַטעווען: „מעגלעך, פראַנץ, אַז דו וועסט אַריינפאַלן אין דעם דערהוילונג־היים אַפן קלויסטער־באַרג, צווישן די ווילעס. דאָרטן וועסטו קאָנען פון פענסטער אַרומכאַפּן מיטן אויג אַלע פעלדער, ביז צו די ביידע בוימער אַפן האָריזאָנט. איצט איז די שענסטע צייט, דער קאָרן ווערט אויסגערייפט, און אין דער אונטערגייענדיקער זון זעען די פעלדער אויס ווי פערל־מוטער. און די אַלייע אַפן ראַנד פונם קלויסטער־טייכל, וואו מיר האָבן געכאַפּט פישעלעך! דעמאָלט וועסטו דיר ווייטער קאָנען מאַכן אַן אַקוואַריום און האַדעווען פיש, דו וועסט קאָנען גיין, ווען דו ווילסט, און וועסט קיינעם ניט דאַרפן פרעגן, און ווען דו וועסט וועלן, וועסטו אפילו קאָנען שפּילן קלאַוויר."

איך בויג זיך אַריבער איבער זיין פּנים, וואָס ליגט אין שאָטן. ער אָטעמט נאָך שטיל, קוים צו הערן. זיין פּנים איז נאַס.

ער וויינט. יאָ, כ'האָב אָפּגעטאָן אַ שיינע שטיקל אַרבעט מיט מיין נאַרישער פלאַפלעריי!

„פראַנץ"—איך נעם אַרום זיין אַקסל און לייג צו מיין פּנים צו זיינעם. „ווילסט איצט שלאָפן?"

ער ענטפערט נישט. די טרערן רינען אים אַראָפּ פון די באַקן. איך וואָלט זיי אויסגעווישט, אָבער מיין טאַשן-טיכל איז צו ברודיק.

אַזוי פאַרגייט אַ שעה. איך זיין אָנגעשפּאַנט און היט אָפּ יעדע מינע זיינע, אויב ער וויל נאָך אַמאָל ניט עפּעס זאָגן. ווען ער וואָלט נאָר עפענען די מויל און אַ געשריי טאָן! אָבער ער האַלט נאָר דעם קאָפּ אָן אַ זייט און וויינט. ער רעדט ניט פון זיין מאַמען און פון זיינע ברידער און שוועסטער. ער זאָגט גאָר-נישט, דאָס אַלץ האָט ער שוין געלאָזן הינטער זיך; — ער איז איצט געבליבן אַליין מיט זיין קליינינקן ניינצן-יאָריקן לעבן און ער וויינט, ווייל דאָס לעבן פאַרלאָזט אים.

דאָס איז דער שווערסטער אָפּשייד, וואָס איך האָב נאָר איבערגעלעבט; אַפילו בײַ דעם גבור טיאַדען, וועלכער האָט געיאָמערט נאָך זיין מאַמען, און האָט מיט פאַרגלאָצטע אויגן און מיט אַן אַנטבלויזטן שפּיז ניט צוגעלאָזן צו זיך דעם דאָקטאָר, איז אויך ניט אַזוי שוידערלעך געווען.

מיטאַמאָל קרעכצט זיך קעמעריך אָפּ און הויבט אָן כאָרכלען.

איך שפּרינג אויף, לויף מיט שטרויכלענדיקע פיס אַרויס און פרעג: „וואו איז דער דאָקטאָר? וואו איז דער דאָקטאָר?"

ווען איך דערזע דעם ווייסן כאַלאַט, פאַרהאַלט איך אים. „קומט אַף גיך, אַניט וועט פראַנץ קעמעריך אָפּשטאַרבן."

ער באַפרייט זיך פון מיינע הענט און פרעגט בײַ אַ דערבײַשטייענדיקן סאַניטאַר: „וואָס איז דער נומער?"

יענער זאָגט: בעט 26, אַמפּוטירט דעם אויבערקני."

ער בײזערט זיך: „פונוואַנען זאָל איך דאָס וויסן, איך האָב היינט פינף פיס אַמפּוטירט", שטויסט מיך אָפּ, זאָגט צום סאַניטאַר: „טוט אַ קוק", און לויפט אַוועק צום אָפּעראַציע-זאַל.

איך גיי מיטן סאניטאַר און כ׳ציטער אינגאַנצן פון איינגע־האַלטענעם כעס. ער קוקט מיך אָן און זאָגט: „איין אָפּעראַציע נאָך דער אַנדערער, פון פינף אַזעלכע באַגינען—ס׳איז משוגע צו ווערן, זאָג איך דיר. פאַרן היינטיקן טאָג זיינען זעכצן מאַן אַוועק—דיינער איז דער זיבצעטער. בלי־ספק וועט נאָך דערגיין ביז צוואַנציק—“.

איך ווער שוואַך, איך קאָן שוין מער ניט. איך וויל מער ניט שילטן, ס׳לוינט זיך ניט. איך וואָלט זיך וועלן אַנידערוואַרפן און מער ניט אופשטיין.

מיר שטייען בײַ קעמעריכס בעטל. ער איז טויט. דאָס פנים איז נאָך נאַס פון טרערן. די אויגן זיינען האַלב אָפן, זיי זיינען געל, ווי אַלטע ביינערנע קנעפּ.

דער סאניטאַר דערלאַנגט מיר א טאַרקע. „וועסט מיטנעמען זיינע זאַכן?

איך שאָקל צו.

ער זאָגט ווייטער: „מיר מוזן אים תיכּף אַרויסטראָגן, מיר דאַרפן נויטיק דאָס בעטל. אַף דער פאָדלאָגע ליגט מען שוין און מען וואַרט.

איך קלייב צוזאַמען די זאַכן און קנעפּל אָפּ קעמעריכס דערקען־צייכן. דער סאַניטאַר פרעגט זיך נאָך אַפן זעלנער־ביכל. עס איז ניטאָ. איך זאָג, אַז ס׳מוז ליגן אין קאַנצעליאַריע. הינטער מיין פּלייצע פּאַקט מען שוין פראַנצן אַריין אין אַ געצעלט־לייוונט.

אַז איך גיי אַרויס, קומען מיר דער חושך און דער ווינט אַנטקעגן ווי אַן אויסלייזונג. איך אָטעם אָפּ ווי טיף איך קאָן נאָר, און שפּיר, ווי מיין פנים ווערט געצערטלט דורך אַ וואַרימער און ווייכער לופט. מיטאַמאָל קומען מיר אויף געדאַנקען וועגן מיידלעך, וועגן בליענדע לאָנקעס, וועגן ווייסע וואָלקנס. מיינע באַשטיוולטע פיס באַוועגן זיך פאָרווערטס, איך גיי גיך, איך לויף. זעלנער גייען פאַרביי מיר, זייערע שמועסן רעקן מיך אויף, אָבער איך פאַרשטיי זיי ניט. די ערד איז באַפרוכפּערט מיט כּחות, וועלכע דרינגען אין מיר אַריין דורך מיינע פוס־טריט און שטראָמען מיך דורך. די נאַכט שפּריצט מיט עלעקטרישע פונקען, דער

פראָנט דונערט טעמפּ, ווי א פּיקל=קאָנצערט. מיינע איברים באַוועגן זיך עלאַסטיש, איך פיל מיינע געליינקען, איך סאָפּע און פרייך. די נאכט לעבט, איך לעב. איך דערפיל אַ הונגער, אַ גרעסערן, ווי נאָר דעם מאָגן=הונגער. —

מילער שטייט פארן באַראַק און וואַרט מיך אָפּ. איך גיב אים אַוועק די שיך. מיר גייען אַריין, און ער פּאסט זיי אָן. זיי זיינען אים פּונקט אין מאָס.—

ער נישטערט אין זיין שפּייז=פּעקל און דערלאנגט מיר אַ גרויסן שטיק קעלבאַס. דערצו איז נאָך פאראן הייסער טיי מיט ראָם.

מיר האָבן באַקומען דערגאנצונג. די בלויזן זיינען אויסגעפילט געוואָרן, און באלד זיינען שוין אַלע שטרוי=זעק אין באַראַק פארנומען. טיילווייז זיינען דאָס אַלטע לייט, אָבער עס זיינען אונז אויך צוגעשיקט געוואָרן פינף= און= צוואַנציק יונגעלייט פון די פעלדרעקרוטן=קאזארמעס. זיי זיינען כמעט אַף אַ יאָר אינגער פון אונז. קראָפּ דורקעט מיך: „האָסט געזען די עופּהלעך?"

איך שאקל צו מיטן קאָפּ. מיר גרויסן זיך, לאָזן זיך אָפּגאָלן, האַלטן די הענט אין די הויזן=קעשענעס, באַטראַכטן די רעקרוטן און פילן זיך ווי אַלטע מיליטער=לייט.

קאטשינסקי קומט אויך צו צו אונז. מיר קווערן דורך די פערד=שטאַלן און קומען צו די דערגאנצונג=סאָלדאַטן, צווישן וועלכע מען טיילט גראד איצט גאַז=מאסקעס און קאַפע. קאט פרעגט באַ איינעם פון די אינגסטע: „איר האָט שוין אודאי אַ לאַנגע צייט נים באַקומען קיין לייטישע קעסט?"

יענער פארקרימט זיך: „אינדערפרי בוריקעס = ברויט — צו מיטיק בוריקעס = געקעכץ, אין אָוונט בוריקעס = קאטלעטן און בוריקעס=סאַלאט."

קאטשינסקי טוט א פייף מעשה וואוילקענער. „ברויט פון בוריקעס? נו, האָט איר נאך מזל געהאַט, זיי מאכן שוין ברויט פון זעגלשפּענער אויך. אָבער וואָס ווערסטו זאָגן וועגן ווייסע בעבלעך, ווילסט אפשר אַ פארציע?"

דער אינגל פארדרויטלט זיך. „צו וואָס זאָלסטו מיך אויסנארן?"

קאַטשינסקי ענטפערט: „נעם מיט דיין קעסעלע.“

מיר גייען נייגעריק נאָך. ער פירט אונז צו צו אַ פעסל לעבן זיין שטרויזאַק. דאָס פעסל איז אין דער אמתן ביזן העלפט פול מיט ווייסע בעבלעך און מיט רינד=פּליוש.

קאַטשינסקי שטעלט זיך פאַר דעם, ווי אַ גענעראַל, און זאָגט: „די אויגן אַרויף, די פינגער אויסציען! דאָס איז דער פאַראַל פון די פּריסן.“

מיר זיינען נשתומם. איך פרעג: „אַ רוח אין דיין פּנים, קאַט, ווי קומסטו צו אַזאַ מין אוצר?“

„דער קוכער איז צופרידן געווען, וואָס איך האָב דאָס אָפּגענומען בא אים. איך האָב אים דערפאַר געגעבן דריי רעשטלעך פאַראַשוטן=זייד. קאַלטערהייט זיינען די ווייסע בעבלעך גאָר אַ מין מאכל=מלכים.“

ער גיט דעם אינגל אַ פּאָרציע מיט אַ קוּפּ און זאָגט: „ווען דו קומסט אַהער אַ צווייטן מאָל מיט דיין קעסעלע, זאָלסט אין דיין לינקער האַנט האָבן אַ ציגאַר, אָדער אַ קיי=טאַבאַק. פאַרשטאַנען?“

נאָכדעם ווענדט ער זיך צו אונז. „איר, פאַרשטייט זיך, באַקומט אומזיסט.“

3

אָן קאַטשינסקי קאָן מען באמת ניט אויסקומען, ווייל ער פאַרמאָגט אַ זעקסטן חוש. אומעטום קאָן מען געפינען אַזעלכע פאַרשוינען, אָבער אין דער ערשטער רגע זעט קיינער ניט, אַז דאָס איז אַזוי. יעדער ראָטע האָט איינעם אָדער צוויי מענטשן פון דעם מין. קאַטשינסקי איז דער סאַמע דורכגעטריבענער, וואָס איך האָב נאָר באַגעגנט. לויט זיין באַרוף איז ער, ווי מיר שיינט, אַ שוסטער, אָבער דאָס שטערט אים לחלוטין ניט, ער פאַרשטייט יעדע מלאכה. עס איז גוט מיט אים צו זיין חברים. מיר זיינען זיינע פריינט, קראָפּ און איך. אויך האַיע וועסטהוס געהערט טיילווייז צו אונזער קאָמפּאַניע. ער איז יעדנפאַלס דער אויספירנדיקער כח, ווייל בעת עס מאַכט זיך אַ שטיקל אַרבעט, צו וועלכער

מען דאַרף האָבן קולאַקעס, אַרבעט ער אונטערן באַפעל פון קאַט. דערפאַר באַקומט ער דעמאָלט אויך א טייל.

מיר קומען, למשל, באַנאַכט אָן אין א לחלוטין אומבאַקאַנטן אָרט, א חושכדיקן נעסט, וואו מען זעט באַלד, אַז אַלע זיינען דאָרטן קבצנים אין זיבן פאַלעס. מיר שטייען אין א קליינעם טונקעלן פאַבריקל, וועלכער איז שוין פריער צוגעגרייט געוואָרן פאַר אונז. עס שטייען דאָרטן בעטלעך, ריכטיקער געזאָגט, נאָר בעט-ראַמען, א פאָר הילצערנע געשטעלן, פאַרצויגן מיט א דראָט-געפלעכט.

דראָט-געפלעכט איז האַרט. א קאָלדרע אָף אונטערצולייגן האָבן מיר ניט, אונזער קאָלדרע דאַרפן מיר אָף צוצודעקן זיך. דאָס געצעלט-לייוונט איז דין.

קאַט קוקט זיך דאָס אָן און זאָגט צו האַיע וועסטוס: „קום מיט.‟ זיי גייען אַוועק אין דעם אומבאַקאַנטן שטעטל. אין א האַלב שעה אַרום זיינען זיי דאָ צוריק, און זיי ברענגען גרויסע קוליעס שטרוי. קאַט האָט געפונען א פערדן-שטאַל און שטרוי דערין. מיר וואָלטן שוין איצט געקאָנט כאַפּן א פיינעם דרעמל, ווען מיר וואָלטן אָבער ניט געווען אַזוי הונגעריק.

קראָפּ פרעגט בא אַן אַרטילעריסט, וואָס איז שוין פון לייגער אין דעם געגנט: „איז דען דאָ ערגעץ פאַראַן א זעלנער-קרעטל?‟

יענער לאַכט: נאָך א נייס, דאָ קאָן מען גאָרנישט ניט באַקומען. אפילו קיין ברויט-קאָרקע קאָן מען דאַ ניט באַקומען.‟

„זיינען דאָ גאָר קיין איינוואוינער ניט פאַראַן?‟

ער שפּייט אויס. „יאָ, א פאָר זיינען נאָך געבליבן. אָבער זיי דרייען זיך אַליין אַרום יעדן קיך-קעסל און בעטלען א שטיקל ברויט.‟

דאָס איז א פאַסקודנע זאַך. מיר מוזן, הייסט עס, פעסטער איינציען דעם רימען אויפן לייב און וואַרטן, ביז אונזער קיך וועט מאָרגן פרי קומען.

איך זע אָבער, ווי קאַט טוט אָן זיין היטל, און כ'פרעג: „וואוהין גייסטו, קאַט?‟

„זיך אביסל צוקוקן, וואס ס׳טוט זיך." ער גייט ארויס.

דער ארטילעריסט לאכט איראניש. „קוק זיך צו! פארשאט זיך נאר ניט דערביי."

מיר לייגן זיך מיט גרויס אַנטוישונג און זיינען זיך מישב, אויב מיר זאלן עפעס אָפּגריזשען פון די איזערנע פארציעס. אָבער ס׳איז א גרויסע ריזיקע. און מיר פרואוון איינדרעמלען.

קראפ רייסט איבער א סיגארעטל און גיט מיר די העלפט. טיאדען דערציילט וועגן זיין נאציאנאלן מאכל, גרויסע בעבלעך מיט שפעק. אים געפעלט ניט, אז מען גרייט דאָס צו אָן בעבלעך-קרויט. קודם כל מוז מען אלץ אינאיינעם אויסקאכן, בשום אופן טאר מען ניט קאכן באזונדער די בולבעס, די בעבלעך און די שפעק. עמיץ בורטשעט, אז ווען טיאדען וועט תיכף ניט אויפהערן צו האקן א טשייניק, וועט ער פון אים גופא מאכן אַ בעבלעך-קאשע. אין דעם גרויסן רוים ווערט רואיק. נאר אין די העלזלעך פון די פלאשן ברענען א פאר ליכט, און פון צייט צו צייט שפייט דער ארטילעריסט אויס.

מיר דרעמלען שוין א ביסל, ווען די טיר עפנט זיך און קאט קומט אריין. מיר שיינט, אַז איך זע א חלום: אונטערן אָרעם האלט ער צוויי ברויטן, און אין האנט שלעפט ער א פארבלוטיקטן זאק מיט פערדן-פלייש.

דאם ארטילעריסט פאלט ארויס די ליולקע פון מויל. ער באטאפט דאָס ברויט. „יא, ס׳איז טאקע אמתדיק ברויט, און ס׳איז נאך ווארים."

קאט רעדט ניט וועגן דעם. ער האט ברויט, דאָס איבעריקע איז אים שוין גלייך. איך בין זיכער, אז ווען מען וועט אים לאזן אליין אפילו אין מדבר, וועט ער אין א שעה צייט זיך צוגרייטן א וועטשערע פון טייטלען, געבראטנס און וויין.

ער זאגט בקיצור צו האיע: „האק אן האלץ."

נאכדעם שלעפט ער ארויס פון אונטער זיין רעקל א בראט-פאן און נעמט ארויס פון קעשענע א הויפן זאלץ און אפילו א פענעץ שפעק — ער האט געטראכט וועגן אלץ. האיע מאכט

פייער אף דער פאדלאגע. אין דעם ליידיקן פאבריק=רוים נעמט קנאקן. מיר קריכן ארויס פון די בעטן.

דער ארטילעריסט ווייס ניט, וואס צו טאן. ער איז זיך מישב, צי זאל ער לויפן, כדי אים זאל אויך עפעס אפפאלן. אָבער קאטשינסקי קוקט אים גארניט אן, ער עקזיסטירט גאר פאר אים ניט. און ער גייט אוועק, זיך זידלענדיק.

קאט ווייס ווי אזוי צוצוגרייטן א וויי פערדיש געבראטנס. מען דארף ניט דאָס פלייש תיכּף לייגן אפן פאן, אניט ווערט דאס הארט. פריער מוז מען דאס אביסל דורכקאכן אין וואסער. מיר זעצן זיך ארום אין א רונדעל מיט אונזערע מעסערס אין די הענט און פאקן זיך אן די בייכער.

אט דאס איז קאט. ווען עס זאל זיך אין ערגעץ א געגנט באווייזן עפעס עסנווארג נאר אף איין שעה אין משך פון א גאנצן יאר, וועט ער פונקט אין דער שעה, ווי געטריבן פון עפעס א רוח=הקודש, אנטאן זיין הימל, גיין גראד אהין, און ווי פון א קאמפאס געפירט, געפינען וואס ס'איז נויטיק.

ער געפינט אַלץ — ווען ס'איז קאַלט, געפינט ער אויוועלעך און האָלץ, היי און שטרוי, טישן, שטולן, — אָבער אין דער ערשטער שורה אכילה. עס איז פשוט אַ רעטעניש, עס זעט אויס, ווי ער וואָלט דאָס אַלץ באַקומען מיט כּישוף. זיין גרעסטער אופטו איז געווען, בעת ער האָט איינמאָל דערקאַזשעט פיר שאכטלעך אָמאַרעס. יעדנפאַלס וואָלטן מיר צופרידענער געווען מיט שמאַלץ.

* * *

מיר האָבן זיך אויסגעלייגט אַף דער זוניקער זייט פון די באַראַקעס. עס טראָגט מיטן ריח פון פעך, פון זומער, פון פאַרשוויצטע פיס.

קאַט זיצט לעבן מיר, ווייל ער האָט ליב צו כאַפּן אַ שמועס. היינט באַטאָג האָבן מיר זיך אַ גאַנצע שעה געאיבט, ווי אָפּצוגעבן מיליטערישן כּבוד, ווייל טיאַדען האָט ניט באַגריסט אַ מאַיאָר, ווי געהעריק איז. דאָס קאַן קאַט בשום אופן

ניט פארגעסן. ער זאָגט: „איר ט'זען, מיר וועלן פאַרשפּילן דעם קריג, ווייל מיר פארשטייען זיך צו גוט אַף באַגריסן".

קראָפּ שפּרינגט צו צו אונז, באַרוועס, די הויזן פאַר־קאַשערט. ער לייגט אויס זיינע אויסגעוואַשענע סקאַפּעטקעס אַפן גראָז צום טריקענען. קאַט קוקט אַרויף אַפן הימל, לאָזט אַרויס אַ קלאַנג, ווי אַ דונער, און זאָגט נאָכדעם פאַרקלערט: „יעדער בעבל לאָזט הערן זיין קולכּל".

זיי הויבן ביידע אָן זיך צו האַמפּערן. זיי גייען אין געוועט אַף אַ פלאַש ביר בנוגע דעם אויסגאַנג פון אַ לופט־געפעכט, וואָס שפּילט זיך איבער אונז אָפּ.

קאַט האַלט זיך בּאַ דאָס זייניקע. ער האָט זיך זיין ווערטל, וואָס ער זאָגט אַרויס אין גראַמען: „וואָלטן אַלע געהאַט גלייכע שכירות און עסן, — וואָלט שוין דער קריג לאַנג געווען פאַרגעסן". —

קראָפּ ווידער איז אַ פילאָזאָף. ער לייגט פאָר, אַז אַ מלחמה־דערקלערונג זאָל זיין אַ מין פאָלקס־חגא אַף בילעטן און מיט מוזיק, אַזוי ווי אַף אָקסן־קאַמפן. און די מיניסטערס און גענעראַלן פון ביידע מדינות זאָלן אַף דער אַרענע זיך שלאָגן איינע מיט די אַנדערע, אַנגעטאָן אין באַד־הויזלעך און באַוואָפנט מיט שטעקנס. ווער עס וועט אַרויס גאַנץ מיט די ביינער, יענעמס מדינה האָט מנצח געווען. דאָס וואָלט געווען פּשוטער און בעסער, ווי דאָ, וואו עס שלאָגן זיך איינער מיטן אַנדערן ניט די אמתע שולדיקע.

דער פאָרלייג האָט בייפאַל. נאָכדעם גליטשט זיך דער שמועס אַריבער אַף דער קאַזאַרמע־תורה.

דערביי פאַלט מיר איין אַ בילד. אַ צעגליטער טאָג אַפן קאַזאַרמע־הויף; די היץ ליגט אומבאַוועגלעך איבערן פּלאַץ. די קאַזאַרמעס זעען אויס, ווי אויסגעשטאָרבן. אַלץ שלאָפט. מען הערט נאָר, ווי פייקלערס חזרן זיך, זיי האָבן זיך ערגעץ צונויפ־געקליבן און חזרן זיך, אומגעלומפּערט, איינטאָניק, טעמפּ. ווי אַט די אַלע דריי זאַכן קלינגען זיך צונויף: מיטיק־היץ, קאַזאַרמע־הויף און פייקלעריי!

די פענסטערן פון דער קאזארמע זיינען ליידיק און טונקל. פון אנדערע הייזער אריינגעקוקט זיך באוועלטע הויז. מען קוקט מיט בענקשאפט אריבער זיי. און די שטובן איז קיל. —

אָ, איר חושכדיקע, פארשימלטע קאזארמע־שטובן מיט די אייזערנע בעט־געשטעלן, די צעריסענע בעטן, די שריינקעלעך און די טאפוריטקעס פאר דעם! אפילו איר קאנט אויך ווערן אן אידעאל, צו וועלכן מען שטרעבט: דאָ, אפן שלאכט־פעלד, זייט איר אויך א לעגענדארישער אפגלאנץ פון דער היימאט, איר קעמערלעך, פול מיט שאד פון אָפגעשמאנענע עסנס, פון שלאף, רויך און פון בגדים!

קאטשינסקי שילדערט זיי מיט פארבן־פראכט און מיט גרויסער געריכטקייט. וואס וואלטן מיר נישט אוועקגעגעבן, אז מיר זאלן קאנען צוריק צו זיי קומען! צו קלערן וועגן עפעס בעסערס האבן מיר שוין גאר קיין העזה נישט —

די אינסטרוקציע־שעהן אינדערפרי — „אף וועלכע טיילן צופאלט דער ביקס 98?“ — די טורן־שעהן נאכמיטיק — „קלאוויר־שפילער פארויס. רעכטס. פארשרייבט זיך אין קאפ אף צו שיילן בולבעס“. —

מיר קווענקלען פון די זכרונות. דערווייל האָט מען דעם דייטשן אעראָפלאן אראפגעשאסן. ער פאלט אראפ אין א וואלקן רויך, ווי א קאמעט. קראפ האט צוליב דעם פארשפילט א פלאש ביר און ער ציילט אומעטיק זיין געלט.

„ווי אַ בריוו־טרעגער איז הימעלשטאָס בלי־ספק אַ באַשיידענער מענטשל“, האָב איך געזאָגט, נאכדעם ווי אַלבערטס אנטוישונג האט זיך איינגעליינגט, „אבער ווי קומט דאס, אז ווי אַן אונטער־אפיציר איז ער אזא הורג־נפש?“

די פראגע מאכט וויטער קראפן באוועגלעך. „דאס איז נישט נאר הימעלשטאס אליין, דאס זיינען נאך אַסך. ווי נאר זיי באַקומען בענדלעך אדער א שווערד, ווערן זיי גאר אנדערע מענטשן, פונקט ווי זיי וואלטן זיך אנגעשלונגען מיט אייזן.“

„דאָס מאַכט דער מונדיר", זאָג איך אַרויס אַ מיינונג.

„אומגעפער איז דאָס אַזוי", זאָגט קאַט און גרייט זיך צו האַלטן אַ לאַנגע דרשה, „אָבער די סיבה דערפון ליגט אין עפּעס אַנדערש. טו נאָר אַ קוק, ווען דו געוואוינסט איין אַ הונט צו פרעסן בולבעס, און דו לייגסט נאָכדעם פאַר אים אוועק אַ שטיקל פלייש, וועט ער פונדעסטוועגן זיך אַרופוואַרפן אַף דעם, ווייל דאָס ליגט שוין אין זיין נאַטור. און ווען דו גיסט אַ מענטשן אַביסל מאַכט, איז מיט אים אויך אַזוי; ער כאַפּט דאָס, ווי אַ פאַר־הונגערטער. דאָס קומט שוין פון זיך אַליין, ווייל קודם־כל איז דער מענטש אַ חיה, און ערשט נאָכדעם אפשר איז אַף אים, ווי אַף אַ פּוטער־ברויטל, אַרופגעשמירט אַביסל לייטישקייט. דער גאַנצער ענין זעלנעריי האַלט זיך נאָר אַף דעם, וואָס איינער האָט שטענדיק מאַכט איבערן אַנדערן. שלעכט איז דערביי נאָר דאָס, וואָס יעדער איינער האָט שוין צופיל מאַכט; דער אונטער־אָפיציר קאָן דעם פּשוטן סאָלדאַט אַזוי פאַרמוטשעגען, אַז יענער זאָל פון זינען אַראָפּ, דער לייטענאַנט קאָן דאָסזעלביקע טאָן מיטן אונטער־אָפיציר, און דער הויפטמאַן — מיטן לייטענאַנט. און ווייל ער ווייס זיין אומבאַגרענעצטע מאַכט, זוכט ער איר שוין אַרויסצוּאַוויזן. דו נעם נאָר דעם פּשוטסטן משל: מיר גייען פון מושטירן און מיר זיינען פאַרמאַטערט צום טויט. און מיטאַמאָל — אַ באַפעל: זינגען. נו, איז אַז אַך און ווי שוין צום געזאַנג, ווייל יעדער איינער פרייט זיך, אַז ער האָט נאָך כח צו שלעפּן זיין ביקס. און תיכף ווערט די ראָטע דערפאַר באַשטראָפט, זי מוז זיך צוריק אומקערן און זיך מושטירן נאָך אַ שעה. אַפן צוריק־וועג הייסט מען ווייטער זינגען, און איצט זינגט מען שוין, ווי נויטיק איז. וואָס פאַר אַ צוועק האָט דאָס אַלץ? דער לייטענאַנט האָט אויסגעפירט זינס, ווייל ער האָט די מאַכט. קיינער וועט אים דאָס ניט אופוואַרפן, פאַרקערט, ער באַקומט דורך דעם דעם נאָמען פון אַ שטראַמען אָפיציר. און דאָס איז נאָך אַ קלייניקייט, עס זיינען פאַראַן גאָר אַנדערע זאַכן, מיט וועלכע זיי פייניקן אונז. נו, פרעג איך אייך: קאָן אַ ציווילער מענטש, ווער

ער זאָל אויך ניט זײַן, זיך דערלויבן אַזוינס און דערבײַ ניט כאַפּן איבערן פּיסק? דאָס קאָן מען נאָר אויספֿירן מיט זעלנער, זעט איר, און אַזעלכע מעגלעכקייטן פֿאַרשיכורן יעדערן. און וואָס קלענער ער איז געווען אין זײַן ציוויל=באַרוף, אַלץ מער פֿאַרשיכורט אים די מאַכט.“

„ס׳הייסט: דיסציפּלין מוז זײַן“, — מאַכט קראָפּ פּויל.

„צוצעפּעניעשן“, ברומט קאַט, „האָבן זיי שמוענדיק, ס׳קאָן זײַן, אָבער עס דאַרף דאָך ניט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שיקאַנע. היינט גײ קלער דאָס אוף אַ שלאָסער, אָדער אַ קנעכט, אָדער אַן אַרבעטער; ער זעט נאָר איינס: אַז ער ווערט געפּײַניקט און נאָך דעם אָפּגעשיקט אַפֿן שלאַכט=פֿעלד, און ער ווייס אַף אַ האָר, וואָס ס׳איז נוציק און וואָס ניט. איך זאָג אײַך, אַז ס׳איז אַ חידוש וואָס דער זעלנער צעבונטעוועט זיך ניט! ס׳איז פּשוט אַ חידוש!

יעדער גיט דאָס צו, ווײַל יעדער ווייס, אַז נאָר דאָ, אין די פּאָזיציעס, הערט אוף דאָס איינדרעלן די קאַזאַרמע=תּורה, אָבער עטלעכע קילאָמעטער הינטערן פֿראָנט הייבט זיך דאָס שוין ווייטער אָן און ס׳שפּילט זיך אָפּ מיט דער גרעסטער אומזיניקייט, מיט מיליטערישע באַגריסונגען און פּאַראַד=מאַרשן. ווײַל ס׳איז אַן אייזערנער געזעץ: דער סאָלדאַט מוז בכל אופֿן האָבן אַרבעט.

עס קומט צו לויפֿן טיאַדען, מיט רויטע פֿלאַמען אין פּנים. ער איז אַזוי אויפֿגערעגט, אַז ער שטאַמלט. שטראַלנדיק זאָגט ער וואָרט באַ וואָרט: „הימעלשטאָס איז אונטערוועגס אַהער. ער קומט אַפֿן פֿראָנט“.

* * *

טיאַדען ברענט אַף הימעלשטאָסן ווי אַ פֿײַער, ווײַל יענער האָט אים אין באַראַק געפּײַניקט אַף אַ משונהדיקן אופֿן. טיאַדענען מאַכט זיך נאַס באַנאַכט, באַם שלאָפֿן. הימעלשטאַס האָט געטענהט, אַז דאָס איז ניט מער, ווי פֿוילקייט, און ער האָט אויסגעפֿונען אַ באַזונדערן מיטל, כּדי טיאַדען אויסצוהיילן.

אין דעם שכנותדיקן באַראַק האָט ער אויסגעגראָבן נאָך אַ סאָלדאַט מיט דעמזעלביקן בעלער. יענער האָט געהייסן קינדערפאַטער, און ער האָט אים איינקוואַרטירט צוזאַמען מיט טיאָדען. אין די באַראַקעס זיינען געשטאַנען די טיפּישע בעט־געשטעלן, צוויי בעטן איינס איבערן אַנדערן, צווישן די ראַמען אָנגעצויגן דראָט. הימעלשטאָס האָט ביידן אַזוי איינפּלאַצירט, אַז איינער האָט באַקומען דאָס אויבערשטע בעטל, דער אַנדערער — דאָס אונטערשטע. דער אונטערשטער איז, פאַרשטייט זיך, צוליב דעם געווען אין גרויסע צרות. דערפאַר איז ער אָבער די צווייטע נאַכט אָפּגעביטן געוואָרן, און ווער ס'איז פריער געווען אונטן, דער איז היינט געקומען אויבן, כדי זיין שאָדן זאָל אים פאַרגיטיקט ווערן. אָט דאָס איז געווען די מעטאָדע פון הימעלשטאָסן.

די המצאה איז געווען גראָב, אָבער די אידיי איז ניט קיין שלעכטע געווען. צום באַדויערן, האָט זי קיין נוצן ניט געבראַכט, ווייל די לכתחילהדיקע השערה איז געווען אַ פאַלשע: עס איז בא ביידן ניט געווען קיין פוילקייט. דאָס האָט געקאַנט איינזען יעדער, ווער ס'האָט זיך נאָר צוגעקוקט צו זייער אָפּבלייכער הויט. געענדיקט האָט זיך די זאַך דערמיט, וואָס איינער פון זיי ביידן האָט שטענדיק געשלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע. דערביי האָט ער זיך גאָר לייכט געקאָנט פאַרקילן.—

דערווייל האָט זיך האַיע אויך צוגעזעצט צו אונז. ער פינטלט מיר צו און רייבט התפּעלותדיק זיין לאַפּע. מיר האָבן צוזאַמען איבערגעלעבט דעם שענסטן טאָג פון אונזער זעלנערלעבן. דאָס איז געווען דער אָוונט, איידער מיר זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן אויפן שלאַכט־פעלד. מיר האָבן זיך פאַרגענומען אָפּצורעכענען זיך מיט הימעלשטאָסן. דאָס האָבן מיר זיך שוין געשוואָרן מיט אַ צייט צוריק. קראָפּ איז אַפילו אַזוי ווייט אַוועק, אַז ער האָט באַשלאָסן אין פרידנס־צייט אָנצוהייבן אַרבעטן אויפן פּאָסט־געביט, כדי שפּעטער, ווען הימעלשטאָס וועט ווייטער ווערן אַ בריוונטרעגער, צו זיין זיין שעף. ער האָט זיך געפּרעגלט פון הנאה, זיך מאָלנדיק די בילדער, ווי ער וועט אים פּייניקן. ווייל טאַקע צוליב דעם איז אים אוממעגלעך געווען אונז צו דערשלאָגן ביזן

סוף; מיר האבן שטענדיק געהאפט, אז מיר וועלן אים שוין אמאל כאפן, שפעטסטנס ווען דער קריג וועט זיך ענדיקן.

ביז וואס=ווען האבן מיר אים געוואלט ווי געהעריק אָנברעכן די ביינער. וואס האט דען מיט אונז געקאנט טרעפן, אז ער וועט אונז סיי ווי ניט דערקענען און מיר וועלן חוץ דעם מארגן פרי אָפּפארן?

מיר האבן געוואוסט, אין וועלכן טראקטיר ער זיצט יעדן אוונט. ווען ער איז פון דארטן געגאנגען צוריק אין קאזארמע, האט ער געמוזט דורכגיין א טונקעלע, פוסטע גאס. דארט האבן מיר אים אפגעווארט הינטער א קופע שטיינער. איך האב געהאט מיט זיך א ציכל פון א פערינע. מיר האבן געציטערט פון דערווארטונג, אויב ער וועט טאקע אליין פארבייגיין. צום סוף האָבן מיר דערהערט זיינע טריט, וועלכע מיר האבן שוין גוט געקענט. מיר האבן זיי געהערט יעדן פרימארגן, בעת די טיר איז אופגעפראלט געווארן און ס'האט א ברום געטאן: „אופשטיין!“

„אליין?“ האט קראפ געשעפטשעט.

„אליין!“ — איך מיט טיאדען האבן זיך געגנבעט פון יענער זייט שטיינער=קופע.

ס'האט שוין פארבייגעבלישטשעט דאס שלעסל פון זיין זייטן=שפיז. ווי עס שיינט, איז הימעל'שטאס געווען אביסל בגילופין; ער האט געזונגען. ער איז פארבייגעגאנגען גאָרנישט ניט מערקנדיק.

מיר האבן גענומען דאס ציכל, האבן א לייכטן שפרונג געטאָן, האבן עס אים אריבערגעווארפן איבערן קאָפּ, אַ ריס געטאן נאך אונטן, אזוי, אז ער איז געשטאנען ווי אין אַ ווייסן זאק און האט ניט געקאנט רירן די הענט. דאס זינגען איז אפגעשטארבן.

אין איין רגע איז שוין דא געווען האיע וועסטוס. מיט אויסגעשפרייטע ארעמס האט ער אונז אפגעשטופט צוריק, כדי ער זאל זיין דער ערשטער. ער האט זיך מיט גרויס הנאה געשטעלט אין א פאזע, האט אופגעהויבן דעם ארעם, ווי א סיגנאל=מאַסט, האט די האנט אויסגעבויגן, ווי א לאפעטע, און האט אזא זעץ

געטאָן איבערן ווייסן זאַק, אַז ער וואָלט דערמיט געקאָנט טויטן אַ בוהיי.

הימעלשטאָם האָט גענומען לויפֿן, זיך שטרויכלענדיק, געפֿאַלן פֿינף מעטער ווייטער פֿון אונז, און האָט אָנגעהויבן גוואַלדעווען. אָבער אויך פֿאַר דעם פֿאַל זײַנען מיר שוין געווען פֿאַרזאָרגט, ווײַל מיר האָבן געהאַט מיט זיך אַ קישן. האַיע האָט זיך צוגעזעצט מיט אונטערגעבויגענע פֿיס, האָט אַוועקגעלייגט דאָס קישן צו זיך אויף די קניען, האָט אַ כאַפּ געטאָן הימעלשטאָמען דאָרטן, וואו דער קאָפּ איז געווען, און האָט אים אַרײַנגעדריקט אין קישן. תּיכּף איז דער טאָן געוואָרן טעמפּער. האַיע האָט אים פֿון צײַט צו צײַט אָפּגעלאָזן כאַפּן לופֿט, דעמאָלט האָט דאָס באָרכלען זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ לויטן געשריי, וועלכער איז באַלד ווידער געוואָרן אײַנגעהאַלטן און צאַרט.

איצט האָט טאַדען אָפּגעקנעפּלט בײַ הימעלשטאָמען די הויזנטרעגער און האָט אים אָפּגעשפּיליעט די הויזן, דערבײַ האָט ער געהאַלטן דעם קאַנטשיק אײַנגעביסן אין די ציין. נאָכדעם האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט און זיך אָנגעהויבן באַוועגן אַהין און צוריק.

ס'איז געווען אַ וואונדערלעך בילד: הימעלשטאָם אויף דער ערד, איבער אים איז געזעסן האַיע מיט אַ טײַוואָלאַנישן שמייכעלע און מיט אַ ברייט־געעפֿנטן מויל פֿון הנאה, און האָט געהאַלטן בײַ זיך אויף די קניען הימעלשטאָמס קאָפּ, נאָכדעם די אויפֿציטערנדיקע, געשטרייפֿטע אונטערהויזן מיט די נאָך אויסווייניק אויסגעבויגענע פֿיס, וועלכע האָבן אין די אַראָפּגעלאָזענע הויזן בײַ יעדן שמיץ געמאַכט די משונהדיקסטע באַוועגונגען, און איבער דעם אַלעמען האָט ווי אַ האָלץ־העקער געאַרבעט טאַדען און ער איז גאָרניט אײַנגעמאַטערט געוואָרן שמייכנדיק. מיר האָבן אים פּשוט מיט געוואַלד געמוזט אָפּרײַסן, כּדי אויך צו כאַפּן אַ שטיקל מצווה.

צום סוף האָט האַיע ווייטער אַוועקגעשטעלט הימעלשטאָמען אויף די פֿיס און האָט נאָך געגעבן אַ ספּעציעלע פֿאָרשטעלונג. מיט זײַן רעכטער האָט ער זיך אַזוי פֿאַרמאַסטן, אַז ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך גרייטן אַראָפּרײַסן די שטערנס פֿון הימל. הימעלשטאָם האָט זיך איבערגעקערט. האַיע האָט אים אויפֿגעהויבן,

האָט אים אָוועקגעשטעלט קעגן זיך און האָט אים דערלאַנגט א צווייטן קנאַק מיט דער לינקער האַנט. הימעלשטאָם האָט געגומען סקאַוואַטשען און ער איז אַנטלאָפן אף אַ'לע פיר. זיין געפּאַס־קעוועטער בריוו־טרעגער־הינטן האָט שמעריט אונטער דער לבנה.

מיר זייגען זיך אף גיך פאַנאַנדערגעלאָפן.

האָיע האָט זיך נאָכאַמאָל אויסגעדרייט און האָט געזאָגט מיט העפטיקן צאָרן, געזעמיקט און אַביסל אומפארשטענדלעך: „נקמה איז בלוטוואָרשט. ״—

אייגנטלעך האָט הימעלשטאָם געמעגט צופרידן זיין ווייל זיין ווערטל, אז שטענדיק מוז איינער דעם אנדערן דערציען, האָט זיך אף אים אַליין אַרויסגעוויזן. מיר זיינען געוואָרן גוטע תלמידים פון זיין תורה.

ער האָט זיך ניט דערוואוסט, ווען ער האָט צו פאַר־דאַנקען די שטיקל אַרבעט. יעדנפאַלס האָט ער דערביי פאַרדינט א פערינע־ציבל: ווייל ווען מיר האָבן אין א ווייל ארום זיך ארומגעקוקט, איז שוין דאס ציבל מער ניט געווען צו געפינען.

אט דער אָוונט איז געווען די סיבה דערפון, וואס מיר זיינען אף מאָרגן אַפּגעפאָרן א ביסל מוטיקער. א ציגן־בערדל האָט אונז זייער געריט אנגערופן „העלדישע יונגט. ״

.4

מיר מוזן גיין פאַר'ים צו די אקאפּעס. די משא־אויטאָס פאָרן אָפּ, ווען ס'ווערט טונקל. מיר קריכן אף זיי אַרויף. ס'איז א וואַרעמער אָוונט, און דער בין־השמשות קומט אונז פאָר, ווי א דעק־טוך, אונטער וועלכן מיר פילן זיך גוט. דער בין־השמשות בינדט אונז צונויף; אַפילו דער קאַרגער טיאַדען איז מיר מכבד מיט א סיגאַרעטל און גיט מיר פייער.

מיר שטייען איינער לעבן אנדערן, געדיכט אנגעשטעלט, זיצן קאָן קיינער ניט. מיר זיינען אויך ניט געוואוינט דערצו. מילער איז גוט געשטימט: ער טראָגט זיינע נייע שטיוול.

די מאטאָרן הויבן אָן ברומען, די אויטאָס בראָזגענען און פּילדערן. די שליאַכן זײַנען אָפּגענוצט און פול גריבער. קיין פייער טאָר מען ניט אָנצינדן, דעריבער פאָרן מיר אין זיי אַריין, אַז מיר קוגצן שיעור ניט אַרויס פון וואָגן. אָבער דאָס באַאומרואיקט אונז ניט. וואָס קאָן דען געשען? אַ געבראָכענע האַנט איז דאָך אַלץ בעסער ווי אַ לאָך אין בויך, און אַנדערע ווינטשן זיך טאַקע אַזאַ גוטע געלעגנהייט, כּדי צו קומען אַהיים.

לעבן אונז פאָרן אין לאַנגע שורות די מוניציע=אַבאָזן. זיי אײַלן זיך, יאָגן אונז כּסדר איין. און מיר וויצלען זיך, זיי ענטפערן.

מען דערזעט אַ געמויערטע וואַנט פון אַ הויז, וואָס ליגט פאַושע וועג. איך שטריינג מיטאַמאָל אָן די אויערן. בין איך זיך ניט טועה? און איך הער ווייטער בולט אַ פּומפּענען פון גענז.

אַ קוק אויף קאַטשינסקי — אַ קוק פון אים צוריק; מיר פאַרשטייען איינער דעם אַנדערן.

„קאַט, איך הער דאָ די שטים פון אַ קאַנדידאַט" —

ער שאָקלט צו. „ס'וועט שוין זיין, צוריקוועגס. איך קלייב זיך דאָ גוט פאַנאַנדער."

געוויס קלייבט זיך קאַט פאַנאַנדער. ער קען זיכער יעדע גענזענע פעלקע אויף אַ מהלך פון 20 קילאָמעטער.

די אויטאָס קומען אָן אין ראַיאָן פון דער אַרטילעריע. די האַרמאַטן זײַנען פאַרשטעלט מיט בוימלעך קעגן אַן אַעראָפּלאַן, ווי אויף אַ מין מיליטער=מאַסקאַראַד. די דאָזיקע סוכּהלעך זעען אויס זייער פריידלעך און לוסטיק, ווען אונטער זיי וואָלטן זיך נאָר ניט געפינען קיין האַרמאַטן.

די לופט ווערט מטושטש פון האַרמאַטן=רויך און נעפּל. דער ריח פון פּולווער ליגט זיך מיט ביטערקייט אויף דער צונג. די שאָסן קנאַקן, אַז אונזער אויטאָ ציטערט, דער אָפּקלאַנג הילכט טומלדיק אָפּ, אַלץ וואַקלט זיך, אונזערע פּנימער ענדערן זיך אומבאַמערקט. מיר פאָרן אפילו ניט צו די שיין=גריבער, מיר דאַרפן נאָר בויען שאַנצן, אָבער אויף יעדן פּנים שטייט איצט געשריבן: דאָ איז דער פראָנט, איצט געפינען מיר זיך אין זיין מלוכה.

דאָס איז נאָך ניט קיין פּחד. ווען עמ׳ץ פּאָרט אַפן פראָנט אַזוי אָפט, ווי מיר, ווערט ער גראָבהויטיק. נאָר די יונגע רעקרוטן ווערן אויסער זיך. קאַם קנעלט מיט זיי איין: „דאָס איז געוועזן אַ שאָס פון אַ 30,5. איר הערט דאָס נאָכן קלאַפּ; — באַלד קומט דער זעץ.“

אָבער דער טעמפּער הילך פון די זעצן דערגרייכט ניט פון יענער זייט. ער ווערט דערטרונקען אין דעם געפּילדער פון פראָנט. קאַט האָרכט זיך צו: „די נאַכט וועט דערלאַנגען.“

מיר הערן זיך אַלע צו. דער פראָנט איז אומרואיק. קראָפּ זאָגט: „די שאַן בול שיסט שוין.“

מען הערט דייטלעך די שאָסן פון די ענגלישע באַטאַרייעס, רעכטס פון אונזער סעקטאָר. זיי הייבן אָן מיט אַ שעה פריער. בײַ אונז האָבן זיי שטענדיק אָנגעהויבן פּונקט אום צען.

„וואָס טראַכטן זיי זיך“, זאָגט מילער „זייערע זייגערס לויפן מסתמא.“

„ס׳וועט עפּעס דערלאַנגען, זאָג איך אײַך, איך פיל דאָס שוין אין די ביינער.“ קאַט מוט אַ הייב די פּלייצעס.

לעבן אונז ציטערן אָפּ דריי שאָסן. אַ פייער-שטראַל שניידט דורך באַלכסון דעם נעפּל, די האַרמאַטן ברומען און גוואַלדעווען. מיר כאַפּן אַ דרינזשיק און פרייען זיך, וואָס מאָרגן אינדערפרי וועלן מיר שוין ווייטער זײַן אין די באַראַקעס.

אונזערע פּנימער זײַנען ניט בלאַסער און ניט רויטער, ווי שטענדיק; זיי זײַנען אויך ניט אָנגעצויגענער און ניט אָפּגעלאָזענער, אָבער זיי זײַנען דאָך אַנדערש; מיר שפּירן, אַז אין אונזער בלוט איז עפּעס אײַנגעדרייט אַן עלעקטרישער קאָנטאַקט. דאָס איז ניט קיין מליצה, אַזוי איז עס טאַקע. און דער קאָנטאַקט ווערט אויפגעשרויפט אַפן פראָנט דורכן באַוואוסטזיין פון פראָנט. אין דער רגע, ווען עס צעפּייפן זיך די ערשטע גראַנאַטן, ווען די לופט ווערט צעפּיצלט אונטער די שאָסן, קומט פּלוצלונג אויף אין אונזערע אָדערן, אין אונזערע הענט, אין אונזערע אויגן אַ הכנעהדיק וואַרטן, אַ לאָקערן, אַ שטאַרקערע וואַכזאַמקייט, אַ

משונהדיקע באַוועגלעכקייט פון אַלע חושים. מיט איין רוק איז דאָס לייב שוין אין פולשטענדיקער גרייטקייט.

אָפט שיינט מיר, אַז דאָס טאַנצט איבער אונז מיט אַ קלאַנגלאָזן פּאַכענען די צעטרייסלטע, וויבּרירנדיקע לופט; אָדער ווי פון דעם פּראַנט גופא וואָלט אויסשטראַלן אַן עלעקטריע, וואָס שפּיצט אָן גאָר אומבאַקאַנטע נערוון.

יעדעס מאָל איז דאָס אייגענע: בעת מיר פּאָרן אָפּ, זיינען מיר וואַרטשנדיקע, אָדער גוט-געשטימטע זעלנער; — נאָך דעם הילכן די ערשטע האַרמאַטן-שאָסן, און יעדעס וואָרט אונזערס באַקומט שוין גאָר אַן אַנדער קלאַנג. —

בעת קאַט שטייט בּאַ די באַראַקעס און זאָגט: „עס וועט עפּעס דערלאַנגען“, — איז דאָס מער ניט ווי זיין מיינונג; — ווען ער זאָגט אָבער דאָ אָט די פראַזע, איז זי שאַרף ווי אַ שפּיז אונטער דער לבנה, זי שניידט דורך די געדאַנקען פאַר-קווער, זי איז נעענטער צו דעם אומבאַקאַנטן, וואָס האָט אין אונז אויפגעוואַכט, און רעדט צו אים מיט אַ טונקעלן באַטייט. „עס וועט עפּעס דערלאַנגען.“ — אפשר ציטערט דאָס אויף אונזער אינעווייניקסטער און סודותדיקסטער לעבן, און ער הייבּט זיך אויף צום אָפּוועָר.

* * *

פאַר מיך איז דער פּראָנט אַ מוראַדיקע קעסל-גרוב. אפילו ווען מען שווימט נאָך אין רואיקע וואַסערן ווייט פון זיין צענטער, שפּירט מען שוין דעם זויגנדיקן כּח, וועלכער ציט צו זיך, פּאַ-מעלעך, אומפּאַרמיידלעך, אָן ווידערשטאַנד.

פון דער ערד און פון דער לופט בּאַקומען מיר אָבער אָפּוועָר-כּחות, — באַזונדערש פון דער ערד. פאַר קיינעם איז די ערד ניט אַזוי וויכטיק, ווי פאַר דעם זעלנער. בעת ער פּרעסט זיך צו איר צו קרעפטיק, בעת ער טוליעט זיך צו איר מיטן פּנים און מיט אַלע איבּרים אין טויט-שרעק פאַרן פייער, דעמאָלט איז זי זיין איינציקער פריינט, זיין ברודער, זיין מאַמע, אין איר שטול-שווייגעניש און אין איר פאַרוואָרגנקייט זופצט ער אריין זיין

מורא און זיינע ברומען, זי נעמט זיי אָן. פון אים און לאזט אים ווייטער אפּ אף צען סעקונדן געלאף און לעבן, נעמט אים פונדאסני אוף, און אנדערע מאל שוין אף שטענדיק.

ערד — ערד — ערד —!

די ערד, מיט דיינע קניטשן און גריבער און אויסהוילעניש, אין וועלכע מען קאן זיך אריינוואַרפן, אריינטופּען! ערד, די האסט אונז אין קראמף פון גרויל, אין פאנאנדערשפּריין פון פארטיליקונג, אין טויט-ברום פון די אופּרייסן געגעבן די אומגעהויערע קעגנבוואליע פונם געוואונענעם לעבן! דער ווילדער שטורם פון צעריסענע לעבנס האט אינם צוריק-שטראם פון דיר געפלאסן דורך אונזערע הענט, אזוי אז מיר האבן די געראטעוועטע איינגעגראבן אין דיר און אין שטומען צעשראקענעם גליק פון דער אריבערגעלעבטער מינוט האבן מיר זיך איינגעביסן אין דיר מיט אונזערע ליפּן! —

בא דעם ערשטן אָפּדונערן פון די גראנאטן ווערן מיר אין אַ טייל פון אונזער יש מיט איין רוק אָוועקגעשליידערט אַף טויזנטער יאָרן צוריק. דאָס וואכט אין אונז אוף דער היהשער אינסטינקט, און ער פירט מיט אונז אָן און באשיצט אונז, ער איז אומבאקאנט, ער איז א סך געשווינדער און זיכערער פון דעם באוואוסטזיין. עס לאָזט זיך ניט דערקלערן. מען גייט און מען טראכט וועגן גאָרנישט — מיטאמאָל ליגט מען שוין אין אַן ערד-מולטער און פון אויבן שיטן זיך פון אַלע זייטן און שפּריצן שפּליטערס; — אָבער מען קאָן זיך לחלוטין ניט דערמאָנען, אויב מען האט געהערט, ווי דער גראנאט קומט אָן, און אויב מען האָט פריער אַ טראכט געטאָן וועגן לייגן זיך. אַז מען וואָלט זיך געוועזן פארלאָזן אַף דעם, וואָלט מען שוין פון לאַנג געוועזן א הייפל צעפיצלט פלייש. אָט יענס אַנדערע, דאָס נביאישע דערשמעקן, האָט אונז אַ ריס געטאָן און געראַטעוועט, און מיר ווייסן גארניט, ווי אַזוי. ווען ניט דאָס, וואָלטן שוין פון פלאנדערן ביז צו די וואגעזן פון לאַנג קיין מענטשן ניט געוועזן.

אַז מיר פֿאָרן אַרויס, זײַנען מיר וואַרטשנדיקע אָדער גוט=געשטימטע זעלנער, — מיר קומען אין דער זאָנע, וואו ס'הויבט זיך אָן דער פראָנט, און מיר ווערן מענטשן=חיות.

* * *

מיר פֿאָרן אַרײַן אין אַ מאָגערן וועלדל. מיר גייען פֿאַרבײַ די סאָלדאַטן=קיכן. הינטערן וואַלד גייען מיר אַראָפּ. די אויטאָס פֿאָרן צוריק. מאָרגן, איידער ס'ווערט ליכטיק, וועלן זיי אונז צוריק אָפּפֿירן.

איבער די לאָנקעס שפּרייט זיך אַ נעפּל און אַ האַרמאַטן=רויך און גרייכט ביז צום האַלדז. די לבֿנה באַשײַנט אַלץ. איבערן וועג גייען חילות. די שטאָלענע קיווערס שימערירן מיט מאַטע רעפֿלעקסן אין לבֿנה=ליכט. פֿון דעם ווײַסן נעפּל שווימען אַרויס קעפּ און ביקסן, און זיי וואַקלען זיך.

ווײַטער, צו פֿאָרנטצו, פֿאַרשווינדט דער נעפּל. די קעפּ פֿאַרוואַנדלען זיך דאָרטן אין געשטאַלטן; — רעקלעך, הויזן און שטיוול שווימען אַרויס פֿון דעם נעפּל, ווי פֿון אַ מילך=טײַך. זיי וואַקסן זיך פֿאַנאַנדער אין אַ קאָלאָנע. די קאָלאָנע לאָזט זיך גראַד, די געשטאַלטן בילדן אַן אויסגעצויגענעם דרייעק, מען זעט שוין מער ניט אַרויס קיין איינצלנע, נאָר אַ טונקעלער לאַנגער דרייעק רוקט זיך נאָך פֿאָרנט און ווערט אויף אַ משונהדיקן אופֿן אָן אויפֿהער דערגאַנצט מיט קעפּ און ביקסן, וואָס שווימען כּסדר אַרויס פֿון דעם נעפּל=טײַך. אַ קאָלאָנע — קיין מענטשן אָבער ניט.

פֿון אַ קווער=וועג פֿאָרן צו לײַכטע האַרמאַטן און מוניציע=וועגלעך. די רוקנס פֿון די פֿערד גלאַנצן אין לבֿנה=שײַן, זייערע באַוועגונגען זײַנען שיין, זיי פֿאַרוואַרפֿן די קעפּ, זייערע אויגן בלישטשען, די האַרמאַטן און פֿורן גליטשן זיך פֿאַרבײַ דעם פֿאַרשווימענדיקן הינטערגרונט פֿון דער לבֿנה=לאַנדשאַפֿט, די רײַטער אין זייערע שטאָלענע קיווערס זעען אויס, ווי ריטערס פֿון אַמאָליקע צײַטן, עס איז עפּעס אַזוי שיין און ס'פֿאַרכאַפּט.

מיר גייען צום סאפיאָרן־פּאַרק. אַ טייל פון אונזעריקע פּאַקט זיך אַרויף אויף די פּ׳ייצעס געבויגענע, שפּיציקע אייזערנע שטאַנגען, אַנדערע טוען דורך גלאַטע אייזערנע שטעקנס דורך דראָט־שפּולן און גייען דערמיט אוועק. די משא איז אומבאַקוועם און שווער.

דער גרונט ווערט אַלץ צעביסענער. פון פאָרנט קומען אָן התראות: „אופּפּאַסן, לינקס איז אַ טיפער גראַנאַט־טרעכטער" — „פאַרזיכט, אַ גראָבן" —

אונזערע אויגן זיינען אָנגעשטריינגט, אונזערע פיס און שטעקנס טאַפּן פריער די ערד, איידער מיר טרויען איר אָן די משא פון אונזערע לייבער. מיטאמאָל בלייבט די פראָצעסיע שטיין; מען שפּרינגט אַריין מיטן פּנים אין דער דראָט־שפּולקע פון דעם פאָרויסגייענדיקן, און מען זידלט זיך אויס.

דעם וועג פאַרשטעלן עטלעכע צעשאָסענע אויטאָס. אַ נייער באַפעל. „סיגאַרעטן און ליולקעס פאַרלעשן." — מיר געפינען זיך האַרט בײַ די גראָבנס.

דערווייל איז שוין גאָר טונקל געוואָרן. מיר מיידן אויס אַ וועלדל און מיר זעען שוין פאַר זיך דעם פראָנט־סעקטאָר.

אַן אומבאַשטימטע, רויטלעכע ליכטיקייט פאַרציט דעם האָריזאָנט פון איין בּרעג צום אַנדערן. די ליכטיקייט באַוועגט זיך בּסדר, דאָס פייער פון די באַטאַרייעס צופּט איר אָן אָפּהער דורך. איבער די האַרמאַטן הייבן זיך לייכט־קוילן, זילבערנע און רויטע פּילקעס, זיי פּלאַצן און גיסן זיך פאַנאַנדער אין אַ רעגן פון ווייסע, גרינע און רויטע שטערנס. עס שיסן אויף פראַנצויזישע ראַקעטעס, אינדערלופטן וויקלען זיי זיך פאַנאַנדער, ווי אַ זייַדענער שירעם, און לאָזן זיך פּאַמעלעך אַראָפּ. זיי באַלויכטן אַלץ, ווי בּאַטאָג, זייער שיין דערגרייכט צו אונז, מיר זעען אונזערע אייגענע שאַרפע שאָטנס אויף דער ערד. זיי פליען עטלעכע מינוטן, בּיז זיי בּרענען אויס. תּיכּף הייבן זיך אומעטום אויף נייע, און צווישן זיי ווייטער די גרינע, רויטע און בּלאָע.

„שלימזלי", זאָגט קאַט.

דאָס געוויטער פון די הארמאטן שטארק זיך, פאַרוואנדלט זיך אין לויטער טעמפן דונער און צעפאלט באַלד ווידער אין גרופן־שאָסן. עס טראָגט זיך דאָס טרוקענע קנאקן פון די קוילן־ווארפער. די לופט איבער אונז איז פול מיט אַ אומגעזעענער יאָגעניש, ברומען, פייפן און זשיפן. דאָס זיינען אַלץ קלענערע הארמאַטן;—פון צייט צו צייט דונערן אויך אַריין די גרויסע כּלים. זיי ווארפן אין דער נאכט אריין אומגעהויער־שווערע גראַנאַטן, וועלכע רייסן אוף ווייט הינטער אונז. זייער טומל איז אַ כאַרכ־לענדיקער, הייזעריקער, אַ ווייטער, אַזוי ווי פון הירשן אין דער צייט פון פאַרונג, און זיי שניידן דורך זייער וועג הויך איבער דעם געפּילדער און דעם פייפן פון די קלענערע האַרמאַטן.

די פּראזשעקטאָרס הויבן אָן צו באַטאַפּן דעם שווארצן הימל. זיי גנבענען זיך איבער אים ווי טוראַדיק־גרויסע לינעאַלן. איין פּראָזשעקטאָר בלייבט שטיין אָף איין אָרט און ער ציטערט. תּיכּף איז שוין בּא אים פאראַן אַ צווייטער, זיי קווערן זיך דורך, צווישן זיי בּיידן קריכט אַ שווארצער שרצל און זוכט צו אנטלויפן: דער אוויאַטאָר. ער ווערט פאַרבּלענדט און פאַרשווינדלט.

* * *

אין רעגלמעסיקע אָפּשטאַנדן שטופּן מיר אַרײַן אין דער ערד די אײַזערנע שטײַנגלעך. צוויי מאַן האַלטן צו אַ ראָלקע, די אַנדערע וויקלען אָפּ די שטעך־דראָט. דאָס איז אַ פּאַסקודנער דראָט מיט געדיכטע, לאַנגע שטעכלקעס. איך האָב זיך שוין אָפּגעוואוינט פון דעם דראָט־אָפּוויקלען און כ׳צערײַס זיך די האַנט.

נאָך אַ פּאָר שעה זײַנען מיר פאַרטיק. אָבער מיר האָבן נאָך צייט ביז די משא־אויטאָס וועלן קומען. מערערע פון אונז לייגן זיך אַוועק שלאָפן. איך פּרוּוו דאָס אויך טאָן. אָבער עס ווערט צו קיל. מען מערקט, אַז מיר זײַנען נאָענט צום ים. מען כאַפּט זיך כּסדר אוף פון קעלט.

איינמאל שלאָף איך פּעסט אײַן. בּעת איך פלי מיטאַמאָל אוף אינדערהויך, ווייס איך גאָר ניט, וואו איך בּין. איך זע די

שטערנס. איך זע די ראַקעטעס און אַף אַ רגע דאַכט זיך מיר, אז איך בין איינגעשלאָפן אַף אַ גאָרטן יום־טוב. איך ווייס ניט, אויב עס איז פרימאָרגן אָדער אוונט, איך ליג אין דעם בלייכן חיגעלע פון דעם מאָרגן־דעמערן און איך וואַרט אַף מילדע ווערטער, וואָס מוזן קומען, אַף מילדע און טוליענדיקע ווערטער — ווין איך דען? איך כאַפּ זיך פאַר די אויגן, עס איז אַזוי וואונדערלעך, בין איך דען אַ קינד? א צאַרטע הויט; — נאָר איין רגעלע געדויערט דאָס, דעמאָלט דערקען איך קאַמשינסקיס סילועט. ער זיצט רואיק, דער אַלטער זעלנער, און רויכערט אַ ליולקע, מיט א דעקל, נאַטירלעך. ווען ער זעט, אַז איך בין וואַך, זאָגט ער: „אַ פיינעם שפּרונג האָסטו געטאָן. דאָס איז נאָר געווען א צינדער, וואָס האָט דאָ אין די בוימלעך אופגעזשיפּעט".

איך זעץ זיך; איך פיל זיך משונהדיק איינזאַם. גוט וואָס קאַמ איז דאָ. ער קוקט פאַרטראַכט אַפן פראַנט און זאָגט: „אַ גאַנץ שיין פייערווערקל. ווען ס'זאָל ניט אַזוי געפערלעך זיין".

הינטער אונז קלאַפּט אריין א גראַנאַט. אַ פּאָר רעקרוטן שפּרינגען אוף דערשראָקן. אין אַ פּאָר מינוטן ארום פייערט עס ווידער אריין, נעענטער, ווי פריער. קאַט קלאַפּט אוים זיין ליולקע. „אַהאַ, זיי גיבן צונטער".

ס'הויבט זיך אָן. מיר פּויזשענען אַוועק אין איילעניש, ווי ס'לאָזט זיך. דער דריטער שאָס זעצט זיך אַריין אין אונזער רעכטן מיטן.

אַ פּאָר מענטשן שרייען. אַפן האָריזאָנט באַווייזן זיך גרינע ראַקעטעס. קויט פליט אינדערהויך, שפּליטערס זשומען. ווען די זעצן זיינען שוין פאַרשטומט געוואָרן, הערט מען נאָך אַלץ דעם טומל פון די אַרופּפליענדיקע שפּליטערס.

לעבן אונז ליגט אַ צעשראָקענער רעקרוט מיט אַ פלאַקסענעם קאָפּ. ער האָט איינגעפּרעסט דאָס פּנים אין די הענט. זיין קיווער האָט זיך אַוועקגעקייקלט. איך כאַפּ אים צוריק און וויל אים אַרופשפּאַרן אַף זיין קאָפּ. ער קוקט אַרוף, שטופּט דעם קיווער אָפּ און קריכט ווי א קינד מיטן קאָפּ אונטער מיין אָרעם,

טוליעט זיך צו מיין ברוסט. די שמאלע פּלייצעס טרייסלען זיך. פּונקט אזעלכע פּלייצעס, ווי קעמעריך האָט געהאַט.

איך לאָז אים. כּדי דער קוועדער זאָל אָבער צו עפּעס נוצן, פּאַק איך אים ארויף אף זיין געזעס, ניט פון נאַרישקייט, נאָר פון אויסרעכענונג, ווייל דאָס איז דער בולטסטער אָרט. דאָס פלייש איז דאָרטן אפילו גראָב, אבער ווען מען טרעפט אהין אריין מיט א קויל, טוט עס שטאַרק וויי, אַחוץ דעם מוז מען חדשים לאַנג ליגן אין לאַזאַרעט אפן בויך און נאָכדעם בלייבט מען שוין א הינקעדיקער.

ערגעץ האָט א גראַנאַט שטאַרק איינגעקלאַפּט. צווישן איין זעץ און דעם אַנדערן הערט מען קולות.

סוף־כל־סוף ווערט רואיק. דאָס פייער איז איבער אונז אוועק ווייטער און ליגט זיך איצט אף די לעצטע רעזערוו־גראָבנס. מיר דרייסטן זיך א קוק צו טאָן. אפן הימל פלאַטערן רויטע ראַקעטעס. מסתמא קומט איצט אַן אַטאַקע.

בא אונז בלייבט עס רואיק. איך זעץ זיך און טרייסל דעם רעקרוט פאַר דער פּלייצע: „ס'איז פאַרביי, קליינער! ס'האָט אונז נאָך אַמאָל אָפּגעגליקט."

ער קוקט זיך צעטומלט אַרום. איך זאָג אים צו: „וועסט זיך שוין צוגעוואוינען."

ער דערזעט זיין קוועדער און טוט אים אָן. פּאַמעלעך קומט ער צו זיך. מיטאַמאָל ווערט ער צונטער־רויט און באַקומט א פאַר־שעמט פּנים. פאַרזיכטיק ציט ער אויס די האַנט הינטערוויילעכס און קוקט מיך פאַרמאַטערט אָן. איך פאַרשטיי: פּראַנט־חולאת. איינגטלעך האָב איך ניט צו דעם צוועק דאָרטן ארויפגעפּאַקט דעם קוועדער, — אבער איך טרייסט אים: "דאָס איז קיין בזיון ניט: גרעסערע לייט פאַר דיר האָבן בעת זייער ערשטן פייער־פּרואוו אָנגעמאַכט פולע הויזן. גיי הינטערן בוימל און וואַרף אוועק דיינע התחתונים. פאַרטיק."

* * *

ער ציט אָפּ. עס ווערט שטילער, אָבער די קולות הערן ניט אויף. „וואָס איז דאָס, אַלבערט?" פֿרעג איך.

„אַף יענער זייט האָטן אויסגעלייגט אַ פּאָר קאַלאָנעס."

מען שרייט אַלץ. דאָס זיינען ניט קיין מענטשן, מענטשן קאָנען ניט אַזוי שוידערלעך שרייען.

קאַט זאָגט: „פֿאַרוואונדיקטע פֿערד."

איך האָב נאָך ניט געהערט, ווי פֿערד שרייען, און ס'גלייבט זיך מיר ניט. דאָס קרעכצן דאָרטן איז דאָס געיאָמער פֿון דער וועלט, די געפּייניקטע חיה, ווילדע גרויליקע יסורים. מיר זיינען בלייך. דעטערינג הויבט זיך אויף. „שינדערס, שינדערס! שיסט זיי דאָך אַראָפּ!"

ער איז אַ לאַנדווירט און פֿערד זיינען אים נאָענט. גראָד איצט אַזוי ווי אַף צולהכעיס, איז דאָס פֿייער כמעט אַנטשוויגן, און די געשרייען הערן זיך נאָך דייטלעכער. מען ווייס מער ניט, פֿון וואַנען דאָס קומט אין אָט דער שטילער זילבערנער לאַנדשאַפֿט, מען זעט דאָס ניט, ס'איז געשפּענסטיק, ס'באַהערשט דעם גאַנצן רוים צווישן הימל און ערד, עס וואַקסט זיך אַלץ פֿאַנאַנדער, אָן אַ מאָס — דעטערינג ברומט אויסער זיך: „דערשיסט זיי, דערשיסט זיי דאָך, צו אַלדי רוחות!"

„פֿריער מוז מען דאָך אָפּראַמען די מענטשן," זאָגט קאַט.

מיר הייבן זיך אויף און זוכן דעם אָרט. ווען מען וועט זען די פֿערד, וועט לייכטער זיין אַריבערצוטראָגן. מאַיער האָט בא זיך אַ שפּאַקטיוו. מיר זעען אַ טונקעלע גרופּע סאַניטאַרן מיט טראָג=בעטלעך און דערביי שוואַרצע, גרויסע רומפּן, וואָס באַוועגן זיך. דאָס זיינען די פֿאַרוואונדיקטע פֿערד. אָבער ניט אַלע. אַביסל ווייטער לויפֿן אַנדערע אין גאַלאָפּ, פֿאַלן און לויפֿן ווייטער. בא איינעם איז אויפֿגעריסן דער בויך, די אינגעווייטן שלעפּן זיך נאָך. דאָס פֿערד פֿאַרפּלאָנטערט זיך אין זיי און פֿאַלט, אָבער עס הויבט זיך ווייטער אויף.

דעטערינג הייבט אויף זיין ביקס און צילעוועט זיך. קאַט שטופּט אים אָפּ. „ביסט משוגע —?"

דעטערינג טוט אַ ציטער און וואַרפֿט אַוועק זיין ביקס.

מיר זעצן זיך און האַלטן צו די אויערן. אָבער דאָס שוי־דערלעכע קלאַנגן און קרעכצן און יאָמערן ברעכט זיך דורך, עס רייסט זיך אומעטום אַריין.

מיר קאָנען אַלע אויסהאַלטן פאַרשיידענעס, אָבער דאָ גיסט זיך פון אונז שווייס. עס ווילט זיך אַנטלויפן, גאר גלייך וואוהין, אַבי נאר מער ניט צו הערן די געשרייען. און דערביי זיינען דאָך דאָס ניט קיין מענטשן, נאָר פערד.

פון דעם טונקעלן קנויל שיילן זיך אַרויס טראָג־בעטלעך. עס קנאַקן אַפּ עטלעכע שאָסן. די רומפּן צאַפּלען זיך און ווערן פלאַ־כער. ענדלעך! אָבער ס׳איז נאָך ניט דער סוף. די מענטשן קו־מען ניט צו צו די פאַרוואונדיקטע בעלי־חיים, וועלכע אַנטלויפן צעשראָקן, מיט זייער גאַנצן ווייטיק אין די ברייט אופגעריסענע מאַרדעס. איינע פון די געשטאַלטן שטעלט זיך אַפּן קני, אַ שאָס — איין פערד פאַלט — נאָך אַ פערד. דאָס לעצטע שפּאַרט זיך אָן אַף די פאָדערשטע פיס און דרייט זיך אין אַ קרייז ווי אַ קאַ־רוסעליע, זיצנדיק דרייט עס זיך אין קרייז אַף די הויך אַנגעשפּאַרטע פאָדערשטע, מסתמא איז זיין רוקן צעשמעטערט. דער זעלנער לויפט צו און שיסט עס אַראָפּ. פּאַמעלעך און הכנעהדיק גליטשט זיך דאָס פערד אַראָפּ צו דער ערד.

מיר נעמען אַוועק די הענט פון די אויערן. די געשרייען זיינען פאַרשטומט געוואָרן. נאָר אַן אויסגעצויגענער, גוססער זיפץ הייגנט נאָך אין דער לופטן. נאכדעם זעען זיך ווייטער נאר די ראַקעטעס, עס הערט זיך דאָס זינגען פון די גראַנאַטן, עס פינק־לען די שטערנס, — און דאָס אַלץ איז עפּעס מאָדנע.

דעטערינג גייט און שילט זיך: „כ׳וואָלט וועלן וויסן, וואָס זיינען זיי שולדיק.“ ער קומט צו נאָכאַמאָל. זיין קול איז אופ־געטעקט, עס קלינגט כמעט פייערלעך, בעת ער זאָגט: „איך זאָג אייך, ס׳איז אַ פּשוטע חזירייַ, וואָס מען נעמט בעלי־חיים אַף מלחמה.“

* * *

מיר קערן זיך אום. עס איז שוין צייט צו גיין צו אונזערע אויטאָס. דער הימל איז געוואָרן אַ ברעקעלע ליכטיקער. אַזייגער דריי באַגינען. דער ווינט איז פריש און קיל, די בלייבע שעה גיט אונזערע פּנימער צו אַ גראָקייט.

מיר טאַפּן אונזער וועג איינער נאָכן אַנדערן דורך גראָבנס און טרעכטערס און קומען ווייטער אָן אין דער נעפּל־זאָנע. קאַ־טשינסקי איז אומרואיק, דאָס איז אַ שלעכטער סימן.

„וואָס איז מיט דיר, קאַט?" פרעגט קראָפּ.

„כ'וואָלט וועלן, מיר זאָלן שוין זיין אינדערהיים." — דאָס מיינט ער די באַראַקעס.

„ס'וועט שוין ניט לאַנג געדויערן, קאַט."

ער איז נערוויז. „כ'ווייס ניט, כ'ווייס ניט" —

מיר דערגרייכן די טראַנשייעס און נאָכדעם די לאָנקעס. דאָס וועלדל שווימט אַרויס; מיר קענען דאָ יעדן טריט. אָט איז שוין דער יעגער־בית־עולם מיט די בערגלעך און די שוואַרצע צלמים.

אין דעם מאָמענט טוט הינטער אונז אַ פּייף, עס וואַקסט זיך פונאַנדער, פּלאַצט, דונערט. מיר האָבן זיך איינגעבויגן — הונדערט מעטער פאַר אונז האָט אַרופגעשטיגן אַ פייערדיקער וואָלקן.

אין דער נאָענטסטער מינוט פליט אונטער אַ צווייטן קלאַפּ אויף אַ שטיק וואַלד לאַנגזאַם איבער די שפּיצן ביימער, דריי — פיר ביימער פליען מיט און ווערן דערביי צעפּיצלט. איינער נאָכן אַנדערן זשומען שוין די גראַנאַטן, ווי קעסל־קלאַפּאַנעס — אַ שאַרף פייער. —

„אַ שוץ!" שרייט עמיץ — „אַ שוץ!" —

די לאָנקעס זיינען פלאַך, דער וואַלד איז צו ווייט און געפערלעך; — עס איז ניטאָ קיין אַנדער שוץ, אַחוץ דעם בית־עולם און די קברים־בערגלעך. מיר שטרויכלען אין חושך אַהין אַריין, ווי פון שדים געיאָגט, קלעפּט זיך יעדער גלייך צו הינטער אַ בערגל.

ס'איז די רעכטע צייט. דער חושך אַרום אונז רירט זיך

פון זינען, עס כוואליעט און טומלט. טונקלקייטן, וואָס זייגען נאָך שווארצער ווי די נאכט, טאַנצן מיט ריזיקע הויקערס פאר אונז, איבער אונז. דאָס פייער פון די אופּרייסן פלאַקערט איבערן בית־עולם.

קיין אויסוועג איז אין ערגעץ ניט פאַראַן. אינם אופּבליץ פון אַ גראנאט כאַפּ איך אַ בליק אַף די לאַנקעס. זיי זיינען, ווי אַ צעבושעוועטער ים, מעכטיקע פלאַמען פון די הארמאַטן שפּרינגען ארום, ווי די פאָנטאַנעס. ס'איז פּשוט אויסגעשלאָסן, אַז עמיץ זאָל זיך דערפון ארויסראַטעווען.

דער וואלד פארשווינדט. ער ווערט צעשטויסן, צעריסן, צעפליקט. מיר מוזן בלייבן דאָ אפן בית־עולם.

די ערד פאַר אונז ווערט צעשפּאָלטן. עס רעגנט מיט שטיקער ערד. איך דערפיל א צופּ. מיין אַרבל איז צעפליקט געוואָרן דורך א שפּליטער. איך קוועטש צוזאמען דעם פויסט. קיין ווייטיק איז ניטאָ. אָבער דאָס בארואיקט מיך ניט. פארלעצונגען טוען ווי ערשט שפּעטער. איך באריר דעם אָרעם. ער איז אָנגעדראָפּעט, אָבער גאַנץ. עס טוט א זעץ אין מיין שארבן, און מיין באוואוסטזיין שווימט ערגעץ אוועק. עס קומט מיר אויף אַ געדאַנק, ווי א בליץ: נאָר ניט פאַלן אין חלשות! איך טונק זיך אָפּ אין א שווארצער קאַשע און שווים תיכּף ארויף פונדאָסנײ. אַ שפּליטער האָט איינגעקלאַפּט אין מיין קווער, ער קומט פון אזוי ווייט, אַז ער האָט אים ניט דורכגעהאַקט. איך וויש זיך פון די אויגן אָפּ די בלאָטע. פאר מיר איז אופגעריסן אַ לאָך, איך זע דאָס מטושטשדיק. גראַנאַטן טרעפן געווייגטלעך ניט אָן אין דעמזעלביקן טרעכטער, דעריבער וויל איך אהין אריינקריכן. מיט איין רוק טו איך זיך אַ ציִ אויס, איך ליג פלאַך איבער דער ערד, ווי א פיש — און דאָ פייפט עס ווייטער, איך קריך אַף גיך אַוועק, זוך א שוץ, דערטאַפּ עפּעס לינקס פון זיך, דריק מיך צו, עס גיט נאָך, איך קרעכץ, די ערד שפּאַלט זיך, דער לופט־דרוק ציטערט אין מיינע אויערן, איך קריך אונטער מיין נאָכגעבנדיקן שוץ, דעק זיך אריבער דערמיט, דאָס איז האָלץ, טוך, שוץ, שוץ,—נעבעכדיקער שוץ קעגן די פליענדיקע שפּליטערס.

איך עפן די אויגן; — מיינע פינגער האַלטן ארומגעכאַפּט אַן ארבל, אַן אָרעם. אַ פאַרוואונדיקטער? איך שריי צו אים — קיין ענטפער — אַ טויטער. מיין האַנט טאַפּט ווייטער אין אַ האַלץ — איך ווייס, אַז מיר ליגן אויף אַ בית־עולם.

אָבער דאָס פייער איז שטאַרקער פון אַלץ. עס פאַרהילכט דעם שכל, איך קריך נאָר טיפער אַראָפּ אונטערן אָרון, ער זאָל מיך באַשיצן. פאַרדעקן, און אויב אפילו אין אים ליגט דער טויט אַליין.

איך זע דעם טרעכטער. איך באַטאַפּ אים מיט די אויגן, ווי מיט הענט, מיט איין שפרונג מוז איך אריין אַהין. — איך כאַפּ אַ זעץ אין פנים, אַ האַנט כאַפּט מיך אָן פאַר דער פלייצע, — איז דער טויטער אויפגעוואַכט? — די האַנט טרייסלט מיך, איך דריי אויס דעם קאָפּ, אין דעם אויגנבליקלעכן שיין דערזע איך קאַטשינסקיס פנים, ער האַלט די מויל ברייט אָפן און ער ברומט, איך הער נישט, ער צופּט מיך, דערנעענטערט זיך; ווען ס'לאָזט אַ רגע אָפּ, דערהער איך זיין שטים: „גאַז—גאַאַאַז—גאַאַאַז—גיב ווייטער איבער — !”

איך ריס אויף דעם גאַז־בייטל... אביסל ווייטער פון מיר ליגט עמיץ. איך טראַכט מער וועגן גאָרנישט, אחוץ איין זאַך: יענער דאַרפן מוז דאָס וויסן: „גאַאַאַז—גאַאַאַז — !”

איך שריי, רוק זיך צו, פּאַטש צו אים מיטן בייטל, ער מערקט נישט — נאָכאַמאָל, נאָכאַמאָל — ער ציט נאָר אריין דעם קאָפּ — ס'איז אַ רעקרוט — איך קוק פאַרצווייפלט אין קאַטש זייט, ער האָט אָנגעטאָן די מאַסקע — איך שלעפּ מיינע אויך ארויס, דער קיווער פליט אוועק אָן אַ זייט, די מאַסקע פאַרציט זיך איבער מיין פנים, איך דערגרייך דעם רעקרוט, נעענטער פון אַלץ ליגט צו מיר זיין גאַז־בייטל. איך כאַפּ די מאַסקע, ציה זי אריבער איבער זיין קאָפּ, ער נעמט זי אָן — איך לאָז אָפּ — און מיט איין שפרונג ליג איך שוין אינעם טרעכטער.

דאָס טעמפּע קנאַלן פון די גאַז־גראַנאַטן מישט זיך צונויף מיט די קלעפּ פון די אויפרייסן. צווישן די אויפרייסן הילכט אַ

גלאָק, גאַנגען און מעטאַלענע קלאַפּגעצייג פאַרשפּריטן אומעטום די בשורה — גאַז—גאַז—גאַז — הינטער מיר, הער איך, פאַלט עפּעס א שווערע זאַך. איך ווייש אויס ריין די פאַרצווייגענע אויגן־שייבלעך פון מיין מאַסקע. איך זע, דאָס זיינען קאַט, קראָפּ און נאָך עמיץ. זאַלבעפירט ליגן מיר אין שווערע, לאָקערנדיקער געשפּאַנטקייט און אָטעמען גאָר שוואַך, ווי שוואַך ס'איז נאָר מעגלעך.

די דאָזיקע ערשטע מינוטן אין דער מאַסקע טראָגן ארויס דעם פּסק־דין אַף לעבן אָדער טויט: לאָזט זי ניט דורך? איך קען שוין די שוידערלעכע בילדער פונם לאַזאַרעט אויס: גאַז־קראַנקע, וועלכע ווערגן זיך גאַנצע טעג אָן אויפהער און ברעכן אויס שטיקלעכווייז די פאַרשרפעטע לונגען.

איך אָטעם פאָרזיכטיק, צוגעדריקט די מויל צום פּאַטראָן. איצט שלייכט דאָס פאַרפעסטיקטע גאַז איבער דער ערד און עסט זיך איין אין אַלע פאַרטיפונגען. עס לייגט זיך פאַנאַנדער אין אונזער טרעכטער ווי א פאַנטאַסטישע חיה און כאַרכלט. איך טו קאַטן א שטופּ: ס'איז בעסער ארויסצוקריכן און צו ליגן אויבן, איידער דאָ, וואו עס קלייבט זיך דאַס גאַנצע גאַז. אבער מיר באַוויזן דאָס ניט צו טאָן, עס הויבט זיך אָן שיטן אַ נייער פייער־האָגל. עס זעט אויס ניט ווי די גראַנאַטן וואַלטן ברומען, עס שיינט אַז די ערד איז אראָפּ פון זינען.

אין אונזער באַהעלטעניש טוט זיך מיט רעש א הויב עפּעס א שוואַרצע משא. האַרט לעבן אונז פאַלט עס אראָפּ: ס'איז א הויך ארויפגעשליידערטער אָרון.

איך זע, ווי קאַט באַוועגט זיך און קריכט אַריבער ווייטער. דער אָרון האָט אַ זעץ געטאָן דעם פערטן פון אונז אין דעם אויסגעצויגענעם אָרעם. ער פּרואווט איצט מיט דער אַנדער האַנט אַראָפּרייסן די גאַז־מאַסקע. קראָפּ פאַרכאַפּט נאָך צו דער רעכטער צייט, פאַרדרייט אים די האַנט הינטערן רוקן און האַלט זי פעסט צו.

קאַט און איך פּרווּשן צו, כדי צו באַפרייען דעם פאַרוואונדיקטן אָרעם.

דער דעקל פון ארון איז שוואך און צעשפּאלטן, מיר קאָנען אים אן גרויס מאַטערנִיש אַראָפּרייסן; דעם טויטן וואַרפן מיר אַרויס, ער טוט אַ פאַל, ווי אַ זעקל, נאָכדעם פּרוּאוון מיר באַפרייען דעם אונטערשטן טייל פונם אָרון.

צום גליק פאַרלירט דער מאַן דעם באַוואוסטזיין, און אַלבערט קאָן אונז איצט באַהילפיק זיין. איצט דאַרפן מיר שוין מער ניט אַזוי פאַרזיכטיק זיין, און מיר אַרבעטן, ווי מיר קענען, ביז דער ארון גיט מיט אַ קרעכץ נאָך די אונטערגעשפּאַרטע לאָפּעטעס.

עס איז ליכטיקער געוואָרן. קאַט נעמט אַ שטיק פונם דעקל, לייגט עס אונטערן צעבראָכענעם אָרעם, און מיר בינדן אים ארום מיט אלע אונזערע פאַרבאַנדן. מער קאָנען מיר אין דער רגע נישט אופטאָן.

דער קאָפּ טומלט מיר און הודזשעט אין דער גאַז-מאַסקע, ער האַלט באַם פּלאַצן. די לונגען זיינען אָנגעשטריינגט, זיי כאַפּן די גאַנצע צייט נאָר איין און דעמזעלביקן הייסן, אָפּגענוצטן אָטעם, די שלייפן-אָדערן ווערן אופגעשוואָלן, איך האַלט באַם דערשטיקט ווערן.

אַ גראָ ליכט קוקט צו אונז אַריין. איבערן בית-עולם בושעוועט אַ ווינט. איך רוק זיך אַריבער דעם ראַנד פון טרעכטער. אין דער ברודיקער דעמער-ליכט ליגט פאַר מיר אַן אַראָפּגעריסענע פוס, דער שטיוול אויף איר איז גאַנץ, אין דער רגע זע איך דאָס אַלץ דייטלעך. עטלעכע מעטער ווייטער הייבט זיך איצט אויף אַן אַנדערער, איך פּוץ אויס די מאַסקע-גלעזער, זיי ווערן פון מיין אופרעקן זיך תּיכּף ווייטער פאַרצויגן, איך קוק אַריבער— יענער דאָרטן טראָגט מער ניט קיין מאַסקע.

איך וואַרט אָפּ נאָך עטלעכע סעקונדן — מיט אים פּאַסירט נישט קיין בייז, ער קוקט זיך זוכנדיק אַרום און שטעלט עטלעכע טריט, — דער ווינט האָט צעטריבן דאָס גאַז, די לופט איז פריי, —און איך רייס אַראָפּ כאָרכלענדיק די מאַסקע און פאַל

אוועק, ווי קאַלט וואַסער גיסט זיך מיר אין די לונגען אַריין די לופט, די אויגן רייסן מיר, א כוואַליע פאַרפלייצט מיך מיט טונקלקייט און לעשט מיך אויס.

* * *

די זעצן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. איך דריי זיך אום צום טרעכטער און ווינק צו די אַנדערע. זיי קריכן אַרויס און רייסן זיך אַראָפּ די מאַסקעס. מיר כאַפּן אַרום דעם פאַרוואונדעטן, אײנער האַלט צו זיין פאַרבונדענעם אָרעם. אַזוי ציען מיר האַסטיק אָפּ.

דער בית־הקברות איז אין הוילע חורבות. איבערן גאַנצן פעלד ליגן צעשאָטן אָרונות און טויטע. זיי זיינען איצט צום צווייטן מאָל געטויט געוואָרן; אָבער יעדער פון זיי האָט מיט זיין צעפּיצלט ווערן געראַטעוועט עמיצן פון אונז.

דער פאַרקן איז חרוב, די רעלסן פון דעם פעלד־אייזנבאַן אויף יענער זייט זיינען אויפגעריסן, זיי טאַרטשען הויך אויסגעבויגן און גלאַנצן אין דער לופטן. פאַר אונז ליגט עמיץ. מיר שטעלן זיך אָפּ, נאָר קראָפּ גייט מיטן פאַרוואונדיקטן ווייטער.

אויף דער ערד ליגט א רעקרוט. די זייט איז ביי אים אין בלוט; ער איז אַזוי פאַרחלשט, אַז איך נעם זיך צו מיין זעלנערפלעשל, אין וועלכער איך האָב נאָך ראָם מיט טיי. קאַט שטופּט אָפּ מיין האַנט און בויגט זיך אַריבער איבער אים: „וואו האָסטו דאָס געפּאַקט, חבר?"

ער באַוועגט נאָר מיט די אויגן; ער איז צו שוואַך צו ענטפערן.

מיר צעשניידן פאָרזיכטיק די הויזן. ער קרעכצעט. „רואיק, רואיק ס'וועט בעסער ווערן —"

אויב ער האָט א בויך־שאָס, טאָר ער נישט טרינקען. ער האָט ניט אויסגעבראָכן, דאָס איז גוט. מיר אַנטבלויזן זיין היפט. זי איז א הוילע קאַשע פון פלייש מיט שפּליטערס פון ביינער. דאָס געלינק איז אָנגעטראָפן. אָט דאָס אינגל וועט מער שוין ניט קאָנען גיין.

איך ריר אים אן מיטן באַנעצטן פינגער דעם שלייף און גיב אים אַ זופּ. אין זיינע אויגן באַווייזט זיך באַוועגונג. ערשט איצט דערזעען מיר, אַז אויך פון זיין רעכטן אַרעם גיסט זיך בלוט.

קאַט צעדריוולט צוויי פאַרבאַנד־פּעקלעך אַזוי ברייט, ווי מעגלעך, זיי זאָלן קאָנען פאַרדעקן די גאַנצע וואונד. איך זוך אַ שטיק שטאָף, כדי זי אַריבערצובינדן. מיר האָבן גאָרנישט, דע־ריבער רייס איך דעם רעקרוטס הויזן אויף ווייטער, כדי צו פאַר־ברויכן זיינע אונטערהויזן פאַר אַ פאַרבאַנד. אָבער ער טראָגט נישט קיין אונטערהויזן. איך קוק זיך נעענטער צו: דאָס איז דער געב־טיקער פלאַקס־קאָפּ.

קאַט האָט דערווייל אַרויסגענומען בײַ אַ הרוג פון די קע־שענעס נאָך פּעקלעך, און מיר לייגן דאָס צו צו דער וואונד. איך זאָג צום אינגל, וועלכער ליגט און קוקט אויף אונז: „מיר ברענגען אַ טראָג־בעטל".

ער עפנט די מויל און שעפּטשעט אַרויס: „בלייבט דאָ—"

קאַט זאָגט: „מיר קומען תיכּף צוריק. מיר ברענגען פאַר דיר אַ טראָג־בעטל."

ס'איז נישט צו זען, אויב ער האָט עפּעס פאַרשטאַנען; ער יאָמערט שטיל, ווי אַ קינד: „נישט אַוועקגיין—"

קאַט קוקט זיך אַרום און פּליסטערט: „איז נישט כּדאַי צו נעמען אַ רעוואָלווער, כּדי ער זאָל אויפהערן?"

דאָס אינגל וועט מסתּמא נישט אויסהאַלטן דאָס אַריבערפירן, און העכסטנס וועט עס ציִען נאָך אַ פּאָר טעג. אָבער דאָס, וואָס ס'איז ביז איצט געווען, וועט זיין נאָר אַ שיבוש אַנטקעגן דעם, וואָס ער וועט נאָך דורכמאַכן ביזן אָפּשטאַרבן. דערווייל איז ער נאָך באַטויבט און פילט נישט. אין אַ שעה אַרום וועט ער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ווילד־שרייענדיקן קנויל אומדערטרעגלעכע יסורים. די טעג, וואָס ער האָט נאָך צו לעבן, זיינען פאַר אים אין אייביקע מאַטערדיקע פּיין. און וועמען וועט דאָס אַרן, אויב ער וועט אויסטרינקען די גאַנצע פּיין, אָדער ניט—

איך בין מסכּים. „יאָ, קאַט, מ'האָט געדאַרפט נעמען אַ רעוואָלווער."

„גיב אהער", מאכט קאט. ער האט זיך באשלאסן, איך זע דאס. מיר קוקן זיך ארום. אבער מער זיינען מיר שוין ניט אליין. עס קלייבט זיך צונויף א געזעמל, פון די טרעכטערס און גראבנס קריכן ארויס קעפ.

מיר ברייננגען א טראג-בעטל.

קאט שאקלט מיטן קאפ. „אזעלכע יונגע יאטן" — ער חזרט דאס איבער: „אזעלכע יונגע, אומשולדיקע יאטן—"

* * *

מיר האבן פארלארן ווייניקער, ווי ס'האט זיך פריער אויס-געדאכט: פינף טויטע און אכט פארוואונדעטע. ס'איז נאר געווען א קורצע פייער-אטאקע. צוויי פון אונזערע טויטע ליגן אין איינעם פון די אופגעריסענע קברים, מיר דארפן זיי נאר פארשיטן.

מיר טרעטן אפ. שטילשווייגנדיק גייען מיר איינער הינטערן אנדערן. די פארוואונדעטע ווערן אפגעפירט אין סאניטאר-פונקט. דער פרימארגן איז כמורנע, די סאניטארן לויפן ארום מיט נומערן און צעטלען. די פארלעצטע יאמערן. א רעגן נעמט שפרייען.

מיט א שעה שפעטער האבן מיר דערגרייכט אונזערע אויטאס און מיר קריכן אריין. איצט איז אין זיי פאראן מער פלאץ, ווי פריער.

דער רעגן שטארקט זיך. מיר שפרייטן אויס געצעלט-לייוונט איבער אונזערע קעפ. דער רעגן פויקט איבערן לייוונט. פון די זייטן שטראמען אראפ לוזשעס. די אויטאס פלאנטשענען איבער די גראבנס, און מיר שאקלען זיך אין האלבן דרעמל, אהין און אהער.

צוויי מאן שטייען אין פאדערשטן אויטא און האלטן לאנגע שטעקנס, וואס פארענדיקן זיך מיט גאפלען. זיי היטן אפ די טעלעפאן-דראטן, וואס ציען זיך פארקווער איבערן וועג אזוי נידעריק, אז זיי קאנען אונז אראפרייסן די קעפ. די ביידע כאפן זיי אוף צו דער רעכטער צייט מיט די גאפלען און הייבן זיי אוף

איבער אונז. מיר הערן זייער אויסרוף: „אופּפּאסן—דראַטי“, און אין שלאָף בויגן מיר די קניען און גלייכן זיך ווייטער אוים.

איינטאָניק וואַקלען זיך אַהין און אַהער די אויטאָס, איינטאָניק זיינען די אויסרופן, איינטאָניק פּליוכעט דער רעגן. ער רינט אַראָפּ אויף אונזערע קעפּ און אויף די קעפּ פון די טויטע פּאַרנט, אַפן קליינעם רעקרוטל מיט דער וואונד, וועלכע איז צו גרוים פאַר זיין לענד, ער גיסט איבער קעמעריכס קבר, ער טריפט אויף אונזערע הערצער.

ערגעץ וואו הילכט אָפּ אַ שאָס. מיר שפּרינגען אויף, די אויגן ווערן אָנגעשפּאַנט, די הענט גרייטן זיך שוין ווייטער אַריבערצוואַרפן אונזערע לייבער איבער די ווענטלעך פון אויטאָ אין די גראָבנס פון פּוסטע וועג.

אָבער עס געשעט נישט. —

נאָר איינטאָניקע אויסרופן: „אופּפּאסן — דראָט —“ מיר בויגן איין די קניען—מיר שאָקלען זיך ווייטער אין האַלבן דרעמל.

.5

עס איז גאָרנישט קיין לייכטער ענין צו טויטן איין לויז פון גאַנצע הונדערטער זיינען פאַראַן. זיי זיינען האַרטלעך, די דאָזיקע בריהלעך, און עס הויבט שוין אָן לאַנגווייליק צו ווערן דאָס אייביקע קנאַקן מיט די נעגל. צוליב דעם האָט טיאַדען אָנגעבראַכט אַ דעקל פון אַ שוך־וואַקס־קעסטל מיט אַ דראָט איבער אַ ברענעדיק ליכט. די לייז ווערן פּשוט אַריינגעוואָרפן אין אָט דעם בראָט־פּענדל—עס קנאַקט, און זיי ווערן פאַרטיק.

מיר זיצן אַרום אין אַ קרייז, די העמדער האַלטן מיר אויף די קניען, דעם אויבערקערפּער אַנטבלויזט אין דער וואַרימער לופט, די הענט פאַרנומען מיט דער אַרבעט. האַיע פאַרמאָגט אַ באַזונדערש פיינעם מין לייז: מיט רויטע צלמימלעך אויף די קעפּלעך. דעריבער דערציילט ער, אַז ער האָט זיי מיטגעבראַכט פון דעם לאַזאַרעט אין טורו, און זיי שטאַמען פון אַ שטאַב־

דאָקטאָר בכבודו ובעצמו. ער האָט אויך אַ פּלאַן אויסצונוצן דעם חלב, וואָס קלייבט זיך ביסלעכווייז אָן אין דעם בלעך־דעקל, כּדי אויסצושמירן די שיך, און אין משך פון אַ האַלב שעה פּלאַצט ער שיעור ניט פון געלעכטער איבער זיין וויץ.

היינט אָבער האָט ער ווייניק דערפאָלג; ס׳איז פאַראַן עפּעס אַ וויכטיקערע זאַך, וואָס פאַרכאַפּט אונז איינגאַנצן.

דער קלאַנג איז טאַקע געווען אמת. הימעלשטאָס איז דאָ. נעכטן איז ער אַראָפּגעקומען, מיר האָבן שוין געהערט זיין גוטבאַקאַנטן קול. ער זאָל האָבן אין קאַזאַרמע צו שטאַרק איינגעשפּאַנט אַ פּאָר יונגע רעקרוטן. ער האָט ניט געוואוסט, אַז איינער פון זיי איז געווען דער זון פון דעם באַצירק־שעף. דערביי האָט ער געבראָכן האַלז־און־נאַקן.

דאָ וועט ער נשתומם ווערן. טיאַדען חזרט זיך שוין שעהן־לאַנג, ווי אַזוי ער זאָל אים אָפּענטפערן. האַיע קוקט פאַרטראַכט אַף זיין מאַוימדיקע לאַפּע און פינטלט צו מיר. די דערמאָלטיקע מעשה מיטן אָנברעכן די ביינער איז געווען דער גליקלעכסטער מאָמענט אין זיין לעבן; ער האָט מיר דערציילט, אַז אָפטמאָל חלומט ער נאָך היינט וועגן דעם.

* * *

קראָפּ און מילער שמועסן זיך הורך. קראָפּ איז דער איינציקער, וועמען ס׳האָט זיך איינגעגעבן אַראָפּצוכאַפּן אַ קעסעלע לינזן, מסתמא אין דער סאַפּיאָרן־קיך. מילער קוקט אַף דעם זשעדנע, אָבער ער האַלט זיך איין און פרעגט: „אַלבערט, וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען ס׳וואָלט איצט מיטאַמאָל געוואָרן שלום?״

„ס׳וועט ניט זיין קיין שלום!״ האַקט אַלבערט אָפּ.

„אָבער דאָך—״שטייט מילער צו, „וואָס וואָלסטו געטאָן?״

„זיך אָפּגעטראָגן!״ בורטשעט קראָפּ.

„דאָס איז קלאָר. און נאָכדעם?״

„זיך אָנגעזשליאָקעט״, זאָגט אַלבערט.

„האַק ניט קיין טשייניק, איך מיין דאָס ערנסט—״

„איך אויך", זאָגט אלבערט, „וואָס זאָל מען דען אנדערש טאָן?"

קאַט אינטערעסירט זיך מיט דער פראַגע. ער מאָנט אײַן בײַ קראָפּ זײַן חלק אין די לינזן, באַקומט אים, טראַכט אַ װײַלע און זאָגט: „אנזשליאָקן קאָן מען זיך טאַקע, אָבער תּיכּף ארויף אפן צוג — און אוועק צו דער מאַמען. ס'איז דאָך שלום, מענטש אײַנער —"

ער נישטערט אין זײַן צעראַטענעם טענטל-בוך, זוכט אויף אַ פאָטאָגראַפיע און װײַזט זי מיט גאוה. „מײַן אַלטע!" ער לייגט זי װײַטער אוועק און שילט: „פאַרשאָלטענע, פאַרלייזיקטע מלחמה —"

„דיר איז גוט צו ריידן", זאָג איך. „דו האָסט זיך דײַן יונגאַטש און דײַן ווײַב."

„אמת", שטימט ער צו, „איך מוז זאָרגן דערפאַר, אַז זײ זאָלן האָבן וואָס צו קײַען".

מיר לאַכן זיך פונאנדער. „דאָס וועט שוין ניט פעלן קאַט, אַ ניט — רעקווירסטו."

מילער איז הונגעריק און איז נאָך ניט צופרידנגעשטעלט. ער וועקט אויף האיע וועסטום פון זײַנע חלומות. „האיע, וואָס וואלסטו טאָן, ווען ס'ווערט מיטאמאָל שלום?"

„ער וואָלט דיר געדאַרפט אָנפּאַטשן אַ פולן הינטן פאַרן שטעלן אזעלכע קשיות", זאָג איך, „ווי קומען גאָר אײַנגעפאַלן אזעלכע רייד?"

„ווי קומט קיעשע מיסט אפן דאַך?" ענטפערט מילער לאַקאָניש און ווענדט זיך ווײַטער צו האיע וועסטום.

מיט אײַנמאָל איז דאָס פאַר האיע צו שווער. ער שאָקלט זײַן זומער-שפּרינקלדיקן פּנים: „דו מיינסט, ווען ס'וועט קײַן קריג שוין ניט זײַן?"

„ריכטיק. דו כאַפּסט אָבער אַלץ אויף."

„דעמאָלט וועלן דאָך ווײַטער זײַן נקבות, האַ?" — האיע באַלעקט זיך.

„געווים.‟

„צו אלדי רוחות‟, זאָגט האיע, און זיין פּנים לויכט אויף, „דעמאָלט וועל איך זיך צוכאַפּן צו אַ געשמאַקער נקבה, וואו ס׳זאָל זיין עפּעס אין האַנט אַריינצונעמען, און איכ׳ל תיכּף זיך אַריינקוליענען מיט איר אין בעט! מאָל דיר אויס, אַן אמתע פעדער־בעט מיט אַ שפּרונג־מאַטראַץ! אי, חברה, גאַנצע אַכט טעג ציים וועל איך פון דאָרטן ניט אַרויס.‟

אַלע שווייגן. דאָס בילד איז צו פּרעכטיק. איבער אונזערע רוקנס גייט אַריבער אַ סקרוך. סוף־כל־סוף קומט מילער צו זיך און פרעגט: „און נאָכדעם?‟

הפסקה. נאָכדעם דערקלערט האיע, אַביסל צוגעדריקט צום װאַנט: „ווען כ׳וואָלט געווען אונטער־אָפיציר, וואָלט איך נאָך אף ווייטער געבליבן דינען בײַ די פּרייסן.‟

„דו ביסט דאָך טאַקע גאָר מפוּתל, האיע‟, זאָג איך.

ער פרעגט מיר געמיטלעך צוריק: „האָסט שוין ווען ניט איז געשניטן טאָרף? פּרוּאוו דאָס אַמאָל.‟ בײַ די ווערטער נעמט ער ארויס זיין לעפל פון כאָליעווע און לאָזט זי אַראָפּ אין אַל־בערטס קעסעלע.

„ערגער ווי די פּאָזיציעס אין שאמפּאַין קאָן דאָס שוין ניט זיין‟, ענטפער איך.

האיע קייט און שמייכלט ווייטיקדיק: „ס׳ציט זיך אָבער לייגער. און דאָרטן קאָן מען זיך ניט אַרויסדרייען.‟

„דו מעגסט אייגער, בעסער ווי אינדערהיים איז דאָך אָבער ניטאָ, האיע.‟

„ניט אַלע מאָל‟, זאָגט ער און מיט אַן אָפּענעם מויל פאַרשיפּט ער זיך ווייטער אין זיינע רעיונות.

אַף זיין פּנים קאָן מען אויסלייענען, וואָס ער טראַכט. דאָרטן איז אַן אָרימע, בלאָטיקע קנעכט־כאַלופּקע, דאָרטן איז שווערע האָרעוואַניע פון באַגינען ביז בײַנאַכט אַף דער זון־פאַרשרפּעטער, אומפּרוכטבאַרער נחלה. דאָרטן איז הונגער־לוין, דאָרטן זיינען בּרודיקע האָרעפּאַשניק־בגדים — — —

„אין פרידן־צייטן האָט מען אין זעלנער־דינסט קיין דאגות ניט", זאָגט ער, „יעדן טאָג האָסטו דיר דיין אכילה, א ניט מאכסטו אַ געוואלד, האָסט דיר דיין בעט, אַלע אכטאָג דיינע ריינע וועש, ווי א פריץ, טוסט זיך דיין אונטער־אָפיציר אַרבעט, האָסט דיינע שיינע בגדים; — אינאָוונט ביסטו אַ פרייער פויגל און גייסט זיך אין שיינקל אַריין."

האיע גרויסט זיך זייער מיט זיין המציאה. ער איז פשוט פאַרליבט אין דעם. „און ווען דו האָסט אָפגעדינט דיינע צוועלף יאָר, באַקומסטו דיין פענסיע־ביכל און דו ווערסט אַ דאָרפישער זשאַנדאַר. דעמאָלט קאָנסטו דעם גאַנצן טאָג פוסטע־פאַסעווען."

ער פרעגלט זיך אין די גליקלעכע צוקונפט־חלומות. „שטעל זיך נאָר פאָר, וויפיל כיבודים דו כאַפסט דעמאָלט אַריין. דאָ אַ קאָניאַק, דאָ אַ האַלבן ליטער. מיט א זשאנדאר וויל דאָך יעדער זיין גוטפריינט."

„דו ווערסט קיינמאָל ניט ווערן קיין אונטער־אָפיציר, האיע", וואַרפט קאַט אַריין.

האיע קוקט אים אָן באַליידיקט און שווייגט. אין זיינע געדאַנקען שוועבן איצט אַרום די לויטערע הארבסט־אָוונטן, די זונטיקן אַף לאָנקעס, די גלאָקן פון דאָרף־קירכן, די נאָכמיטיקן און די נעכט מיט דאָרפישע מוידן, די בוכווייצענע פאנקוכנס מיט די גרויסע שטיקער חזיר, די זאָרגלאָזע פלאַפלערייען אין קרעטשמע. —

מיט אזוי פיל פאַנטאזיע קאָן ער זיך אַזוי גיך ניט ספראווען; דעריבער וואָרטשעט ער נאָר אין כעס: „וואָס פאר א נארישקייטן איר פרעגט דאָס צוזאמען."

ער ציט אריבער דאָס העמד איבערן קאָפ און קנעפּלט זיך צו זיין סאָלדאַטן־רעקל.

„וואָס וואָלסטו געטאָן, טיאדען?" פרעגט קראָפּ.

טיאדען ווייס נאָר איין זאַך. „אכטונג געבן, אַז הימעלשטאָס זאָל זיך פון מיר ניט ארויסדרייען."

ער וואָלט, ווי ס'שיינט, שטאַרק חשק געהאַט אים אריינצושפּאַרן אין אַ שטייג און יעדן פרימאָרגן אים איינטיילן אַ פּאָרציע מיטן שטעקן. קראָפּ רעדט ער צו: „איך אף דיין אָרט וואָלט זיך געיאָגט נאָר צו ווערן אַ ליטענאַנט. דעמאָלט וועסט אים קאָנען אזוי ציען די עצמות, אַז דאָס וואַסער אין רוקן זאָל זיך אים בלעולען."

„און דו, דעטערינג", פאָרשט מילער ווייטער. מיט זיינע קשיות איז ער ווי באַשאַפן געוואָרן צו זיין אַ לערער.

דעטערינג איז קאַרג אַף רייד. אָבער אַף דער פראַגע ענטפערט ער. ער זאָגט: „איכ'ל נאָך צו דער רעכטער צייט קומען אַראָפּצונעמען די גערעטעניש."

מיט די ווערטער הייבט ער זיך אוף און גייט אוועק.

ער האָט גרויסע דאגות. זיין ווייב מוז אליין פאַרזאָרגן די גאַנצע באַלעבאַטישקייט. דערצו האָבן זיי נאָך אָפּגענומען בא אים צוויי פערד. יעדן טאָג זוכט ער אין די אָנגעקומענע צייטונגען, אויב ס'רעגנט ניט חלילה אין דער אָלדענבורגער פראָווינץ. דעמאָלט וועלן זיי דאָס היי ניט קאָנען אַראָפּפירן.

אין דער רגע באַווייזט זיך הימעלשטאָס. ער קומט גראָד צו צו אונז. טיאַדענס פנים ווערט באַדעקט מיט פלאַמעס: ער ציט זיך אין זיין גאַנצער לייַנג אויס אין גראָז, און מאַכט אפילו צו די אויגן פון גרויס אופרעקונג.

הימעלשטאָס איז אַביסל צעטומלט, ער שטעלט פאַמעלעכערע טריט. פונדעסטוועגן לאָזט ער זיך גיין גראָד צו אונז. קיינער טראַכט אַפילו ניט אופצוהייבן זיך. קראָפּ קוקט אים מיט נייגעריקייט אַנטקעגן.

ער שטייט האַרט פאַר אונז און וואַרט. ער זעט, אַז קיינער רעדט ניט און ער הויבט אָן דעם שמועס מיט אַ „נו?"

אַ פּאָר סעקונדן פאַרגייען; קענטיק, אַז הימעלשטאָס ווייס ניט, ווי ער זאָל זיך דאָ באַנעמען. ער וואָלט גרויס השק געהאַט אונז איצט אויך צו ווייזן, ווער ס'איז עלטער. ווי עס שיינט, ווייס ער שוין אָבער, אַז דער פראָנט איז ניט קיין קאַזאַרמע=הויף. ער

פרואווט זיך נאָכאמאָל און ווענדט זיך ניט מער צו אַלעמען מיטאמאָל, נאָר צו איינעם. קראָפּ איז דער נעענטסטער, דעריבער טוט ער אים אָן דעם כּבוד. „נו, אויך אַ הינגער?“

אָבער אַלבערט איז אים ניט קיין גוטער פריינט. ער ענטפערט בקיצור:

„אַ קאָפּעלע לייבגער פון אייך.“

די געלע וואָנצעס ציטערן: „איר קענט מיך שוין מער ניט?“

איצט עפנט טיאַדען זיינע אויגן: „יאָ.“

הימעלשטאָס ווענדט זיך צו אים: „דאָס איז דאָך טיאַדען, האַ?“

טיאַדען הייבט אויף זיין קאָפּ: „און ווייסטו, ווער דו ביסט?“

הימעלשטאָס איז פאַרפּלעפט: „זינט ווען זיינען מיר אַף דו? מיר האָבן דאָך צוזאַמען קיין חזירים ניט געפּאַשעט!“

ער גיט זיך לחלוטין קיין עצה ניט, וואָס צו טאָן. ער האָט זיך ניט גערעכנט אַף אַזאַ אָפענער שנאה. אָבער דערווייל האַלט ער זיך אָפּ; בּלי=ספק האָט מען אים שוין דערציילט די באַבע=מעשׂות וועגן שיסן אין רוקן.

טיאַדען ווערט ווייציק. „ניין, דאָס האָסטו אַליין געטאָן.“

איצט הויבט הימעלשטאָס אָן צו בּרענען. טיאַדען פאַרלויפט אים אָבער דעם וועג. עס רופט אים זיך צו באַפרייען פון עפּעס. „ווער דו ביסט, ווילסטו וויסן? דו ביסט אַ חזירניק, אַ כּלב בּיסטו! דאָס האָב איך דיר שוין לאַנג געוואָלט זאָגן.“

בּעת ער שיסט אַרויס מיט אַט די זילזולים, לויכט פון זיינע אויגן אַרויס די באַפרידיקונג פאַר אַסך פאַרלימענע חדשים.

איצט האָט זיך אויך הימעלשטאָס פאַנאַנדערגעאַרטלט: „וואָס ווילסטו, דו טינופדיקער הונט, דו מיסטיקער טאָרף=שד? הייבט זיך אויף און שטעלט זיך שטראַם, בּעת אַן עלטערער רעדט מיט אייך!“

טיאדען פינטלט מיט גדלות. „איר מעגט זיך אפטראגן, הימעלשטאָס. מאַרש.״

הימעלשטאָס איז איצט אינגאנצן א מין צעבושעוועטער מושטיר־רעגלאמענט. דער קיזר גופא וואָלט שוין נית געקאנט באַליידיקטער זיין. ער שרייט אַפן אויבער־קול: „טיאדען, איך באַפעל איך: הייבט זיך אוף!״

„נאָך וואָס?״ פרעגט טיאדען.

„ווילט איר געהאָרכן מיין באַפעל, אָדער ניט?״ טיאדען ענטפערט אָפּ געלאסן און קאטעגאָריש מיטן צווייטן פסוק פון שיר־השירים. דערביי קערט ער זיך אום מיטן רוקן ארויף.

הימעלשטאָס ציט אָפּ מיט שטורעם: „איר וועט שוין שטיין פאַרן קריגס־געריכט!״

מיר זעען, ווי ער פארשווינדט אַפן וועג צו דער קאַנצעליאַריע.

האיע און טיאדען האָבן זיך פארוואנדלט אין א פּאָר ברומעדיקע און לאכעדיקע חיות. האיע לאכט אזוי, אז ער ליינקט זיך אויס דאָס געביס און ער בלייבט מיטאמאָל שטיין אומבאַהאָלפן מיט אן אָפענער מויל. מיט א געזונטן קנאק מיטן פויסט זעצט אַלבערט דאָס געביס ווייטער אריין אַף זיין אָרט.

קאַט איז אומרואיק: „ווען ער וועט דיך פארמסרן, וועט נית גוט זיין.״

„מיינסט, אז ער וועט דאָס טאָן?״ פרעגט טיאדען.

„געוויס״ זאָג איך.

„די קלענסטע שטראָף, וואָס דו וועסט באַקומען, וועט זיין פינף טעג שווערן אַרעסט״, זאָגט קאַט.

דאָס ארט אָבער טיאדענען נית. „דאָס הייסט, פינף טעג זיך אויסרוען.״

„און ווען דו וועסט כאַפּן פעסטונג?״ פּאָרשט ווייטער דער פעדאַנט מילער. „פאר דער צייט, וואָס איך וועל זיצן, וועט זיך דערווייל דער קריג פארענדיקן.״

טיאדען איז געבאָרן געוואָרן אין א העמדעלע. ער מאכט זיך פון קיין זאַך קיין דאגות נית. צוזאמען מיט האיע און מיט

לעער גייט ער אוועק, כּדי מען זאָל אים אין דעם ערשטן רעש ניט געפינען.

* * *

מילער האָט נאָך אַלץ ניט פאַרענדיקט. ער נעמט זיך ווייטער צו קראַפן. „אַלבערט, וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען דו וואָלסט בפועל־ממש געקומען אַהיים?“

קראַפּ איז שוין איצט זאַט און דעריבער איז ער נאָכגעביקער. „וויפיל מאַן וואָלטן מיר דען איצט געווען אין קלאַס?“

מיר חשבונען: פון צוואַנציק זיינען זיבן טויט, פיר פאַרוואונדעט, איינער איז אין משוגעים־הויז. העכסטנס, הייסט עס, וועלן זיך צוזאַמענקומען אַ מאַן צוועלף.

„דריי פון זיי זיינען ליטענאַנטן,“ זאָגט מילער. „ווי מיינסטו, וועלן זיי זיך איצט אויך לאָזן זידלען פון קאַנטאָרעקן?“

מיר מיינען, אַז ניט, מיר וואָלטן זיך שוין אויך מער ניט לאָזן זידלען.

פון דעם גאַנצן קראַם, מיט וועלכן מען האָט אונז אין שול אָנגעשטאָפּט די מחות, געדיינקען מיר שוין ניט קיין פּולע. דאָס אַלץ האָט אונז אויך ניט געבראַכט קיין נוצן. אָבער קיינער האָט אונז אין שול ניט געלערנט, ווי מען זאָל אָנצינדן אַ פּאַפּיראָס אין שטורעם און רעגן, ווי מען קאָן מאַכן פייער מיט נאַסע האָלץ — אָדער אַז בעסער פון אַלץ איז אַריינצושטעכן דאָס באַגנעט אין בויך, ווייל דאָרטן פאַרטשעפּעט עס זיך ניט, אַזוי ווי אין די ריפּן.

מילער זאָגט פאַרטראַכט: „מיר וועלן דאָך אָבער סיי־ווי מוזן ווייטער זיצן אויפן שול־באַנק.“

איך האַלט, אַז דאָס איז אוממעגלעך. „אפשר וועלן מיר אָפּגעבן אַ תנאי־עקזאַמען.“

„דערצו איז דאָך נויטיק צוגרייטונג. און ווען די האָלטסט שוין אויס דעם עקזאַמען, איז וואָס? זיין אַ סטודענט איז אויך

ניט בעסער. אַז די האסט קיין געלט ניט, מוסטו אויך שווער הארעווען."

„אפילו בעסער איז עס דאך. אבער די גאנצע חכמה, וואס זיי האקן דיר דארטן אין מח, איז דאך אויך קיין ציבעלע ניט ווערט."

קראפ כאפט אויף אונזער שטימונג: „ווי קאן מען זיך שוין צו דעם באציען ערנסט, נאכדעם, ווי מען איז דא געווען?"

„אבער דו מוסט זיך דאך צוגרייטן צו א בארוף", רעדט ארוין מילער, פונקט ווי ער וואלט געווען קאנטארעק.

אלבערט פוצט זיך מיטן מעסער די נעגל. מיר חידושן זיך, וואס ער איז געווארן אזא פראנט. אבער דאס טוט ער נאר ווייל ער איז שטארק פארטראכט. נאכדעם לייגט ער אפ דאס מעסער און זאגט: „אזוי איז דאס טאקע. קאט און דעטערינג און האיע וועלן זיך ווייטער נעמען צו זייערע פראפעסיעס, ווייל זיי האבן דאס שוין פון פריער געהאט. אויך הימעלשטאס. מיר האבן אבער גארנישט געהאט. און ווי קאנען מיר נאך אט דעם אלע־מען" — ער ווייזט אן אפן פראנט — „זיך איינשפאנען אין א וועלכער ניט איז באשעפטיקונג?"

„ס'וואלט זיך געפאסט צו זיין א חיה, מ'זאל קאנען איינער אליין וואוינען אין א וואלד —", זאג איך, און פארשעם זיך תיכף פאר מיינע אייגענע רייד.

„וואס וועט פון אונז ווערן, ווען מיר וועלן קומען צוריק?" פרעגט מילער דערשלאגן.

קראפ קוועטשט מיט די פלייצעס. „איך ווייס ניט. פריער לאמיר אקארשט פריי זיין, און נאכדעם וועט זיך שוין ארויסווייזן."

מיר האבן קיינער קיין עצה ניט. „וואס וואלט מען דען געקאנט טאן?" פרעג איך.

„איך האב צו קיין זאך קיין חשק ניט", ענטפערט קראפ פאר־מאטערט. „אין איינעם א טאג גייסטו דאך סיי ווי אוועק פון דער וועלט, איז ווען וואס קאנסטו שוין טראכטן? איך גלויב בכלל ניט אין דעם, אז מיר וועלן זיך נאך אומקערן."

„ווען איך טראַכט וועגן דעם", זאָג איך און כ'דריי זיך אויס אפן רוקן, „ווי איכ'ל דערהערן דאָס וואָרט „פרידן", און דער פרידן וועט טאַקע קומען, וועט דאָס מיך אַזוי פאַרשיכּורן, אַז איך וועל מסוגל זיין אָפּצוטאָן עפּעס אַן אויסטערלישע זאַך. עפּעס אַזוינס, וואָס צוליב דעם איז כּדאַי געווען דאָ צו חושכן. איך קאָן זיך בלויז קיין זאַך ניט אָפּמאָלן. די איינציקע מעגלעכקייט, וואָס כ'זע, די גאַנצע חתונה מיט די פּראָפעסיעס, מיטן שטודירן און מיט די שכירות און אַזוי ווייטער — פון דעם אַלעמען עקלט מיך, ווייל דאָס איז דאָך שוין שטענדיק געווען און ס'איז פּאַסקודסטווע. אין זע גאָרנישט, אַלבערט, איך זע גאָרנישט."

מיטאַמאָל קומט מיר אַלץ פאָר האָפענונגלאָז און פאַרצווייפלט.

קראָפּ טראַכט אויך וועגן דעם. „מיט אונז וועט בכּלל ניט גוט זיין. דאָרטן, אינדערהיים, מוזן זיי זיך אויך אַנדערעמאָל ברעכן די קעפּ וועגן דערזועלביקער זאַך. צוויי יאָר שיסן און וואַרפן האַנט־גראַנאַטן — דאָס קאָן מען דאָך ניט אויסטאָן פון זיך אַזוי לייכט, ווי מען טוט אויס אַ זאָק—"

מיר גייען זיך אַלע צונויף אויף דעם געדאַנק, אַז אונז אַלעמען איז גלייך; און ניט נאָר אונז; אומעטום און יעדן, ווער עס געפינט זיך נאָר אין דעם מצב, איינעם מער, איינעם ווייני־קער. דאָס איז דער אַלגעמיינער גורל פון אונזער דור.

אַלבערט זאָגט דאָס אַרויס: „די מלחמה האָט אונז שוין פאַר אַלץ איבערגעפירט."

ער איז גערעכט. מיר זיינען מער ניט קיין יונגט. מיר ווילן שוין מער ניט שטורעמען די וועלט. מיר אַנטלויפן. מיר אַנטלויפן אין זיך אַליין פון אונזער לעבן. מיר זיינען געווען אַכצן יאָר אַלט און האָבן ערשט אָנגעהויבן צו ליבן די וועלט און דאָס לעבן; דער ערשטער גראַנאַט, וואָס האָט איינגעקלאַפּט, האָט אונז אָנגעטראָפן אין האַרצן. מיר זיינען אָפּגעריסן פון טעטיקייט פון שטרעבן, פון פּראָגרעסירן. מיר גלויבן מער ניט אין דעם; מיר גלויבן אין מלחמה.

* * *

די קאַנצעלאַריע גייט כּאַדראַם. הימעלשטאָס האָט זי געשטעלט אַף די פיס. בּראַש פון דער קאַלאָנע לויפט דער גראַבּער פעלדפעבּל. אַלע פעלדפעבּלס זיינען גראָבּ.

נאָך אים טראָגט זיך דער נקמה־לעכצנדיקער הימעלשטאָס. זיינע שטיוול בּלישטשען אין דער זון.

מיר הייבּן זיך אויף. דער פעלדפעבּל פּרעכט: „וואו איז טיאַדען?"

קלאָר, אַז קיינער ווייס ניט. הימעלשטאָס טוט אַ בּייזן גלאָץ מיט די אויגן. „געווים ווייסט איר דאָס. איר ווילט נאָר ניט אויסזאָגן. אַרויס מיטן לשון."

דער פעלדפעבּל קוקט זיך אַרום; טיאַדען איז ניט פאַראַן. ער פּרוּווט אַן אַנדער מיטל. „אין משך פון צען מינוטן זאָל טיאַדען זיין אין קאַנצעלאַריע".

מיט די ווערטער גייט ער אַוועק. הימעלשטאָס נאָך אים.

„עפּעס זאָגט מיר דאָס האַרץ, אַז בּעת מען וועט אונז דאָס קומעדיקע מאָל פירן אַף אַרבּעט, וועט מיינע אַ דראָט־שפּולקע אַראָפּפאַלן אַף הימעלשטאַסעס פוס", זאָגט קראָפּ.

„ער וועט אונז נאָך פאַרשאַפן אַ פולע הנאה", לאַכט מילער.

דאָס איז איצט אונזער איינציקער בּאַגער: אָנצוזאָגן דעם בּריוו־טרעגער זיין ריכטיקן אָרט.—

איך גיי אין בּאַראַק און זאָג טיאַדען, ווי עס האַלט, כּדי ער זאָל זיך בּאַצייטנס אַפּטראָגן.

נאָכדעם בּייטן מיר איבּער אונזער אָרט און לייגן זיך ווייטער אויס, כּדי צו שפּילן אין קאָרטן. ווייל דאָס קאָנען מיר גוט: קאָרטן שפּילן, זידלען זיך און מלחמה האַלטן. ניט קיין פולע פאַר צוואַנציק יאָר— צופיל פאַר צוואַנציק יאָר.

אין אַ האַלבּ שעה אַרום איז הימעלשטאָס ווייטער בּאַ אונז. קיינער קוקט זיך אַף אים ניט אום. ער פרעגט זיך נאָך אַף טיאַדען. מיר קוועטשן מיט די פּלייצעס. „איר האָט אים געמוזט אופזוכן", שטייט ער צו.

„ווער „איר"?" פרעגט קראָפּ.

„נו, איר דאָ —"

„איך וועל אייך בעטן אונדז ניט צו דוצן", זאָגט קראַפּ מיט טאָן פון אַ פּאָלקאָווניק.

הימעלשטאָס פאַלט אַראָפּ פון הימל. „ווער דוצט אייך דען?"

„איר!"

„איך?"

„יאָ."

אין אים קאָכט עס. ער קוקט אָן קראַפּן מיט חשד און אומצוטרוי, ווייל ער ווייס ניט, וואָס ער מיינט איינגטלעך. ער טרויט זיך אָבער ניט אין דעם ענין און ער הערט אויף וועגן דעם צו ריידן. „האָט איר זיך ניט געזעגנט?" פרעגט ער ווייטער.

קראַפּ לייגט זיך אַפּן גראָז און זאָגט: „זייט איר שוין אַמאָל געווען אַפּן פראָנט?"

„דאָס אַרט אייך ניט", האַקט אים הימעלשטאָס אָפּ: „איך פאָדער אַן ענטפער."

„גוט", ענטפערט קראַפּ און הייבט זיך אויף. „גיט אַ קוק אַהין, דאָרטן, וואו די קליינינקע וואָלקנדלעך קומען אויף. דאָס שיסן די האַרמאַטן אַף אַעראָפּלאַנען. מיר זיינען דאָרטן נעכטן געווען. פינף טויטע, אַכט פאַרוואונדעטע. ווען איר וועט דעם קומעדיקן מאָל מיטגיין מיט אונדז, וועלן די זעלנער פאַרן שטאַרבן זיך שטעלן פאַר אייך, כוואַטסקע צוזאַמענקלאַפּן די פיס און פרעגן: דערלויבט אַוועקצוגיין! דערלויבט זיך אָפּצוטראָגן! אַף אַזעלכע מענטשן ווי איר זייט, האָבן מיר דאָ טאַקע אויסגעקוקט די אויגן".

ער זעצט זיך ווייטער צו, און הימעלשטאָס טראָגט זיך אָפּ געשווינד, ווי אַ ווינטער.

„דריי טעג אַרעסט", פּרוּווט קאַט טרעפן.

„דעם קומעדיקן מאָל וועל איך אים דערלאַנגען", זאָג איך צו אַלבערטן.

אָבער עס דערגייט ניט דערצו. אינאָוונט, בעת דעם אויסרופן, ווערן מיר פאַרגענומען. אין קאַנצעליאַריע זיצט

אונזער לייטענאַנט בערטינק און לאָזט אונז איינעם נאָכן אַנדערן אַרייַנרופן צו זיך.

איך מוז אויך אויסזאָגן מיין עדות, און איך דערציילט, צוליב וועלכע סיבות טיאַדען האָט זיך צעבונטעוועט. די געשיכטע מיט טיאַדענס נעצן זיך באַנאַכט מאַכט אַן איינדרוק. מען רופט אַריין הימעלשטאָסן, און איך חזר איבער מיין עדות=זאָגן.

„איז דאָס אמת ?" פרעגט בערטינק הימעלשטאָסן.

ער צאַפּלט זיך, אָבער צום סוף, ווען קראָפּ דערציילט אויך די זעלביקע מעשה, מוז ער נאָכגעבן.

„פאַרוואָס האָט יעמאָלט קיינער וועגן דעם ניט דערציילט!" פרעגט בערטינק.

מיר שווייגן; ער דאַרף דאָך אַליין וויסן, וואָס פאַר אַ צוועק מען קאָן דערגרייכן מיטן באַקלאָגן זיך אָף אַזעלכע קליינקייטן. איז דען אין דעם זעלנער=לעבן בכלל פאַראַן אָט דער מין „באַקלאָגן זיך ?" ער זעט דאָס טאַקע איין, און הימעלשטאָס באַקומט פון אים אַן אָפּשניט. ער דערקלערט אים מיט שאַרפע דיבורים, אַז דער פראָנט איז ניט קיין קאַזאַרמע=הויף. נאָכדעם נעמט ער זיך צו טיאַדען און בראַקט אים אַריין אַ לאַנגע דרשה און דריי טעג מיטעלן אַרעסט. קראָפּן טיילט ער איין אַ טאָג אַרעסט און פינטלט אים צו מיטן אויג. „מ'קאָן אַנדערש ניט," זאָגט ער מיט באַדויערן. ער איז ניט קיין נאַר, דער לייטענאַנט.

דער מיטעלער אַרעסט איז אַ מחיהדיקע זאַך. דער אַרעסטרוים איז אַ געוועזענער הינער=שטעלכל; דאָ קאָנען ביידע אַרעסטאַנטן אופנעמען געסט, מיר פאַרשטייען זיך שוין, ווי צוצוקומען אַהין. דער שווערער אַרעסט איז אין קעלער. פריער פלעגט מען אונז אויך צובינדן צו אַ בוים, אָבער איצט איז דאָס שוין פאַרווערט. אַנדערע מאָל באַגייט מען זיך מיט אונז, ווי מיט מענטשן.

אין אַ שעה אַרום נאָכדעם ווי טיאַדען און קראָפּ זיינען אַרייַנגעשלאָסן געוואָרן הינטער די גראַטעס, גייען מיר צו זיי צו געסט. טיאַדען איז אונז מקבל=פנים קרייענדיק, ווי אַ האָן. מיר

שפּילן בּיז באַנאַכט אין סקאַט. געווינען געווינט דער נאַרישער טראַפּ טיאַדען.

* * *

בּאַם אויפקומען פרעגט מיך קאַט: „האָסטו עפּעס פון אַ געבראָטן גענזל?"

„ס'איז נישט שלעכט," בּין איך מסכים.

מיר קריכן אַרויף אויף אַ מוניציע־פור. די נסיעה קאָסט צוויי ציגאַרעטן. קאַט האָט גענוי זיך אָנגעמערקט דעם אָרט. דער שטאַל בּאַלאַנגט צו אַ שטאַב פון אַ פּאָלק. עס בּלייבּט, אַז איך זאָל אַרויסנעמען די גאַנז, און קאַט גיט מיר די נויטיקע אָנ־ווייזונגען. דער שטאַל ליגט הינטערן וואַנט, די טיר איז פאַר־שפּאַרט מיט אַ פלעקל.

קאַט האַלט אונטער זיינע הענט, איך הייבּ זיך אַרויף און קריך אַריבּער די וואַנט. קאַט גיט דערוויל אַכטונג.

אויף עטלעכע מינוטן בּלייבּ איך שטיין, כּדי צו צוגעוואוינען די אויגן צו דעם טונקל. נאָכדעם דערקען איך דעם שטאַל. איך גנבע זיך שטיל אַראָפּ, טאַפּ אָן דאָס פלעקל, צי אים אַרויס און כ'עפן די טיר.

עס שימערירן אַרום צוויי ווייסע פלעקן. צוויי גענז, דאָס איז פּאַסקודנע: כאַפּט מען איינע, שרייט די אַנדערע. הייסט עס, בּיידע — ווען איכ'ל נאָר זיין פלינק, וועט זיך דאָס איינגעבּן.

מיט איין שפּרונג בּין איך שוין בּאַ זיי. איינע כאַפּ איך תּיכּף, אין אַ רגע אַרום — די אַנדערע. ווי משוגע, האַק איך אָן וואַנט זייערע קעפּלעך, כּדי זיי צו בּאַטויבּן. ווי עס שיינט אָבּער, פאַרמאָג איך נישט גענוג כּח. די עופות שטיקן זיך און פּאַכן מיט די פליגלען און מיט די לאַפּקעס. איך קעמף מיט פאַרבּיסנקייט, אָבּער, צום טייוול, וואָס כּח אַ גאַנז פאַרמאָגט דאָס! זיי רייסן זיך אַזוי, אַז איך שטיי קוים איין אויף די פיס. אין דעם אַרומיקן חושך זעען זיי פּאַסקודנע אויס, אָט די פּאָר ווייסע שמאַטעס. אויף מיינע הענט זיינען אויסגעוואַקסן פליגלען, איך האָבּ כּמעט פּחד

באקומען, איך זאָל ניט אַרופפליען צום הימל, פונקט ווי איך וואָלט אין מײנע פוס-קנעכלעך געהאַט אַ פּאָר לופט-פּילקעס.

און דאָ הויבט שוין אָן דאָס געפילדער זיך פאַנאַנדער-צוואַוואַקסן: איין געגנזעשער גאָרגל האָט געפּאַקט לופט און ער נעמט באָרכלען, ווי אַ וועק-זייגער. אײדער איך קוק מיך נאָך אַרום, לאָזט זיך עפּעס אַריין פון דרויסן, איך באַקום אַ שטופּ, ליג שוין אַף דער ערד און הער איבער זיך אַ בײזן וואָרטשן. אַ הונט. איך כאַפּ אַ קוק אין דער זײט: ער זוכט שוין אַרײנצופּאַקן מײן האַלז. איך בלײַב ליגן שטיל און צי אַריין די נאָמבע אין קאָלנער.

אַ מאַוימדיקער כּלב. נאָך אַ ווײַלע, וואָס האָט זיך געצויגן אַן אײביקײט, נעמט ער אַוועק זײַן שנוקע און זעצט זיך צו לעבן מיר. אָבער ווען איך פּרוּוו זיך אַ ריר טאָן, וואָרטשעט ער. איך באַטראַכט זיך. דאָס אײנציקע, וואָס איך קאָן אויפטאָן, איז צו דערגרײַכן צו מײַן קלײנעם רעוואָלווער. בכל-אופן מוז איך פון דאַנען אַוועק, אײדער מענטשן קומען. איך נעם פּאַמעלעך רוקן די האַנט.

עס דאַכט זיך מיר, אַז עס געדױערט גאַנצע שעהן. איך מאַך כּסדר שטילע באַוועגונגען, און אַף יעדער באַוועגונג ענט-פערט מיר אַ געפערלעך וואָרטשן: איך ליג שטיל און מאַך באַלד אַ נײעם פּרוּוו. ווען איך האָב שוין דעם רעוואָלווער אין האַנט, הויבט די האַנט אָן צו ציטערן. איך דריק די האַנט צו צו דער ערד און גרײט זיך: אַ ריס דעם רעוואָלווער אין דער הויך, אַ שאָס, נאָך אײדער ער וועט אים אָנכאַפּן, און תּיכּף אויפגעשפּרונגען.

פּאַמעלעך אָטעם איך זיך אָפּ און כ'באַרואיק זיך. מיטאַמאָל האַלט איך איין דעם אָטעם, טו אַ ריס דעם רעוואָלווער אין דער הויך, ס'דערלאַנגט אַ קנאַק. סקאַווטשענדיק שפּרינגט דער הונט אָפּ אָן אַ זײט. איך לויף צום טירל פון שטאַל און קוקן אַריבער איבער אײנער פון די אַרויסגעלאָפענע גענז.

אין געלאַף טו איך זי אַ כאַפּ, וואַרף זי מיט שוואונג אַריבער איבערן וואַנט און קריך אַליין אַרויף. איך בין נאָך ניט אַריבער, איז שוין דער כּלב ווײטער מונטער און שפּרינגט מיר

נאָך. איך קייקל זיך אַף גיך אַראָפּ. צען טריט פון מיר שטייט קאַט מיט דער גאַנז אונטער אָרעם. ווי נאָר ער זעט מיך, לאָזן מיר זיך לויפן.

ענדלעך קאָנען מיר זיך אָפּשטעלן אָפּכאַפּן דעם אָטעם. די גאַנז איז טויט, קאַט האָט אין איין רגע געמאַכט אַ סוף צו איר.

מיר ווילן זי תיכף אָפּבראָטן, כדיי קיינער זאָל גאָרנישט מערקן. איך ברענג פון באַראַק האָלץ און טעפ און מיר פאַרקריכן אין אַ קליינעם, פאַרלאָזענעם שטעלכל, וואָס דינט אונז שטענדיק פאַר אַזעלכע זאַכן. דאָס איינציקע פענסטערל ווערט געדיכט פאַרהאַנגען. דאָרטן איז פאַראַן אַ מין אויוועלע, אַן איי=זערנע פלאַט ליגט אַף שטיינער. מיר מאַכן פייער.

קאַט פליקט אָפּ די גאַנז און גרייט איר צו. די פעדערן לייגן מיר אָפּ אָן אַ זייט. מיר ווילן זיך דערפון מאַכן אַ פּאָר קליינע קישעלעך מיט אַן אויפשריפט: „שלאָף געשמאַק אינם קרייץ=פייער!“

די שיסעריי פון פראָנט קלאַפּט אָן אויפהער אַרום אונזער עיר=מקלט. איבער אונזערע פנימער טאַנצט דער אָפּשיין פון אַר=טילעריע=פייער, שאָטנס באַוועגן זיך אַפן וואַנט. אַנדערעמאָל דער=טראָגט זיך אַ טעמפּער זעץ, דאָס שטעלכל ציטערט אָפּ. באָמ=בעס פון עראָפּלאַנען. איין מאָל הערן מיר געשרייען. דאָס האָט מען איינגעקלאַפּט אַ באַראַק.

עראָפּלאַנען זשומען; גאָר נאָענט דערטראָגט זיך אַ שמעפּעריי פון קוילן=וואַרפער. פון אונז זעט מען אָבער ניט קיין שום ליכט.

אַזוי זיצן מיר זיך איינער אַנטקעגן אַנדערן, קאַט און איך, צוויי זעלנער אין אָפּגענוצטע רעקלעך, און בראָטן אינמיטן דער נאַכט אַ גאַנז. מיר ריידן ניט קיין סך, אָבער מיר זיינען פול צאַרטער איינזעעניש איינער לגבי דעם אַנדערן, צאַרטער, ווי באַ אַ פאַרליבט פּאָרל. מיר זיינען צוויי מענטשן, צוויי קליינע פונקן לעבן, אין דרויסן הערשט די נאַכט און דער טויט. מיר זיצן אַף זייער ראַנד אונטער אַ סכנה, איבער אונזערע פינגער טריפט שמאַלץ, מיר זיינען נאָענט איינער צום אַנדערן מיט די הערצער. און אָט

די שעה איז אַזוי ווי דער רוים, וואו מיר זיינען: באַשיינט דורך אַ מילדן פייער וואַקלען זיך אַהין און אַהער די ליכטער און די שאָטנס פון די געפילן און איבערלעבענישן. וואָס וויס ער וועגן מיר — וואָס וויס איך וועגן אים. פריער וואָלט דאָך קיין איין געדאַנק אונזערער ניט געווען אַ שותפותדיקער — איצט זיצן מיר בײַ דער גאַנצער און פילן אונזער לעבן און זיינען אַזוי נאָענט איינער צום אַנדערן, אַז מיר קאָנען גאָר וועגן דעם ניט ריידן.

עס נעמט לאַנג, ביז מען בראָט אָפּ אַ גאַנז, אַפילו ווען זי איז יונג און פעט. מיר בייטן דעריבער אָפּ איינער דעם אַנדערן. איינער באַגיסט זי, בעת דער אַנדערער כאַפּט דערווייל אַ דרעמל. צו ביסלעך פאַרשפרייט זיך אַ מחיהדיקער ריח.

די דרויסנדיקע גערוישן ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ חלום, בײַ וועלכן מען פאַרלירט אָבער ניט איינגאַנצן דעם זכרון. איך זע אין האַלבן דרעמל, ווי קאַט הייבט אויף און לאָזט אַראָפּ די לעפל, איך האָב אים ליב, זיינע פלייצעס, זיין ווינקלדיקע, געבויגענע געשטאַלט — און אין דער זעלביקער צייט זע איך הינטער אים וועלדער און שטערנס, און אַ גוטע שטים זאָגט ווערטער, וועלכע ברייגען מיר טרייסט, מיר, דעם זעלנער, וועלכער איז, צוזאַמען מיט זיינע גרויסע שטיוואַלעס און זיין גורט, און זיין ברויט=רענצל אַזוי נישטיק אונטערן רחבותדיקן הימל; וועלכער פאַרגעסט אַזוי גיך און איז זעלטן אומעטיק, וועלכער גייט אַלץ ווייטער אונטער דעם ברייטן נאכט=הימל מיט דעם וועג, וואָס שפּרייט זיך פאַר אים אויס.

אַ קליינער זעלנער און אַ מילדע שטים, און ווען מען וואָלט אים צערטלען, וואָלט ער דאָס שוין אפשר גאָרניט באַנומען, אָט דער זעלנער מיט די גרויסע שטיוואַלעס און מיט דאָס פאַרהאַרטעוועטע האַרץ, וועלכער טראַמפּלט, ווייל ער טראָגט שטיוול, און וועלכער האָט שוין פאַרגעסן אַלץ, אחוץ דעם מאַרשירן. זיינען דען אַפן האָריזאָנט ניט פאַראַן קיין בלומען און קיין לאַנדשאַפט, וואָס ליגט אַזוי שטיל, אַז אים ווילט זיך וויינען, דעם זעלנער? שטייען דען דאָרטן ניט קיין בילדער, וועלכע ער האָט נאָר צוליב דעם, ניט אָנגעוואָרן, ווייל ער האָט זיי קיינמאָל

ניט פאַרמאָגט, פאַרשיכּורנדיקע בילדער, וועלכע זיינען אָבער פאַר אים פאַרבײַ? שטייען דען דאָרטן ניט זיינע צוואַנציק יאָר?

איז מיין פּנים נאַס, און וואו בין איך? קאַט שטייט איבער מיך, זיין גרויסער, געבויגענער שאָטן פאַלט אַף מיר, ווי דער שאָטן פון מיין היים. ער רעדט שטיל, ער שמייכלט און גייט צוריק צו צום פייער.

ער זאָגט: „עס איז פאַרטיק.“

„יאָ, קאַט.“

איך טרייסל זיך פאַנאַנדער. אינמיטן רוים לויכט דאָס ברוינע געבראָטנס. מיר נעמען אַרויס אונזערע צוזאַמענגעלייגטע גאָפּלען און מעסער=מעסערס, און יעדער שניידט אָפּ אַ פאָלקע. צו דעם עסן מיר זעלנער=ברויט, געטונקט אין דעם זופּ. מיר עסן פּאַמעלעך, מיט גרויס הנאה.

„געשמאַק, קאַט?“

„גוט! שמעקט עס דיר אויך?“

„גוט, קאַט.“

מיר זיינען ברידער און מיר רוקן איינער דעם אַנדערן צו די בעסטע חלקים. נאָכן עסן רויכער איך אַ סיגאַרעט, קאַט אַ ציגאַר. פון דער גאַנז איז נאָך אַפּילע געבליבן.

„וואָס זאָגסטו, קאַט, דערצו, אַז מיר זאָלן פאַר קראָפּ און טיאַדען מיטנעמען אַ שטיק?“

„גוט,“ זאָגט ער. מיר שניידן אָפּ אַ פּאָרציע און וויקלען זי איין אין צייטונג=פּאַפּיר. דעם רעשט רעכענען מיר מיטצונעמען צו זיך אין באַראַק; אָבער קאַט לאַכט און זאָגט נאָר: „טיאַדען.“

איך זע איין, אַז מיר מוזן אַלץ מיטנעמען. און מיר גייען צום הינער=שטאַל, כּדי זיי ביידן אויפצוּוועקן. פאַרן אַוועקגיין ראַמען מיר נאָך אַוועק די פעדערן.

קראָפּ און טיאַדען קוקט אַף אונז, ווי אַף אַ ליכטיקן חלום אין מדבּר. נאָכדעם הויבן זיי אָן צו אַרבעטן מיט די ציין. טיאַדען האַלט מיט ביידע הענט באַם מויל אַ פליגל, ווי אַ קינדער=האַרמאָניקע, און קייט. ער זופּט די שמאַלץ פונם טאָפּ און פּאַסמאַקעוועט זיך: „דאָס וועל איך אייך קיינמאָל ניט פאַרגעסן!“

מיר גייען צו אונזער באראק. דער הויכער הימל איז ווייטער אויסגעזייט מיט שטערנס און מיט דער אופקומענדיקער פרימאָרגן־דעמערונג. און איך שלעף זיך אונטער דעם, א זעלנער מיט גרויסע שטיוואַלעס און מיט א פולן בויך, א קליין זעלנערל אין דעם פרימאָרגן — און בא מיין זייט, איינגעבויגן און ווינקלדיק, גייט קאַט, מיין חבר.

דער סילועט פון באראק קומט אונז אין דער דעמערונג אַנטקעגן, ווי א טיפער געשמאקער שלאָף.

6

עפּעס שמועסט מען וועגן אַן אַטאַקע. מיר גייען אַרום אַפן פראָנט מיט צוויי טעג פריער, ווי שטענדיק. אַפן וועג פאָרן מיר פארביי א צעשאָסענעם שול־בנין. דערביי שטייט אופגעשטאַפלט א טאַפּעלע, הויכע וואַנט פון גאָר גייע, העלע, ניט פאלירטע ארונות. זיי האָבן נאָך דעם ריח פון סמאָלע, פון סאָסנעס און פון וואלד. דאָרטן זיינען פאראַן, לכל־הפחות, הונדערט שטיק.

„אָט דאָס הייסט זיך פארזאָרגט פאַר דער אַטאַקע,“ רופט מילער אויס, פאַרחידושט.

„דאָס איז פאַר אונז,“ וואַרטשעט דעטערינג.

„רייד ניט קיין נארישקייטן,“ בייזערט זיך קאַט.

„מעגסט זיך פרייען, אויב דו וועסט אַריינכאַפּן אַן אָרון,“ חוזקט מיט יאַשטשערקעס טיאַדען, אָבער פאַר דיין פאַדיקלעס־פיגור וועלן זיי דאָך וועלן איבערפירן ניט מער ווי א געצעלט־לייוונט!“

די אַנדערע וויצלען זיך אויך — אָבער אז אָך־און־וויי איז צו די וויצן; וואָס זאָלן מיר אַחוץ דעם טאָן? — די ארונות זיינען דאָך אין דעראמתן פאַר אונז. אין אַזעלכע ענינים איז בא אונז די אָרדענונג א מוסטערהאַפטע.

אַף די פאָדערשטע ליניעס קאָכט עס. אין דער ערשטער נאכט פרואוון מיר זיך שוין אָריענטירן. עס איז כמעט ווי שטיל,

און מיר הערן, ווי הינטער דעם שונאס פראָנט גייען אָן אופהער טראַנספּאָרטן ביז באַגינען צו. קאַט זאָגט, אַז זיי ציִען ניט אָפּ, נאָר זיי ברייִנגען כּסדר צו מענטשן, מוניציע, האַרמאַטן.

די ענגלישע אַרטילעריע איז פאַרשטאַרקט געוואָרן, אין דעם איבערצייַגן מיר זיך תּיכּף־ומיד. רעכטס פון דער פערמע שטייען, לכל־הפּחות, פיר באַטאַרייעס מער, און הינטער דעם אָפּגעהאַקטן טאָפּאָל זייִנען אייַנגעבויט קוילן־וואַרפערס. אַחוץ דעם, איז נאָך אָנגעקומען אַ היפּשע צאָל פון די קליינע פראַנצויזישע חיות־רעות, די פלאַמען־וואַרפערס.

אונזער שטימונג איז געדריקט.

אין אַ ווײַלע אַרום, הויבן מיר אָן צו באַקומען קלעפּ פון דער אייגענער אַרטילעריע. דאָס איז שוין דאָס דריטע מאָל אין משך פון פיר וואָכן. ווען דאָס וואָלט נאָך פאַסירט צוליב אַ טעות, וואָלט קיינער צו זיי נישט געהאַט. אָבער די סיבּה דערפון איז די, וואָס די האַרמאַטן־טרויבן זייִנען שוין צו אָפּגענוצט. און די שאָסן ווערן אָפּט אומזיכער. אין דער נאַכט האָבן מיר דורך דעם צוויי פאַרוואונדיקטע.

* * *

דער פראָנט איז אַ שטייג, וואו מען מוז נערוועז אויסוואַרטן, וואָס עס וועט געשען. מיר ליגן אונטער דעם געפלעכט פון פליעדיקע גראַנאַטן און מיר לעבן אין כּסדרדיקער שפּאַנונג און אומבאַשטימטקייט. איבער אונז שוועבט דער צופאַל. ווען אַ קויל קומט, קאָן איך זיך נאָר אייַנבויגן, דאָס איז אַלץ; אָבער וואוהין ער וועט טרעפן, קאָן איך בשום אופן ניט וויסן און איך קאָן דאָס אויך ניט אָפּווענדן.

און אָט דער צופאַל מאַכט אונז גלייכגילטיק. מיט עטלעכע מאָנאַט צוריק בין איך געזעסן אין אַ בלינדאַזש אין געשפּילט סקאַט; אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך זיך אופגעהויבן און אַוועק צו געסט צו באַקאַנטע אין אַ שכנותדיקן בלינדאַזש. ווען איך בין געקומען צוריק, איז שוין פון מיין בלינדאַזש קיין זכר ניט געווען,

ער איז איינגעשלאָגן געוואָרן דורך אַ שווערן שראַפּנעל. איך בין אוועק צוריק צו מיינע שכנים. און בין געקומען גראד צו דער נויטיקער צייט, כדי זיי צו העלפן אופצוגראָבן. פאר דער צייט איז זייער בלינדאַזש שוין אויך פארשאָטן געוואָרן.

איך בלייב לעבן פונקט אזוי צופעליק, ווי איך ווער אראָפּ־געשאָסן. אין דעם פארפאנצערטן בלינדאַזש קאָן איך צעקוועטשט ווערן, און איך קאָן שטיין צען שעה אַפן פרייען פעלד אונטערן קרייץ־פייער און בלייבן גאנץ. יעדער סאלדאט בלייבט לעבן נאָר אַדאנק טויזנטער צופאלן. און יעדער סאלדאַט גלויבט אין דעם צופאל און פארטרויט זיך אים.

* * *

מיר מוזן אופפאסן אונזער ברויט. פאר דער לעצטער צייט, וואָס די גראָבנס ווערן ניט מער געהאלטן אין אָרדנונג, האָבן זיך אָנגעהויבן מערן די שטשורעס. דעטערינג זאָגט, אַז דאָס איז דער ריכטיקסטער סימן, אז עס וועט עפּעס קומען.

די היגע שטשורעס זיינען באזונדערש עקלהאַפטיק דערמיט, וואָס זיי זיינען אזוי גרויס. דאָס איז דער מין, וואָס מען רופט פגרים־שטשורעס. זיי האָבן פאסקודנע, בייזע שנוקעס, און בעת מען זעט זייערע לאנגע, נאַקעטע וויידלען, ווערט ניט גוט.

ווי עס שיינט, זיינען זיי שטארק אויסגעהונגערט געווען. במעט בא אלעמען האָבן זיי אופגעפרעסן דאָס ברויט. קראָפּ האלט זיין ברויט צוקאָפּנס, גוט פארוויקלט אין געצעלט־לייוונט, אָבער ער קאָן ניט שלאָפן, ווייל זיי לויפן אים די גאנצע נאכט ארום איבערן פנים. דעטערינג האָט זיי געוואלט איבערכיטרעווען; ער האָט אנגעבראכט אן דער סטעליע א דראט און האָט אף דעם אופגעהאנגען זיין פעקל ברויט. באנאכט זעט ער, באַם שיין פון זיין טאשן־לעמפל, ווי דאָס דראט שאָקלט זיך אַהין און צוריק. אַפן ברויט איז געריטן א פעטער שטשור.

מיר מאכן דערצו א סוף. די שטיקער ברויט, וואָס די חיהלעך האָבן ארומגעגריזשעט, שניידן מיר אויס; אוועקוואַרפן

דאָס גאַנצע ברויט קאָנען מיר בשום אופן ניט, ווייל דעמאָלט וועלן מיר מאָרגן ניט האָבן וואָס צו עסן.

די אָפּגעשניטענע פּענעצעס לייגן מיר צוזאַמען אינמיטן, אַף דער פּאָדלאָגע. יעדער נעמט אַרויס זיין רידל און לייגט זיך אַוועק דערבײַ. גרייט צו האַקן. דעטערינג, קראַפּ און קאַט האַלטן אָנגעגרייט זייערע טאַשן־לעמפּלעך.

באַלד דערהערן מיר די ערשטע שאַרכן. די שאַרכן פאַר־שטאַרקן זיך, דאָס זיינען שוין אַפילו קליינע לאַפּקעס. און דאָ בליצן מיטאַמאָל אויף די טאַשן־לאָמפּן, און אַלע נעמען האַקן אין דעם שוואַרצן געווימל, וואָס לויפט זיך פונאַנדער מיט אַ שיפּן און פּיסקן. דער רעזולטאַט איז אַ גוטער. מיר וואַרפן אַרויס די צעפּאַסקעוועטע שטשורעס איבערן גראָבן און לייגן זיך ווייטער לאַקערן.

נאָך עטלעכע מאָל גיט זיך אונז דער קונץ איין. נאָכדעם האָבן שוין די שטשורעס עפּעס געמערקט, אָדער דערשמעקט דעם ריח פון בלוט. מער קומען זיי שוין ניט. אָבער ניט געקוקט אַף דעם, זיינען אַף מאָרגן אינדערפרי די ברויט־רעשטלעך אַף דער פּאָדלאָגע מער ניטאָ.

אין דעם שכנותדיקן סעקטאָר זיינען די שטשורעס באַפאַלן צוויי גרויסע קעז און אַ הונט, האָבן זיי צעביסן אַף טויט און אָפּגעגריזשעט שטיקער.

* * *

אַפן קומעדיקן טאָג קריגן מיר האָלענדער קעז. יעדער באַקומט במעט אַ פערטל פון אַ גאַנצן קעז. צום טייל איז דאָס גוט, ווייל האָלענדער איז אַ מאכל אין מויל צו נעמען — און צום טייל איז דאָס ביטער, ווייל אט די גראָבע, רויטע פּילקעס זיינען ביזאַהער שטענדיק געווען אַן אָנזאָג אַף גרויסע צרות. אונזער פּאָרגעפיל שטייגט נאָך, בעת מען הויבט אויף אָן צו טיילן בראַנפן. מיר טרינקען דאָס; אָבער דערבײַ איז אונז גאָרניט פרײַלעך אַפן האַרצן.

מיר ברײנגען צו די טעג דערמיט, וואס מיר מאַכן געיעגן אף די שטשורעס און מיר בלאנקען זיך ארום. די זאפּאַסן קוילן און האַנט־גראנאטן ווערן פולער. די באגנעטן באַזיכטיקן מיר אלײן. עס זײנען פאראן אַזעלכע, וואס האבן אַף דער טעמפּער זײט צײנדלעך, ווי די זעגן. ווען יענע דארטן כאפּן עמיצן מיט אזא באגנעט, מאכן זײ אים אָן שום דיבורים מיט א קאפּ קירצער. אין שכנותדיקן סעקטאר האבן מיר געפונען אונזעריקע, בא װעמען מען האָט מיט אָט די זעגלעך־באַגנעטן אָפּגעשניטן די נעזער און אויסגעשטאכן די אויגן. נאָכדעם האט מען זײ פארשטאפּט די נאָז און די מויל מיט זעגלשפּאן און זײ דערמיט דערשטיקט.

עטלעכע רעקרוטן האָבן נאך אזעלכע באַגנעטן; מיר נעמען דאָס אָפּ און זײ באקומען אנדערע.

דער באגנעט האָט שוין יעדנפאלס טײלווײז פארלאָרן זײן באדײטונג. אין אטאקע צו גײן איז איצט געווארן מאדע נאר מיט האַנט־גראנאטן און מיט רידלען. דער אנגעשארפטער רידל איז א לײכטערער און א פילזײטיקערער וואָפן, מען קאן אים ניט נאר ארײנשטעכן אין האלז, נאר מען קאן אויך מיט אים שלאגן, ווײל ער האט מער געוויכט; באזונדערש, בעת מען טרעפט מיט אים ארײן באלכסון צווישן פּלײצע און האלז, דעמאָלט שפּאַלט מען דורך ביזן ברוסט צו. דער באגנעט בלײבט אָפט שטעקן אין לײב, און כדי אים אַרויסצובאַקומען, מוז מען זיך פעסט אײנשפּארן מיטן פוס אין יענעמס בויך, און אין משך פון דער צײט שנײדט מען אַלײן אויך אָפּ אפטמאל ניט טרוקן. דערצו נאָך ברעכט זיך דאס באגנעט אַנדערעמאָל אָפּ.

באַנאַכט גיט מען גאז־סיגנאַלן. מיר ווארטן אף דער אטאקע און האַלטן די מאסקעס פאַרטיק, גרײט זײ אָפּצורײסן, ווי נאר דער ערשטער שאטן וועט זיך אופהײבן.

דער פרימארגן הײבט אן גראען, באנאַכט איז גאָרניש געשען. שטענדיק אָבער אָט דאס נערוונדיקע רעדער־דרײען אַף יענער זײט, אײזנבאנען, משא־אויטאמאָבילן, וואס געשעט דארטן? אונזער ארטילעריע פײערט אַהין אריבער פון צײט צו צײט, אבער עס הערט אלץ ניט אוף, עס הערט אלץ ניט אוף.—

מיר האָבן אויסגעמאטערטע פנימער און קוקן נים איינער אָפן אנדערן. „עס וועט זיין, ווי בא דער סאָמע, דארטן האבן מיר געהאט זיבן מעת־לעת כסדר קרייץ־פייער", זאגט קאט פאר־במורעט. זינט מיר זיינען דא, האט ער מער נים קיין הומאר, און דאס איז שלעכט, ווייל קאט איז אן אלטער פראָנט־פוקס, און ער דערשמעקט אלץ. נאר איין טיאדען איז מלא־שמחה צוליב די גוטע פארציעס און דעם ראם; ער מיינט אפילו, אז מיר וועלן אַוועק פונקט אזוי, ווי מיר זיינען געקומען, ס'וועט קיין זאך נים פאסירן.

און עס זעט טאקע כמעט אזוי אויס. איין טאג נאכן אנדערן גייט אוועק. באנאכט זיץ איך אין דער ל־ך פונם אויס־קוק־פונקט. איבער מיך הייבן זיך ארויף און לאזן זיך אראפ די ראקעטקעס. איך בין פארזיכטיק און געשפאנט, מיין הארץ קלאפט. איך קוק כסדר אפן זייגער מיטן לויכטנדיקן ציפערבלאט. דאס ווייזערל וויל זיך נים רירן. דער שלאף פלאנטערט זיך צווישן מיינע וויעס, איך דריי אין די שטיוול די פוס־פינגער, כדי נים איינצושלאפן. ביז איך ווער אפגעביטן, פאסירט קיין זאך נים; — נאר שטענדיק דאס רעדער־דרייען אף יענער זיים. מיר בארואיקן זיך בהדרגה און שפילן כסדר אין חזירימלעך. אפשר וועלן מיר האבן מזל.

דער הימל איז גאנצע טעג באהאנגען מיט אויסקוק־באלא־נען. מיר דערוויסן זיך, אז דארטן גרייט מען צו פאר דער אטאקע טאנקעס און אַעראפלאנען פאר אינפאנטעריע. דערמים אינטערעסירן מיר זיך אבער ווייניקער ווי מיט דעם, וואס מען דערציילט וועגן די נייע פלאמען־ווארפערס.

* * *

אינמיטן דער נאכט כאפן מיר זיך אוף. די ערד טרייסלט זיך. איבער אונז לייגט זיך א שווער פייער. מיר באהאלטן זיך אין די ווינקעלעך. מיר הערן, ווי עס אַרבעטן הארמאטן פון אלע קאליברעס.

יעדער כאפּט זיינע זאַכן און איבערצייגט זיך יעדע רגע, פונדאסניי, אַז זיי זיינען פאראַן. דער בלינדאַזש ציטערט, די נאכט ברומט און בליצט.

באַם שיין פון די לאַנגע אויפבליצן קוקן מיר זיך איבער מיט בלאַסע פּנימער און מיט פאַרביסענע ליפּן, און שאָקלען מיט די קעפּ.

יעדער איינער פילט באַשיינפּערלעך, ווי די שווערע שראַפּנעלן צערייבן דעם וואַל פאַרן גראָבן, ווי זיי פּאַרטיליקן דעם אויפשיט, און ווי זיי מאַכן אַ תּל פון די אויבערשטע בעטאָן-קלעצער. מיר מערקן דעם ווילדן, טעמפּן זעץ פון אַ שראַפּנעל, בעת ער טרעפט אַריין אין גראָבן, דעמאָלט דערמאָנט ער דעם קלאַפּ פון די נעגל פון אַ סאַפּענדיקער רויב-חיה. עטלעכע רעקרוטן זיינען גרין און זיי ברעכן. זיי זיינען נאָך דערצו ניט געוואוינט.

פּאַמעלעך גיסט זיך אַריין אַ שווער, גראָ ליכט אין די גיינג און גיט די בליצן צו אַ בלייכע פאַרב. דער פרימאָרגן איז געקומען. איצט מישן זיך אַריין אין דעם אַרטילעריע-פייער אויפרייסנדיקע מינעס. זיי רופן אַרויס אַן אומגלויבלעכן חורבן. דאָרטן, וואו זיי טרעפן אָן, איז אַ פאַרטיקער מאַסן-קבר.

די פּאַטרולן גייען אַרויס, די אויסקוקער קומען אַריין, צעטומלטע, מיט מיסט באַוואָרפענע, ציטערנדיקע. איינער ליגט זיך שווייגעדיק אין אַ ווינקל און עסט, דער אַנדערער, אַ דער-גאַנצונג-רעזערוויסט, כליפּעט; פון דער לופט-צעטרייסלונג איז ער צוויי מאָל אַריבערגעפלויגן איבערן וואַל, און ער איז געבליבן לעבן, נאָר אַ נערוון-שאָק האָט ער געכאַפּט דערביי.

די רעקרוטן קוקן אויף אים. דאָס איז שטאַרק אָנשטעכנד. מיר מוזן אויפפּאַסן, באַ אַנדערע הויבן שוין אָן זיך צו קרימען די מיילער; ס'איז גוט, וואָס ס'ווערט שוין טאָג; אפשר וועט די אַטאַקע נאָך אויסברעכן אינדערפרי.

דאָס פייער ווערט ניט שוואַכער. עס לייגט זיך אויך הינטער אונז. אויף ווי וויט מען קאָן נאָר זען, שפּריצן פאָנטאַנעס פון אייזן און פון בלאָטע. אַ ברייטער שטח ווערט באַם-באַרדירט.

די אטאקע קומט ניט, אָבער די קלעפּ ציען זיך אָן אופּ־הער. מיר ווערן ביסלעכווייז אָפּגעטויבט. קיינער פון אונז רעדט שוין ניט. מען קאָן זיך אויך ניט פאַרשטיין.

אונזער גראָבן איז כּמעט חרוב. אין אפילע ערטער דער־גרייכט זיין הויך ניט מער פון א האלבן מעטער. ער איז צע־לעכערט, פול מיט טרעכטערס און בערגלעך. האַרט בא אונזער דורכגאַנג פּלאַצט א שראַפּנעל. תּיכּף ווערט עס פינצטער. מיר זיינען פאַרשאָטן און מוזן זיך אויסגראָבן. אין א שעה ארום איז דער גאַנג ווייטער פריי, און מיר זיינען אביסל פעסטער בא זיך, ווייל מיר האָבן געהאַט עפּעס צו טאָן.

אונזער לייטענאַנט קריכט אריין און זאָגט, אז צוויי בלינ־דאַזשן זיינען פאַרטיליקט געוואָרן. די רעקרוטן באַרואיקן זיך, ווען זיי זעען אים. ער זאָגט אויך, אז היינט אָוונט דאַרף געמאַכט ווערן אַ פּרואוו צו ברייגנען עסן.

דאָס קלינגט, ווי א טרייסט. קיינער האָט ניט געטראַכט וועגן דעם, אחוץ טיאדען. אויב עס גייט נאָך איין צו ברייגנען עסן, איז דאָך נאָך ניט אזוי שלעכט. טראַכטן זיך די רעקרוטן. מיר שטערן זיי ניט, מיר ווייסן, אז שפּייז איז פּונקט אזוי וויכ־טיק, ווי מוניציע, און נאָר צוליב דעם מוז דאָס געבראַכט ווערן.

אָבער עס גיט זיך ניט איין. א צווייטע פּאַרטיע גייט אָפּ. זי קערט זיך אויך אום. צום סוף פּרואווט זיך קאַט צו גיין, און אפילו ער קומט אויך צוריק מיט ליידיקע הענט. קיינער קאָן ניט דורכקומען גאַנץ דורך אזא מין פייער.

מיר ציען פעסטער צוזאַמען אונזערע גורטן און מעלה־גירהן יעדן ביסן, אָבער עס קלעקט אלץ ניט; ווי צולהכעיס, זיינען מיר דאָסמאָל שטאַרק הונגעריק. איך האָב נאָך א קראַיעצל ברויט; דאָס ווייכע עס איך אויף, די שקאָרינקע ליגט אין מיין ברויט־רענצל; פון צייט צו צייט גריזשע איך דערפון אָפּ א שטיקל.

* * *

די נאַכט איז ניט צום אויסהאַלטן. מיר קאָנען ניט שלאָפן, מיר ליגן מיט פאַרגלאָצטע אויגן אפן גרעניין פון א שווערן דרעמל און וואכזיין. מיאדען באַדויערט, וואָס מיר האָבן פאַרשווענדט אונזער ברויט און דאָס אָפגעגעבן די שטשורעס. מיר האָבן דאָס געדאַרפט באהאלטן. איצט וואָלט דאָס יעדער געגעסן. וואַסער פעלט אונז אויך.

קעגן פרימאָרגן, ווען ס'איז נאָך טונקל, ווערט א טומל. דורכן אריינגאַנג פליט אריין א מחנה שטשורעס און וואַרפט זיך אף די ווענט. די טאשן־לאָמפן באלויכטן די צעדרודערניש. אלע שרייען און זידלען זיך און שלאָגן. דאָס ווערט איצט אויסגעלאָזן דער צאָרן און די פאַרצווייפלונג פון אפולע שעהן. די פנימער זיינען ווייטיקדיק פאַרקרימט, די הענט האקן אָן רחמנות, די שטשורעס קוויטשן, ס'איז א שווער בילד. מיר הערן אוף. עס האָט ניט פיל געפעלט, אַז מיר זאָלן אָנפאלן איינער אפן אנדערן.

דער אויסברוך האָט אונז אויסגעמאטערט. מיר ליגן און וואַרטן ווייטער. ס'איז פשוט א וואונדער, וואָס אונזער בלינדאַזש האָט נאָך ניט קיין אבידות. אונזערער איז איינער פון דער קליינער צאָל טיפע גיינג, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן.

אַן אונטער־אָפיציר קריכט אריין; ער האָט געבראַכט א ברויט. דריי האָט עס דאָך אָפגעגליקט באנאכט זיך דורכצורייסן און צו ברענגען אַביסל שפייז. ווי האָבן דערציילט, אַז דאָס פייער לייגט זיך מיט גרויסער קראַפט אויש ביז צו די פאָזיציעס פון דער ארטילעריע. ס'איז א חידוש, וואו יענע נעמען דאָס אַזוי פיל האַרמאַטן.

מיר מוזן וואַרטן, וואַרטן. מיטיק־צייט פאַרלויפט זיך עפעס, אף וואָס איך האָב שוין געוואַרט. איינער פון די רעקרוטן האָט באַקומען אַן אָנפאַל. איך האָב שוין פון לאַנג נאָכגעקוקט, ווי ער האָט אַן אופהער געסקריפעט מיט די ציין און האָט געבאַלט די פויסטן. אונז זיינען שוין גוט באַקאַנט אָט די אויפגערייצטע, ארויסגעקראָכענע אויגן. אין די לעצטע שעהן איז ער נאָר אויסערלעך רואיקער געוואָרן. ער איז צוזאַמענגעפאַלן, ווי א דורכגעפוילטער בוים.

איצט הייבט ער זיך אוף, קריכט דורך דעם רוים, ווארט אָפּ א ווײַלע און נעמט זיך גליטשן צום ארויסגאנג. איך פרעג אים: „וואוהין ווילסטו דען?“ און פארשטעל אים דעם וועג.

„איך קום תיכּף צוריק אריין,“ זאגט ער און וויל מיך אויסמיידן.

„ווארט אויס א ביסל, דאָס פייער לאָזט שוין אָפּ.“

בּא די ווערטער בּאקומט זיין אויג א קלארן אויסדרוק. אָבּער נאר אף א רגע. בּאלד ווערט עס ווידער פארטריבּט, ווי בּא א משוגענעם הונט. ער שוויגט און שטופּט מיך אפּ.

„נאר איין ווײַלעטשקע, חבר,“ זאָג איך. דערווײַל דערזעט אונז קאט. אין דער רגע, ווען דער רעקרוט שטויסט מיך אפּ, כאפּט ער אים אויך אן, און מיר האלטן אים פעסט.

ער הויבּט אן צו גוואלדעווען: „לאזט מיך, איך וויל ארוים, לאזט מיך ארוים!“

ער הערט ניט אוף צו שרייען און פאכעט ארום זיך מיט די פויסטן, זיין מויל איז פארצויגן מיט שוים, און עס שיטן זיך פון איר ווערטער, האלבּ־פארשלונגענע, משוגענע ווערטער. דאס איז אן אנפאל פון חיהשן שרעק, ער האט א געפיל, אז ער ווערט דאָ דערשטיקט, און עפּעס שטופּט אים ארויסצולויפן פון דאנען. ווען מען וועט אים ארויסלאזן, וועט ער אוועק ערגעץ אין פרייען פעלד, וועט אויסמיידן יעטווידע בּאדעקונג. ער איז שוין ניט דער ערשטער.

אזוי ווי ער איז שוין שטארק מטורף און די אויגן זיינע פארדרייען זיך, קאן דא גארנישט העלפן, מיר מוזן אים אָנשלאָגן, כּדי ער זאל קומען צו זיך. מיר טוען דאָס אָפּ בּחפּזון און אומ־רחמנותדיק, און מיר פירן דערמיט אוים, אז ער זיצט שוין לעת־עתה שטיל, ווי א קאטינקע. די אנדערע רעקרוטן זיינען בּלאס און צעשראקן געווארן, דאס אליץ צוזעענדיק; האפנטלעך, וועט זיי דאס דינען פאר א משל. דאס קרייץ־פייער איז צו הארבּ פאר די אָרימע אינגלעך; בּאלד פון דער קאזארמע האבּן זיי זיך אפּ־געטונקט אין אזא מין צרה, וואס קאן אפילו אן אלטן מאן אויך בּריינגען צו גראָע האָר.

נאָך אַט דער געשיכטע פאַלט אונז די פאַרשטיקטע לופט נאָכמער אַף די נערוון. מיר זיצן ווי אין אונזער אייגענעם קבר און וואַרטן נאָר אַף דעם, מען זאָל אונז פאַרשיטן.

מיטאַמאָל דערטראָגט זיך אַן אומגעהויערער פייף און ס'טוט אַ בלישטשע, דער גאַנצער בלינדאַזש קרעכצעט אונטער אַ האַרמאַטן־זעץ, צום גליק, איז ער אָבער לייכט, און די בעטאָן־קלע־צער האָבן אויסגעהאַלטן. עס הילכט מוראדיק אָפּ, די ווענט טרייסלען זיך, עס פליען קווערס, ביקסן, ערד, בלאָטע און שטויב ווערט אופגעווירבלט. אַ ווערגנדיקער טשאַד דרינגט אַריין. ווען מיר וואָלטן, אנשטאָט דעם פעסטן בלינדאַזש, געזעסן אין איינעם פון די לייכטע אקאָפּעס, וואָס ווערן איצט געגראָבן, וואָלט שוין מער קיין זכר פון אונז ניט געווען.

צרות זיינען אָבער איצט אויך גענוג פאַראַן. דער פריער־דיקער רעקרוט טומלט שוין ווייטער, און נאָך צוויי שטייען צו אים צו. איינער רייסט זיך אַרויס און לויפט אַוועק. מיר האָבן זיך צו מאַטערן מיט דיביידע איבערגעבליבענע. איך לאָז זיך לויפן נאָך דעם פליט און קלער, אויב כ'זאָל אים שיסן אין די פיס; — עס הויבט ווייטער אָן צו וואָיען, איך וואַרף זיך אנידער, און ווען איך שטיי אוף, איז שוין די וואַנט פון גראָבן באַשפּריצט מיט הייסע שפּליטערס, מיט צעריסן לייב און מיט שמאַטעס. איך קריך אַריין צוריק.

דער ערשטער רעקרוט איז, ווי עס שיינט, טאַקע אַראָפּ פון זינען. ווי נאָר מען לאָזט אים אָפּ, לויפט ער ווי אַ באָק מיטן קאָפּ קעגן וואַנט. באַנאַכט וועלן מיר פּרוּאוון אים אָפּפירן הינ־טערן פראָנט. לע־עתּה בינדן מיר אים אַזוי, אַז בּאַ דער אַטאַקע זאָל מען אים תּיכּף ווייטער קאָנען באַפרייען.

קאַט לייגט פאָר שפּילן אין סקאַט; — וואָס זאָל מען טאָן, אפשר וועט דעמאָלט לייכטער ווערן. אָבער עס קומט דערפון גאָרנישט אַרויס, מיר האָרכן זיך צו צו יעדן קלאַפּ און מיר זיינען זיך בסדר טועה באַם ציילן די אויגלעך. מיר מוזן אופהערן. מיר זיצן, פונקט ווי אין אַן אָפּציטערנדיקן קעסל, אין וועלכן מען זעצט פון אַלע זייטן.

נאָך אַ נאַכט. מיר זיינען איצט אָפּגעטעמפּט פון שפּאַנונג. עס איז אַ מין טויטנדיקע שפּאַנונג, וואָס סקראָבעט איבער אונזער חוט־השדרה, ווי אַ טעמפּער מעסער. די פיס פאָלגן מער ניט, די הענט טרייסלען זיך, דאָס לייב איז שוין אָן אויסגעטריקנטע הויט, אַריבערגעצויגן איבער אַ שהער־איינגעהאַמעוועטער משוגעת, איבער אָן אָנספּיקן סקאַוואַוטשן, וואָס וועט אָט־אָט אויסברעכן. מיר האָבן מער ניט קיין פלייש און ניט קיין מוסקלען, מיר קאָנען זיך מער איינער דעם אַנדערן ניט אָנקוקן, מורא האָבנדיק פאַר ניט באַרעכנטע מעשׂים. און מיר פּרעסן צונויף די ליפּן — עס וועט פאַרבייגיין — עס וועט פאַרבייגיין — אפשר וועלן מיר זיך נאָך אַרויסדרייען.

* * *

מיטאַמאָל הערן אויף די נאָענטע קלעפּ. דאָס פייער האַלט נאָך אָן, אָבער עס האָט זיך אַוועקגערוקט ערגעץ אַנדערש, אונזער גראָבן איז פריי. מיר כאַפּן די האַנט־גראַנאַטן, טוען זיי אַ שלײַדער פאַר דער אַקאַפּע און שפּרינגען אַרויס. דאָס קרייץ־פייער האָט זיך אָפּגעשטעלט, דערפאַר אָבער לייגט זיך הינטער אונז אַ שווערער צווישן־פייער. די אַטאַקע הויבט זיך אָן.

קיינער וואָלט ניט געגלויבט, אַז אין אָט דער צעריסענער וויסטעניש זיינען נאָך פאַראַן מענטשן; אָבער איצט שווימען פון אַלע גראָבנס אַרויס שטאָלענע קיווערס, און פופציק מעטער ווייט פון אונז איז שוין אַפילו אויפגעשטעלט אַ קוילן־וואַרפער, וועלכער הויבט תיכּף אָן צו בילן.

די דראָט־פאַרצוימונגען זיינען צעריסן. אַביסל אָבער זיינען זיי נאָך בכּח אָפּצוהאַלטן. מיר זעען, ווי די קעגנער קומען אָן. אונזער אַרטילעריע פייערט. קוילן־וואַרפערס שטעפּן. זיי שניידן זיך אַריין פון יענער זייט. האַיע און קראָפּ הויבן אָן אַרבעטן מיט די האַנט־גראַנאַטן. זיי וואַרפן, ווי גיך זיי קאָנען נאָר, מען דערלאַנגט זיי שוין אַרויסגעשיילטע גריפן. האַיע וואַרפט אויף אַ מהלך פון זעכציק מעטער, קראָפּ — פופציק מעטער, דאָס איז אויסגעפּרוּווט

און זייער וויכטיק. יענע קאָנען אין מיטן לויפן גארנישט אופּטאָן, זיי מוזן צוקומען ביז דרייסיק מעטער נאָענט.

מיר דערקענען די צערייצטע פּנימער, די פּלאַטשיקע קיווערס, דאָס זיינען פראנצויזן. ביז זיי דערגרייכן די רעשטן פון דער דראָט־פארצוימונג, האָבן זיי שוין קענטיקע אבידות. אַ גאנצע שורה ווערט דורכן קוילן־ווארפער אויסגעלייגט לעבן אונז; אונזער קוילן־ווארפער ווערט דערוויל מבולה און זיי קומען צו נעענטער.

איך זע, ווי איינער פון זיי פּלאָנטערט זיך אַריין אין א געפלעכט פון שטעכיקן דראט. זיין פּנים איז הויך פארריסן, דער גאַנצער גוף זינקט שווער צוזאַמען, די הענט בלייבן הייגען, ווי ער וואָלט זיך געבעטן. ווייטער פאלט דאָס לייב אינגאנצן אַוועק, און אין דראט בלייבן נאר פארטשעפּעט די אראָפּגעשאסענע הענט מיט די אָפּגעהאקטע אָרעמס.

אין דער רגע, וואָס מיר גייען ווייטער, טרעטן אָפּ צוריק, הייבן זיך אונז אַנטקעגן פון דער ערד דריי פּנימער. אונטער איין קיווער — אַ טונקל שפּיציק בערדל און א פּאר אויגן, וואָס עסן זיך שארף אין מיך איין. איך הייב אוף די האנט, אָבער איך קאָן ניט ווארפן אין אט די מאָדנע אויגן, איין משוגענעם מאָמענט דרייט זיך אַרום מיר ווי אַ צירק דאָס גאנצע געפעכט און אָט די בײדע אויגן, וואס קוקן אָן שום באוועגונג. נאכדעם טוט זיך דער קאָפּ אַף יענער זייט א צי, אַ האנט, אַ באוועגונג, און מיין האנט־גראנאט פליט אריבער, פליט אריין.

מיר לויפן צוריק, צערייסן שטעכיקע דראטן אין די גראבנס און לאָזן איבער אף אונזער וועג אַרויסגעשיילטע האנט־גראנאטן, וועלכע זיכערן אונז אַ פייערדיקן צוריקוועג. פון דער שכנותדיקער פּאזיציע פייערן די קוילן־ווארפערס.

מיר זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געפערלעכע חיות. מיר שלאָגן זיך ניט, מיר פאַרטיידיקן זיך קעגן דעם פאַרטיליקט ווערן. מיר ווארפן ניט די גראנאטעס אַף מענטשן, — וואָס ווייסן מיר

דען וועגן דעם אין דער רגע, — דאָרטן, הינטער אונז, יאָגט דער טויט מיט העגט און מיט קיווערס, נאָך דריי טעג קאָנען מיר אים איצט צום ערשטן מאָל אָנקוקן פּנים אל פּנים. נאָך דריי טעג קאָנען מיר זיך צום ערשטן מאָל אָפּווערן פון אים, אין אונז ברויזט אַ משוגענער צאָרן, מיר ליגן ניט מער און וואַרטן ניט אָנמעכטיק אפן עשאפאָט, מיר קאָנען חרוב מאַכן און מיר טויטן, כּדי זיך צו ראטעווען, כּדי זיך צו ראטעווען און נקמה צו נעמען.

מיר באהאלטן זיך הינטער יעטווידן ווינקל, הינטער איט-לעכן דראָט-געשטעל און, איידער מיר גליטשן זיך אוועק, ווארפן מיר פאר אונזערע פיס א נייעם בינטל אוּפרייסן. דאָס קנאקן פון די האַנט-גראנאטן גיט זיך אונז אָפּ אין אונזערע אָרעמס, אין אונזערע פיס, מיר לויפן, געבויגן ווי די קעץ, פארכליניעט פון דער כוואַליע, וועלכע טראָגט אונז, וועלכע מאַכט אונז אכזריות-דיק, וועלכע פארוואנדלט אונז אין גזלנים, אין רוצחים, אין שדים, פון דער כוואַליע, וועלכע פארמערט אונזערע כּחות און אונזער מורא און גרימצאָרן און לעבנסלוסט, וועלכע זוכט און קעמפט פאר אונזער ראטעווען זיך. ווען דיין אייגענער טאטע וואָלט אָנ-געקומען מיט זיי, מיט אָט יענע, וואָלסט זיך ניט א רגע גע-קווײַנקלט אויך אף אים צו ווארפן א גראנאט.

די פאָדערשטע גראָבנס ווערן אָפּגעגעבן. זיינען דאָס נאָך גראָבנס? זיי זיינען צעשאָסן; חרוב — דאָס זיינען נאָר פאר-א ײנצלטע גריבער, לעכער, וואָס זיינען פאַרבונדן דורך גייג, טרעכטער-נעסטן, ניט מער. אָבער די אבידות פון יענע דאָרטן מערן זיך אַלץ. זיי האָבן זיך לחלוטין ניט גערעכנט אף אזא שארפן ווידערשטאנד.

* * *

ס'איז מיטיק-צייט. די זון ברענט, די אויגן בייסט אונז דער שווייס, מיר ווישן אים אראָפּ מיט די ארבל, אָפטמאָל איז דער שווייס דורכגעמישט מיט בלוט. עס שווימט אוף דער

ערשטער מער אָדער ווייניקער געשאָנעוועטער גראָבן. ער איז פול אָנגעפּאַקט מיט מענטשן און איז גרייט צו דער קאָנטער=אַטאַקע, ער נעמט אונז אויף. אונזער אַרטילעריע גיט מעכטיקע קלעפּ און ריגלט אָפּ דעם שטורעם=שטח.

די זעלנער הינטער אונז בלייבן שטיין. זיי קאָנען ניט גיין פאָרויס. די אַטאַקע ווערט צעשמעטערט דורך אונזער אַרטילעריע. מיר קוקן אַרויס. דאָס פייער פאַלט אַף הונדערט מעטער ווייטער פון אונז, און מיר טוען זיך ווייטער א ריס אַף פאָרנט. לעבן מיר ווערט בײַ איינעם א יעפּרייטער אראָפּגעריסן דער קאָפּ. ער לויפט נאָך אָפּ עטלעכע טריט, און דאָס בלוט שפּריצט אים אַרויס פון האַלז, ווי א פאָנטאַן.

צו א האַנט=געפעכט דערגייט עס ניט, יענע מוזן אָפּטרעטן צוריק. מיר דערגרייכן פונדאַסניי אונזערע גראָבנס און גייען איבער זיי ווייטער אַלץ פאָרווערטס.

ווי שרעקלעך ס'איז בעת מען מוז זיך א קער טאָן צוריק! מען איז שוין דערלאָפן ביז צו די רעזערוו=אָקאָפּעס, מען וואָלט שוין וועלן דורכקריכן דורך זיי, פאַרשווינדן; - און דאָ מוז מען זיך אומקערן און פונדאַסניי אַפּטונקען זיך אין דעם גרויל. ווען מיר וואָלטן אין דער רגע ניט געווען קיין אַוטאָמאַטן, וואָלטן מיר בלי=ספק אויסגעמוטשעט און אָן ווילן געבליבן ליגן. אָבער מיר ווערן ווייטער געשלעפּט פאָרויס, אָן ווילן און דאָך משוגע ווילד און צאָרנדיק, מיר ווילן הרגענען, ווייל יענע דאָרטן זיינען איצטער אונזערע שונאים, זיי הייבן קעגן אונז זייערע ביקסן און גראַנאַטן, פאַרטיליקן מיר זיי ניט, וועלן זיי אונז פאַרטיליקן!

די ברוינע ערד, די צעריסענע, צעריעטע ברוינע ערד, וואָס שימערירט מיט פעטקייט אונטער די זון=שטראַלן, איז דער הינטערגרונט פאַר אונזער ווילד=רעשדיקער און באַטויבטער מעכאַנישקייט, אונזער פריכן איז דאָס כאָרכלען פון אויסגייענדיקע פּרוזשינעס, די ליפּן זיינען אויסגעטריקנט, אין קאָפּ איז נאָך פוסטער, ווי נאָך א שיכורער נאַכט — אָט אַזוי שלעפּן מיר זיך פאָרויס, און אין אונזערע, ווי זיפּן דורכגעלעכערטע נשמות בויערט זיך אַריין איינדרינגלעך און ווייטיקדיק דאָס בילד פון דער ברוינער

ערד מיט דער פעטער, גלאַנציקער זון און די פאַרצאַפּלטע און טויטע זעלנער, וואָס וואַלגערן זיך דאָ, אַזוי, ווי דאָס וואָלט געמוזט זיין אַזוי, וועלכע כאַפּן זיך פאַר אונזערע פיס און שרייען, בעת מיר שפּרינגען איבער זיי אַריבער.

מיר האָבן אָנגעוואָרן יעטווידע איינזעעניש, מיר דערקענען שוין גאָרניט איינער דעם אַנדערן. מיר זיינען מתים, וועלכע זיינען נאָך בכח, דורך עפּעס אַ קונץ, דורך אַ געפערלעכן כישוף, צו לויפן און צו טויטן.

אַ יונגער פראַנצויז שטייט אָפּ פון די זייניקע, ער ווערט אַריבערגעיאָגט, אין איין האַנט האַלט ער נאָך דעם רעוואָלווער — מען וויים ניט, וויל ער שיסן אָדער זיך אונטערגעבן, — אַ זעץ מיטן רידל שפּאַלט אים איבער דעם מח. אַ צווייטער זעט דאָס און פרואווט ווייטער לויפן, אַ באַגנעט עסט זיך אים איין אין רוקן. ער טוט אַ הויכן שפּרונג, און מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס און אַ ברייטגעעפנטער שרייענדיקער מויל, לויפט ער אַוועק, זיך וואַקלענדיק. אין זיין רוקן באַוועגט זיך דאָס באַגנעט. אַ דריטער וואַרפט אַוועק דעם ביקס, טופּעט זיך איין און פאַרדעקט מיט די הענט די אויגן. ער, מיט נאָך עטלעכע געפאַנגענע, בלייבן אַריבערצוטראָגן די פּאַרוואונדיקטע.

און אַזוי זיך נאָכיאָגנדיק קומען מיר פּלוצלונג צו צו דעם שונאס פּאָזיציעס.

מיר לויפן אַזוי האַרט נאָך די אַנטלויפנדיקע שונאים, אַז אונז געלינגט כמעט צוגלייך מיט זיי אָנצוקומען אַהין. צוליב דעם האָבן מיר ווייניק אָנווערן. אַ קוילן־וואַרפער וואָרטשעט אונז אַנטקעגן, אָבער מיט אַ האַנט־גראַנאַט טוט מען אים אָפּ. יעדנפאַלס האָבן די פּאָר סעקונדן פון דעם קוילן־וואַרפערס אַרבעט געסטייעט אָפּ אַריינצושיסן פינף אונזעריקע אין די בייכער. קאַט צעקלאַפּט מיט דער קאָלבע פון ביקס דאָס פּנים פון דעם קוילן־וואַרפערשיסער און מאַכט פון אים אַ קאַשע. די אַנדערע זעלנער דערשטעכן מיר, נאָך איידער זיי באַוויזן אַרויסצוכאַפּן זייערע האַנט־גראַנאַטן. נאָכדעם זויפן מיר מיט גרויס דאָרשט אויס דאָס וואַסער, וואָס מיר געפינען דאָרטן.

פון אלע זייטן קנאקן דראָט=צוואַנגען, מיר ווארפן מיט לארעם ברעטער איבער האָלץ=פארצוימונגען, מיר שפרינגען איבער די שמאָלע גייַנג אין די גראָבנס אַרייַן. האַיע שנייַדט אַרייַן זיין רידל אין האַלדז פון אַ הויכגעוואַקסענעם פראַנצויז און ער ווארפט דעם ערשטן האַנט=גראַנאַט; מיר בויגן זיך אַף אַ פאר סעקונדן איין הינטערן וואל, און נאכדעם איז שוין פאר אונז אָפּגעראַמט דאָס גראדע שטיק פונם גראָבן. פארקווער אין א ווינקל זשיפעט א צווייטער גראנאט און מאַכט אונז פריי דעם וועג. אינם פארבייַלויפן פליען כסדר אין אַלע בלינדאזשן אָנגעלאָדענע פעקלעך; די ערד רוקט זיך, עס קנאַקט, דאַמפט און קרעכצעט. מיר שטרויכלען איבער גליטשיקע שטיקער פלייש, איבער ווייכע קערפערס, איך פאל אריין אין אַ צעריסענעם בויך, אַף וועלכן עס ליגט אַ נייע, זויבערע אָפיציר=היטל.

די שלאכט הערט אויף. די פארבינדונג מיטן שונא רייסט זיך איבער. אזוי ווי מיר קאנען דאָ לאַנג זיך ניט האלטן, מוזן מיר, אונטער דער דעקונג פון אונזער אַרטילעריע, צוריק אָפּטרעטן אַף אונזערע פאזיציעס. ווי נאר מיר דערוויסן זיך וועגן דעם, פאלן מיר מיט גרויס האַסט אריין אין די דערבייאיקע אקאפעס, כדי צו פארכאפן די קאָנסערוון=שאכטלען, וואָס זיינען דארטן נאך פארבליבן.

מיר קומען באלד צוריק ארויס. לעת=עתה נעמט מען ניט אויף קיין נייע אטאקע. איבער א שעה ליגן מיר, און קיינער רעדט ניט ארויס קיין וואָרט, נאר מיר פרייכן און רוען זיך. מיר זיינען אַזוי אויסגעמאַטערט, אז ניט געקוקט אַף אונזער שטארקן הונגער, טראכטן מיר נאָך ניט וועגן די קאנסערוון. גאר פאמעלעך ווערן מיר ווייטער בלומרשט ווי מענטשן.

די פלייש=קאָנסערוון זייערע זיינען בארימט אַפן גאַנצן פראנט. זייער אַפט איז דאָס אפילו די הויפט=סיבה פאר אַ פלוצלונגדיקער אטאקע מצד אונז, ווייל אונזער קעסט איז אין אלגעמיין שלעכט; מיר זיינען שטענדיק הונגעריק.

מיר האָבן דאָ געכאפט פינף קעסטלעך קאָנסערוון. זיי ווערן גרויסארטיק באקעסטיקט, ניט אזוי ווי מיר, פארהונגערטע, מיט

אונזער בוריקעס=מארמעלאַד, דאָרטן וואַרפֿט מען זיך מיט פֿלײש אַרום, מען דאַרף נאָר אױסציִען אַ האַנט, כּדי דאָס צו באַקומען. האַיע האָט נאָך אחוץ דעם געפּאַקט אַ דינגע, פּראָנצױזישע חלה און האָט זי אַרײַנגעשטעקט אין זײַן גורט, װי אַ רידל. אײן קאַנט פֿון דער חלה איז אַביסל אײַנגעשמירט אין בלוט, אָבער דאָס קאָן מען דאָך אַראָפּשנײַדן.

ס'איז פּשוט אַ גליק װאָס מיר האָבן איצט געכאַפּט גוט אָפּצוּעסן; מיר װעלן נאָך נױטיק דאַרפֿן אונזערע כּחות. זאַט אָפּצוּעסן איז פּונקט אַזױ װיכטיק, װי אַ גוטע פּאָזיציע; דעריבער זײַנען מיר טאַקע אַזױ זשעדנע אױף דעם, װײַל דאָס קאָן אונז ראַטעװען דאָס לעבן.

טיאַדען האָט נאָך אַרײַנגעכאַפּט צװײ זעלנער=פֿלאַשן מיט קאָניאַק. זײ גײען בײַ אונז אַרום אין רונדעל, פֿון מױל צו מױל.

* * *

די נאַכט שפּרײט, פֿון די טרעכטערס הײבן זיך נעפּלען. עס האָט אַ פּנים, װי די לעכער װאָלטן פֿול זײַן מיט געשפּענסטיקע סודות. די װאַרע פּױזשעט צעשראָקן אַהין און צוריק, אײדער זי דרײט זיך אַרױסצוגליטשן איבערן ראַנד. דעמאָלט הױבן זיך אָן צו ציִען פֿון טרעכטער צו טרעכטער לאַנגע פּאַסן.

עס איז קיל. איך שטײ אָפּ װאַך און עס זיך אײַן מיט די אױגן אינעם חושך. איך פֿיל זיך אַזױ שװאַך, װי שױן שטענדיק נאָך אַן אַטאַקע, און דעריבער װערט מיר שװער צו בלײַבן אַלײן מיט מײַנע געדאַנקען. דאָס זײַנען גאָר אײגנטלעך קײן געדאַנקען ניט; דאָס זײַנען זכרונות, װעלכע קומען מיר אױף איצט, בעת מײַן שװאַכקײט, און שאַפֿן מיר אַ מאָדנע שטימונג.

צום הימל הײבן זיך ראַקעטעס — און איך זע אַ בילד, אַ זומער=פֿאַרנאַכט, איך שטײ אין דעם זײַלנגאַנג פֿון קירך און קוק אױף הױכע רױזן=קוסטעס, װאָס בליִען אינדערמיט פֿונעם קלײנעם קירך=הױף. אַרום שטײען שטײנערנע פֿיגורן. קײנער איז

ניטאָ; — אַ גרויסע שטילקייט איז אויסגעגאָסן איבער דעם בליענדיקן גאָרטנדל.

די זון ליגט וואַרים אַף די דיקע גראָע שטיינער, איך לייג אַף דעם מיין האַנט און פיל די וואַרימקייט. איבערן רעכטן ווינקל פון דעם דאַך הייבט זיך דער גרינער קירך-טורעם אַריין אין דער מאַטער, ווייכער בלאָקייט פון דעם אָנקומענדיקן אָוונט. צווישן די באַשטראַלטע קליינע ווילכעלעך פון די אַרומיקע גיינג שפּרייט זיך אַ קילע טונקלקייט, און איך שטיי דאָרטן און טראַכט וועגן דעם, ווי צו צוואַנציק יאָר וועל איך שוין דערקענען די פאַרשיכורנדיקע מאַכט פון פרויען.

דאָס בילד איז וואונדערלעך נאָענט, עס רירט מיך אַפילו, ביז עס ווערט צערונען אונטערן אויפלויכטן פון אַ פייער-קויל.

איך כאַפּ זיך פאַרן ביקס. דער טרויב איז נאָס, איך נעם אים פעסט אַרום מיט דער האַנט און צערייב מיט מיינע פינגער די פייכטקייט.

צווישן די לאָנקעס הינטער אונזער שטאָט איז בּאַ אַ טייך געשטאַנען אַ שורה אַלטע טאָפּאָליעס. מען האָט זיי שוין געקאָנט זען פון דערווייטנס, און ניט געקוקט, וואָס זיי זיינען געשטאַנען נאָר אין איין שורה, האָט מען עס גערופן די טאָפּאָל-אַלייע. קינדער זייענדיק, האָבן מיר געהאַט אַ משונהדיקע ליבע צו זיי, ווי האָבן אונז צוגעצויגן, גאַנצע טעג האָבן מיר בּאַ זיי צוגעבראַכט און האָבן זיך צוגעהאָרכט צו זייער שטילן רוישן. מיר זיינען געזעסן אונטער זיי אַפן ברעג פונעם טייכל, און האָבן געלאָזט אַראָפּהיינגען די פיס אין די ליכטיקע, שטראָמיקע וואַסערן. דער פרישער ריח פונעם וואַסער און די מעלאָדיע פונעם ווינט אין די בוימער האָבן באַהערשט אונזער פאַנטאַזיע. מיר האָבן דאָס אַלץ שטאַרק האָלט געהאַט, און דאָס בילד פון יענע טעג איז מיר שטאַרק איינגעבאַקן אין האַרצן.

עס איז מאָדנע, אַז אַלע זכרונות, וואָס קומען אויף, פאַרמאָגן צווייערליי מעלות. זיי זיינען שטענדיק פול מיט שטילקייט, דאָס איז דאָס שטאַרקסטע אין זיי, און אפילו בעת זיי זיינען אין דער אמתן גאָרניט געווען אַזוי שטיל, מאַכן זיי אויך אַזאַ איינ=

דרוק. דאָס זיינען קלאַנגלאָזע דערשיינונגען, וואָס ריידן צו מיר מיט בליקן און תנועות, אָן ווערטער און פאַרשוויגן — און דווקא זייער שווייגן דערשיטערט. און דאָס צווינגט מיך זיך אָנצוכאַפּן פאַר מיין אַרבל און פאַר מיין ביקס, כּדי זיך צו האַלטן און זיך ניט איבערצוגעבן אינגאַנצן אַט דער כּלות־הנפש און דעם נסיון, אין וועלכן מיין לייב וויל זיך אַזוי מילד פאַנאַנדער־שווימען.

זיי זיינען אַזוי שטיל, ווייל פאַר אונז איז דאָס אַזוי אומ־פאַרשטענדלעך. אפן פראָנט איז ניט פאַראַן דער מין שטילקייט, און די השפּעה פון דעם פראָנט שפּרייט זיך אַזוי ווייט אויס, אַז מיר קאָנען זיך גאָר קיינמאָל ניט אַרויסוויקלען פון דעם. און אויך אין די אָפּגעלעגנסטע דעפּאָס און קוואַרטירן זשומעט און פּויקט שטענדיק אין אונזערע אויערן דער פראָנט. מיר זיינען נאָך ניט אַוועק אַזוי ווייט, אַז מיר זאָלן מער גאָרנישט הערן. אָבער אַט די לעצטע טעג איז דאָס שוין גאָר ניט צום דערטראָגן געוועןֹ.

און די שטילקייט איז די סיבה דערפון, וואָס די בילדער פונם עבר וועקן ניט אַזוי פאַרלאַנגען, ווי אומעט — אַן אומ־טערלישע, פאַרביינקטע שווער־מוטיקייט. זיי זיינען געווען — אָבער זיי קערן זיך שוין ניט אום צוריק. זיי זיינען פאַרביי, זיי זיינען אַן אַנדער וועלט, וואָס פאַר אונז איז זי שוין אַוועק. אין די קאַזאַרמעס האָבן זיי נאָך אַרויסגערופן אַ ווילדן, בונטאַרישן חשק, דעמאָלט זיינען זיי נאָך מיט אונז פאַרבונדן געווען, מיר האָבן נאָך באַלאַנגט צו זיי און זיי צו אונז, אויב אפילו מיר זיינען געווען צעשיידט. זיי זיינען אין אונז אויפגעקומען בא די זעלנער־לידער, וואָס מיר האָבן געזונגען, בעת מיר האָבן צווישן מאָרגן־רויט און וואַלד־סילועטן מאַרשירט צום פעלד זיך מושטירן, דאָס זיינען געווען שאַרף־ריחדיקע זכרונות, וואָס האָבן אין אונז געלעבט און זיינען פון אונז אַרויסגעקומען.

דאָ אין די גראָבנס איז די וועלט אָבער פאַר אונז פאַר־לאָרנגעגאַנגען. זי קומט ניט מער פון אונז אויף; — מיר זיינען טויט, און זי שטייט ווייט אפן האָריזאָנט, זי איז אַ דערשיינונג,

א רעטענישפולער אָפשיין, וועלכער פלאָגט אונז, פאַר וועמען מיר האָבן מורא, און וועמען מיר ליבן אָן האָפענונג. זי איז שטאַרק, און אונזער באַגער איז שטאַרק; — אָבער זי איז ניט דערגרייכבאַר, און מיר ווייסן דאָס. זי איז אומנישט, פונקט אַזוי אומנישט, ווי דאָס וואַרטן צו ווערן א גענעראַל.

און ווען מען וואָלט זי אונז אַפילו צוריקגעבן, אָט דאָס לאַנד פון אונזער יוגנט, וואָלטן מיר גאָר מער ניט געוואוסט, וואָס מיט איר צו טאָן. זיי קאָנען שוין מער ניט אויפלעבן, די צאַרטע און געהיימע כּחות, וועלכע האָבן געשטראָמט פון איר צו אונז. יאָ, מיר וועלן אין איר זיין און אין איר זיך באַוועגן; מיר וועלן זיך דערמאָנען און זי ליבן, און גערירט זיין פון איר אָנבליק. אָבער ס'וואָלט געווען דאָס אייגענע, ווי זיך צו פאַרקלערן פאַרן בילד פון א טויטן חבר; אמת, דאָס זיינען זיינע שטריכן, זיין פּנים, און די טעג, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט מיט אים צוזאַמען, לעבן פונדאָסניי אויף אין אונזער זכּרון. אָבער ער אַליין איז דאָס שוין ניט מער.

מיר וואָלטן שוין מער ניט פאַרבונדן געווען מיט איר אַזוי, ווי מיר זיינען פריער געווען. עס האָט אונז דאָך שטענדיק צוגעצויגן ניט די דערקענטעניש פון איר שיינקייט און פון איר שטימונג, נאָר דאָס בשותּפותדיקע, אָט דאָס גלייכע געפיל פון פאַרברידערונג מיט די ענינים און די געשעענישן פון אונזער לעבן, וואָס האָט פאַר אונז אַביסל אומפאַרשטענדלעך געמאַכט די וועלט פון אונזערע עלטערן; — ווייל מיר זיינען אַף וועלכן ניט איז אופן שטענדיק זייער צערטלעך אין איר פאַרשוואומען געווען, און די קלענסטע זאַך איז פאַר אונז שטענדיק פאַרבונדן געווען מיט דער אומענדלעכקייט. אפשר איז דאָס געווען נאָר די פּריווילעגיע פון אונזער יוגנט; — די דערוואַרטונג איז שוין געוואָרן א טייל פון אונזער לייב און לעבן, די דערוואַרטונג, וואָס האָט אונז צוגעפּגעאסן מיטן געלאַף פון אונזערע טעג.

איצט וואָלטן מיר שוין אַרומגעבלאָנדזשעט איבערן לאַנד פון אונזער יוגנט, ווי טוריסטן. מיר זיינען פאַרסמט דורך פאַקטן, מיר קלייבן זיך פונאַנדער אין קאָנטראַסטן, ווי סוחרים, מיר זעען

אײן נויטווענדיקייטן, ווי קצבים. מיר זיינען שוין ניט מער זאָרגלאָז, — מיר זיינען מאומדיק גלייכגילטיק. גוט, מיר וועלן דארטן זיין; וועלן מיר זיך אבער דארטן אויסלעבן?

מיר זיינען פארלאזן, ווי קינדער, און געניט, ווי אלטע לייט, מיר זיינען פארגרעבט און אומעטיק און אויבערפלעכלעך, — מיר שיינט, אז מיר זיינען פארלארן.

* * *

מיינע הענט ווערן קאלט און איבער מיין הויט גייט אריבער א ציטער; די נאכט איז אבער ווארים. נאר דער נעפל איז קיל, דער דאזיקער גרויליקער נעפל, וואס פוישעט איבער אונזערע הרוגים און זויגט פון זיי ארויס דאס לעצט ביסל פארבאהאלטן לעבן. מארגן וועלן זיי שוין זיין בלייך און גרין, און זייער בלוט וועט ווערן פארגליווערט און שווארץ.

עס פליען נאך כסדר אויף ראקעטעס און זיי ווארפן זייער אומרחמנותדיק ליכט איבער דעם פארשטייניקטן פייזאזש, וועלכער איז פול מיט קראטערס און מיט קאלטן ליכט, אזוי ווי א לבנה. דאס בלוט פארסמט מיינע געדאנקען מיט מורא און מיט אומרואיקייט. זיי ווערן אפגעשוואכט, די געדאנקען מיינע, און זיי ציטערן, זיי ווילן האבן ווארימקייט און לעבן. זיי האבן שוין קיין כח ניט אויסצוהאלטן אָן טרייסט און אילוזיעס, זיי ווערן פארטומלט פון דעם נאקעטן יאוש-בילד.

איך הער, ווי עס בראזגענען קעסל-כלים, און כ'באקום תיכף א העפטיקן חשק עפעס ווארימעס צו עסן, דאס וועט מיך בארואיקן. איך טו זיך אן א כח אויסצואווארטן, ביז איך ווער אפגעביטן.

דעמאלט גיי איך אראפ אין בלינדאזש און געפין דארטן פאר זיך א שיסעלע מיט גרויפן, דאס געקעכץ איז פעט און געשמאק, און איך עס דאס וואס פאמעלעכער. אלע זיינען איצט

אפילו בעסער געשטימט, ווייל דאס פייער האט זיך איינגעלייגט אבער איך רייד ניט קיין ווארט מיט קיינעם.

* * *

די טעג גייען און יעטווידע שעה איז אומבאגרייפלעך און צוגלייך זעלבסטפארשטענדלעך. נאך די אטאקעס קומען קאנטר־אטאקעס, און אפן טרעכטער־פעלד, צווישן די גראבנס ווערן פאמעלעך אלץ גרעסערע בערג מיט טויטע. די פארוואונדיקטע, וועלכע ליגן ניט שטארק וייט, קאנען מיר נאך אפטמאלס אריבער־כאפן צו זיך. אנדערע מוזן אבער זייער לאנג ליגן, און מיר הערן, ווי זיי שטארבן.

איינעם זוכן מיר צוויי טעג בסדר, און אלץ אומזיסט. ווי עס שיינט, ליגט ער ערגעץ אפן בויך און ער קאן זיך ניט אומ־דרייען. אנדערש קאן מען זיך דאס גארניט דערקלערן, פארוואס מיר געפינען אים ניט אזוי לאנג, ווייל ס'איז שווער צו געפינען די ריכטונג, בעת עמיץ ליגט, מיט די ליפן צוגעקוועטשט צו דער ערד, און ער שרייט אין זי אריין.

ער איז געווים אונטערגעשאסן געווארן, האט געפאקט איינע פון יענע פאסקודנע וואונדן, וועלכע זיינען ניט אזוי שטארק, אז מען זאל פון זיי שטארבן אין א האלב־באטויבטן צושטאנד, און זיינען ניט אזוי שוואך, מען זאל קאנען אריבערטראגן דעם ווייטיק אין דער האפענונג ווייטער געזונט צו ווערן. לויט קאטס מיינונג' דארף בא אים צעשמעטערט זיין דער הינטער־טייל, אדער מען האט אים אריינגעשאסן אין חוט־השדרה. אין ברוסט האט ער ניט קיין וואונד, ווייל דעמאלט וואלט ער ניט פארמאגט אזוי פיל כח צו שרייען. און בא אן אנדער מין פארוואונדונג וואלט מען אים דאך געזען זיך באוועגן.

ביסלעכווייז ווערט ער הייזעריק. אָבער די שטים איז אַזוי נעבעכדיק, אַז מען קאן זיך בשום אופן ניט כאַפן, פונוואַנען זי קומט. אין דער ערשטער נאַכט קריכן דריי אונזעריקע אַרויס אים צו זוכן. אָבער ווען זיי מיינען, אַז זיי האָבן שוין אויסגעפונען די

דיכטונג און זיי דערפּויזשן אַהין, דערהערן זיי שוין דאָס געשריי גאָר פון אַן אַנדער אָרט.

ביזן באַגינען זוכן מיר און געפינען ניט. באַטאָג גישטערן מיר מיט שפּאַקטיוון די גאַנצע סביבה; ס'איז נישט צו זען. אָפן צווייטן טאָג ווערט שוין דאָס יאָמערן שטילער; עס לאָזט זיך מערקן, אַז די ליפּן און דער מויל זיינען שוין פאַרשרפעט.

רעמיעניקן, ווער עס וועט אים געפינען, האָט אונזער לייטענאַנט צוגעזאָגט צו געבן אַ ספּעציעלן אורלויב און דערצו נאָך דריי איבעריקע טעג. דאָס איז בלי־ספק אַ שטאַרקער נסיון, אָבער אחוץ דעם וואָלטן מיר אויך געטאָן, וואָס נאָר מעגלעך איז; ווייל דאָס געשריי איז שווידערלעך. קאַנו און קראַפּ לאָזן זיך אפילו באַטאָג נאָכאַמאָל אין וועג. דערביי ווערט בּאַ אַלבערטן אָפּגעשאָסן דאָס אויערלעפּל, אָבער דעם פאַרוואונדיקטן האָבן זיי ניט געבראַכט.

מען קאָן קלאָר פאַרנעמען, וואָס ער שרייט. אין אָנהייב האָט ער נאָר געבעטן הילף – אין דער צווייטער נאכט האָט ער שוין פון היץ גערעדט מיט זיין ווייב און מיט זיינע קינדער, מיר הערן אפילו אָפּט דעם נאָמען עליזע. היינט וויינט ער שוין נאָר. אינאָוונט גייט די שטים אַלץ מער אויס, עס הערט זיך נאָר אַ קרעכצן. אָבער ער קרעכצט נאָך שטיל די גאַנצע נאַכט. מיר הערן דאָס אַזוי קלאָר, ווייל דער ווינט בלאָזט צו דער זייט פון אונזער גראָבן. אינדערפרי, ווען מיר מיינען, אַז ער איז שוין לאַנג אויסגעגאַנגען, דערגייט נאָך אַלץ צו אונז אַ כאָרכלען.—

די טעג זיינען הייסע און די טויטע ליגן ניט באַגראָבענערהייט. מיר קאָנען זיי ניט אַלעמען אַריבערנעמען, מיר ווייסן ניט, וואוהין זיך מיט זיי אַהינצוטאָן. זיי ווערן שוין באַגראָבן דורך די גראנאטן. בּאַ אַנדערן ווערן די בייכער אויפגעדראָלן, ווי פּלעזירן. עס בלאָזט זיי אויף פון אינווייניק, זיי שיפּן און באַוועגן זיך. אין זיי אירן די גאזן.

דער הימל איז קלאָר און בלאָ. אין די אָוונטן ווערט עס דושנע, און די היץ הייבט זיך פון דער ערד. בעת דער ווינטל וויינט אַריבער צו אונז, ברענגט ער מיט דעם ריח פון בלוט

וואָס איז אַזוי האַמעטנע און עקלדיק=זיסלעך, דעם טויטן=אָטעם פֿון די טרעכטערס, וועלכער איז ווי אויסגעמישט פֿון כלאָראָפאָרם און פּוילעניש; דאָס רופֿט בײַ אונדז אַרויס איבלקייט און עס שטויסט אונדז צו ברעכן.

* * *

אין די נעכט איז שטיל, און דעמאָלט לאָזט זיך דער עולם זוכן די קופּערנע רינגען פֿון די גראַנאַטן און די זייד=פּאַראַשוטן פֿון די פֿראַנצויזישע לייכט=קוילן. קיינער פֿון אונדז ווייס אייגנטלעך ניט, צוליב וואָס מען יאָגט זיך אַזוי נאָך די גראַנאַטן=רינגען. די קלײַבערס טענהן אין איין קול, אַז דאָס זיינען טײַערע חפצים. עס זיינען פֿאַראַן צווישן אונדזעריקע אַזעלכע, וואָס טראָגן מיט גאַנצע בערג פֿון אָט די רינגען, און זיי בייגן זיך אונטער דער שווערקייט פֿון דער משא, וואָס זיי קומט אויס צו שלעפּן.

דער איינציקער, וואָס האָט אַ גרונט דאָס צו קלײַבן, איז האַיע; ער וויל זיי אָפּשיקן זיין כלה פֿאַר זאָקן=האַלטערס. די פֿריסלענדער מאַכן זיך שטאַרק לוסטיק איבער דעם; זיי פּאַטשן זיך אין די בײַכער, שוין איינמאָל אַ וויץ! דער עיקר קאָן טיאַדען פּשוט ניט קומען צו זיך, ער האַלט אין האַנט אַ גרויסן גראַ=נאַטן=רינג, מעסט אים כּסדר אָן אויף זיין פֿוס און ווייזט, וויפֿל אָרט עס בלײַבט נאָך איבער. „עך האַיע, האַיע, פֿאַרמאָגט זי דאָס געוויס אַ פּאָר רגלים" — זיינע געדאַנקען דראַפּענען זיך העכער — „און אַ געזעס מוז זי האָבן, ווי — ווי אַ העלפֿאַנט".
ער קאָן זיך גאָרניט בארויקן, „אָט מיט איר וואָלט איך געוואָלט שפּילן אין פּאַטשינקעס, דער רוח זאָל דאָס נעמען—"
האַיעס פּנים שיינט פֿאַר שׂמחה, וואָס זיין כלה האָט אַזוי פֿיל חן געפֿונען, און ער זאָגט בקיצור און מיט גרויס צופֿרידנ=קייט: „ז'איז ניט קיין שלעכטע נקבֿה!"
די זיידענע פּאַראַשוטן קאָן מען שוין פּראַקטישער אויסנוצן. פֿון דריי—פֿיר שטיק קאָן מען זיך אויפֿנייען אַ העמדל. איך און קראָפּ באַנוצן דאָס אַנשטאָט נאָז=טיכלעך. אַנדערע שיקן עס אָפּ

אַהיים. ווען די ווייבער וואָלטן געזען, מיט וואָס פאר אַ מסירת־נפש עס ווערן אָפּט אויפגעקליבן אָט די דינע שמאַטעס, וואָלטן זיי געקווימשעט פון שרעק.

קאַט כאַפּט טיאַדענען באַם פּרוואוו אַראָפּרייסן די רינגען פון ניט־געפּלאַצטע גראַנאַטן, דערביי איז ער געלאַסן, ווי ניט איס מיינט מען דאָס. באַ אַן אַנדערן וואָלט דער גראַנאַט בלי־ספק אויפגעריסן, טיאַדען האָט אָבער מזל ווי שטענדיק.

אַ גאַנצן פרימאָרגן שפּילן זיך איבער אונזער גראָבן צוויי זומער־פייגעלעך. דאָס זיינען ציטראָנען־שמעטערלינגען, זייערע געלע פליגלעך זיינען רויט באַשפּריינקלט. וואָס האָט זיי דען געבראַכט אַהער? ווייט און ברייט אַרום איז קיין זכר ניטאָ פון קיין געוויקס אָדער פון אַ קוויט. די זומער־פייגעלעך זעצן זיך אָפּרוען אַף די אויסגעשטשירעטע ציין פון אַ שאַרבן. די פייגעלעך זיינען זאָרגלאָז. זיי האָבן זיך שוין לאַנג צוגעוואוינט צום קריג. יעדען אינדערפרי הייבן זיך אַרויף פון דער פאַס צווישן די אקאַפּעס לאַרכן. פאַראַיאָרן האָבן מיר זיך אַפילו צוגעקוקט, ווי זיי בריען אויס עופהלעך. איצט לאָזן אונז די שטשורעס אין די גראָבנס צורו: זיי ליגן איצט פאַרנט — מיר ווייסן, צוליב וואָס. זיי ווערן דאָרטן אָפּגעפּאַשעט: וואו מיר באַקומען נאָר צו זען איינעם, שיסן מיר אים תיכּף אַראָפּ. אין די נעכט הערן מיר ווייטער פון יענער זייט דאָס הילכן פון רעדער. באַטאָג באַשיסט מען אונז שוואַך; איצט זיינען מיר ביכולת צורעכטצומאַכן די חרובע גראָבנס. פאַרווייַלונגען זיינען אויך פאַראַן, דאָס באַזאָרגן שוין די אַעראָפּלאַנען. יעטווידן טאָג ווערן די סצענעס פון לופט־קאַמף באַטראַכט דורך אַ גרויסן עולם.

צו דעם שונאס פליערס האָבן מיר זיך שוין מער אָדער ווייניקער צוגעוואוינט, דערפאַר אָבער האָבן מיר פיינט, ווי אַ פעסט, די אויסקוק־אַעראָפּלאַנען; ווייל זיי ברענגען אונז פון דאָרטן מיט דאָס אַרטילעריע־פייער. אין א פּאָר מינוטן אַרום נאָך זייער אָנקומען הויבן שוין אָן צו פייערן שראַפּנעלן און גראַנאַטן. דורך דעם פאַרלירן מיר אין איין טאָג עלף מאַן, צווישן זיי פינף סאַניטאַרן. צוויי פון זיי ווערן אַזוי צעשמעטערט, אַז לויט טיאַדענס

מיינונג, קאָן מען זיי מיט אַ לעפל אַראָפּשאַרן פון גראָבן=ווענטל און זיי מקבר זיין אין אַ טעפל. באַ אַן אַנדערן ווערט אַראָפּגעריסן דאָס אונטערלייב צוזאַמען מיט די פיס. ער ליגט טויטערהייט מיט דער ברוסט אָנגעשפּאַרט אין גראָבן, זיין פנים איז געל, ווי אַ לימענע, צווישן די באַוואַקסענע ליפּן טליעט נאָך אַ סיגאַרעטל. זי טליעט, ביז זי דערגייט צו די ליפּן און זשיפּעט אויס.

מיר לייגן די טויטע דערווייל אָפּ אין אַ גרויסן טרעכטער. דאָרטן זיינען שוין אָנגעלייגט דריי שיכטן, איינע איבער דער אַנדערער.

* * *

מיטאַמאָל הויבט ווייטער אָן צו פייערן. מיר זיצן שוין ווידער אין אַ געשפּאַנטער שטייפקייט, אין אַ פּוסטעפּאַסנער וואַרטעניש.

אַטאַקע, קאָנטער=אַטאַקע, אָנשטורם, קעגנשטורם — דאָס זיינען מער ניט, ווי ווערטער, אָבער וואָס ליגט הינטער אָט די ווערטער! מיר פאַרלירן אַפילע מענטשן, דער עיקר רעקרוטן. אונזער סעקטאָר באַקומט צוגעשיקט דערגאַנצונגען. דאָס איז איינער פון די נייע פעלקן, כמעט אַלץ יונגעלייט פון די לעצטע מאָביליזאַציעס. זיי האָבן זיך קיין זאַך ניט באַוויזן אויסצולערנען, זיי האָבן אפשר נאָר באַקומען אַ ביסל טעאָרעטישע אויסבילדונג פאַרן גיין אויפן פראָנט. וואָס אַ האַנט=גראַנאַט איז, ווייסן זיי אַפילו, אָבער אין דעם ענין פון אויסבאַהאַלטן זיך האָבן זיי קיין שום ידיעה ניט, זיי האָבן גאָר קיין אויג ניט פאַר דעם. אַ בערגעלע, וואָס איז נידעריקער פון אַ האַלבן מעטער, דערזעען זיי גאָרניט.

מיר דאַרפן זייער נויטיק פאַרשטאַרקונג, אָבער די רעקרוטן נוצן אונז ווייניק: מיר האָבן מיט זיי צופיל אַרבעט. זיי זיינען לחלוטין אומבאַהאָלפן אין אָט דער שווערער פייער=ליניע, און זיי פאַלן, ווי די פליגן. אַ פּאָזיציע=שלאַכט פאָדערט קענטעניש און געניטקייט, מען מוז האָבן פאַרשטענדעניש פאַרן אויבערפלאַך פון לאַנד, מען מוז האָבן אַ געהער פאַר די גערוישן פון די האַר=

מאַטן, מען מוז קאָנען באַשטימען פּאָרוים, וואו די גראַנאַטן וועלן איינקלאַפּן, ווי די שראַפּנעלן וועלן זיך צעשפּריצן, און ווי מען זאָל זיך אויסבאַהאַלטן.

די יונגע דערגאַנצונג־זעלנער ווייסן, פאַרשטייט זיך, חעגן דעם גאָרנישט. זיי ווערן אויסגעראָטן, ווייל זיי ווייסן אַפילו ניט דעם חילוק צווישן א שראַפּנעל און אַ גראַנאַט, זיי הערן זיך צו מיט גרויס שרעק צו דעם הודזשען פון די ניט געפערלעכע מינע־װאַרפער, וואָס שלאָגן אַריין ווייט הינטער זיי, און דערביי הערן זיי גאָרניט דאָס שטילע, פּייפנדיקע זשומען פון די קליינינקע, שפּליטערדיקע שראַפּנעלן. אַנשטאָט זיך פונאַנדערצולויפן, שפּאַרן זיי זיך צוזאַמען, ווי די שעפּסן, און אַפילו די פאַרוואונדיקטע צווישן זיי ווערן אויך, ווי די קראָליקעס אַראָפּגעשאָסן דורך די פליערס.

די דאָזיקע אָרימע אינגלעך מיט זייערע בלאַסע, אויסגעמאָגערטע פּנימער, מיט זייערע נעבעכדיק איינגעקאָרטשעטע פינגער, — די פאַרצווייפלטע און יאָמערלעכע העלדישקייט פון אָט די עלנטע ברואימלעך, וועלכע זיינען אַזוי איינגעשראָקן, אַז זיי דערוועגן זיך אַפילו ניט צו שרייען אינדערהויך און זיי ליגן מיט זייערע אויפגעריסענע ברוסט־קאַסטנס און בייכער און הענט און פיס, און יאָמערן אינדערשטיל „מאַמע“ און ווי נאָר עמיץ גיט אַ קוק אויף זיי, ווערן זיי תיכף אַנטשוויגן!

זייערע טויטע, מיט לייכטן פּוך באַוואַקסענע, שפּיציקע פּנימלעך, דערמאָנען מיט זייער שוידערלעכער אויסדרוקלאָזיקייט געשטאָרבענע קינדער.

בעת מען זעט צו, ווי זיי שפּרינגען אויף און לויפן און פאַלן, ווילט זיך פּשוט וויינען. עס ווילט זיך זיי אָפּשמייסן, וואָס זיי זיינען אַזעלכע נאַרישע קינדער, און ס'ווילט זיך זיי נעמען אָפּן האַנט און אָוועקטראָגן פון דאַנען, דאָ איז לחלוטין ניט קיין אָרט פאַר זיי. זיי גייען אָנגעטאָן אין גראָע רעקלעך און הויזן און שטיוול, אָבער פאַר אַפּולע פון זיי זיינען די מונדירן צו ברייט, זיי הייגען אַראָפּ, ווי זעק, זייערע פּלייצעס זיינען צו שמאָל, די גופים־

לעד זיינען ווי שטרוי, עס זיינען ניט געווען קיין מונדירן, וואָס זאָלן פּאַסן צו זייער קינדער־מאָס.

אַ ניטדערוואַרטע גאַז־אַטאַקע ברענגט אום אַסך רעקרוטן. זיי זיינען נאָך ניט דערוואַקסן צו באַגרייפן, וואָס עס וואַרט זיי. אין בלינדאַזש געפינען מיר אינגאַנצן אָנגעפּאַקט מיט בלאָע קעפּ און שוואַרצע ליפּן. אין איינעם אַ טרעכטער האָבן זיי צו פרי אויסגעטאָן די מאַסקעס; זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז אין אַ טיפן אָרט שפּרייט זיך דאָס גאַז לייגער; ווי נאָר זיי האָבן דערזען, אַז אויבן גייט מען שוין אָן מאַסקעס, האָבן זיי אויך אַראָפּגעריסן, און זיי האָבן באַוויזן איינצוזשלינגען אַ גענוגנדיקע פּאַרציע גאַז, און פאַרברענען זייערע לונגען. ס'איז שוין קיין האָפענונג ניטאָ פאַר זיי, זיי גייען אָפּ מיט בלוט און מאַטערן זיך מיט אָנפאַלן פון שטיקעניש.

* * *

אין איין אַקאַפּ געפין איך זיך פּלוצלונג פּנים־אל־פּנים מיט הימעלשטאָסן. זייט בײַ זייט ליגן מיר צוזאַמען אָן אָטעם און וואַרטן אַרויסצולויפן אין אַטאַקע.

איך בין אַפילו זייער אויפגערעקט, אָבער ניט געקוקט אויף דעם, בליצט מיר אויף בײַם אַרויסלויפן אַ געדאַנק: פאַרוואָס זע איך מער ניט הימעלשטאָסן. איך שפּרינג אויף גיך צוריק אַריין אין בלינדאַזש און זע, ווי הימעלשטאָס ליגט אין אַ ווינקל בלוטיג פאַרוואונדיקט. אַ פּנים האָט ער פון אָן אָפּגעשמיסענעם. ער האָט אַ שרעק־אָנפאַל, ער איז נאָך דאָ אַ פרישער. אָבער איך ווער ווילד בײַם געדאַנק, אַז יענע יונגע בחורימלעך זיינען דאָרטן, אין דרויסן, און ער ליגט זיך דאָ.

„מאַרש פון דאַנען!“ שריי איך.

ער באַוועגט זיך ניט, זיינע ליפּן טרייסלען זיך, זיינע וואָנצעס ציטערן.

„מאַרש!“ שריי איך נאָכאַמאָל.

ער ציט אײַן די פּיסק, דריקט זיך צו צום וואַנט און שטשי־רעט די צײַן, ווי אַ הונט.

איך כאַפּ אים אָן בײַ דער האַנט און וויל אים אַ שלעפּ טאָן. אָבער מײַנע נערוון האַלטן ניט אויס, איך כאַפּ אים אָן בײַם קאָלנער, טרייסל אים אַזוי, אַז זײַן קאָפּ וואַרפט זיך אַהין און אַהער, און איך שרײַ אים אין פּנים: „דו אויסוואורף אײנער, וועסט אַרויסקריכן — דו הונט, דו היצל, דו ווילסט אויך ווערן אַ נעלם?" ער גלאָצט אויף מיר מיט גלעזערנע אויגן, איך טו אַ זעץ זײַן קאָפּ אָן וואַנט — „דו דבר־אַחר" — איך טו אים אַ געזונטן בריק אין זיבעטן ריפּ אַרײַן, — דו „כלב שבכלבים" — איך שטופּ אים אַרויס פון בלינדאַזש.

עס לויפט פאַרבײַ אַ נײַע גרופּע זעלנער. מיט זײ איז אַ ליטענאַנט. ער זעט אונז און שרײַט: „פאָרווערטס, פאָרווערטס צושטיין, צושטיין—!" און וואָס מײַנע קלעפּ האָבן ניט דערגרייכט, האָט דערגרייכט דאָס וואָרט. הימעלשטאָס האָט געהערט אַ קול פון אַן עלטערן, ער קוקט זיך אַרום, ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף, און שטייט צו צו דער גרופּע.

איך לויף נאָך אים און זע, ווי ער שפּרינגט. ער איז ווידער געוואָרן דער ענערגישער הימעלשטאָס פון קאַזאַרמע, ער האָט אַפילו אײַנגעיאָגט דעם ליטענאַנט און איז שוין איצט אַ גוט שטיק פאָרויס.—

* * *

קרײַז־פײַער, אָפּהאַלט־פײַער, פאַרהיינג־פײַער, מינעס, גאַז, טאַנקעס, קוילן־וואַרפערס, האַנט־גראַנאַטן — דאָס זײַנען אַלץ ווערטער, אָבער ווערטער, וואָס נעמען אַרום דאָס גאַנצע גרויל פון דער וועלט.

אונזערע פּנימער זײַנען ווי פאַרצויגן מיט אַ קאָרע, אונזערע מחות זײַנען חרוב, מיר זײַנען פאַרמאַטערט צום טויט,—בעת עס קומט צו אַן אַטאַקע, מוז מען אַנדערע פון אונז געבן קלעפּ, כדי זײ זאָלן זיך אויפכאַפּן און מיטגיין. — די אויגן ברענען, ווי אַ

פייער, די הענט זיינען צעדראפעט, די קניען זיינען פארבלוטיקט, די עלנבויגנס זיינען צעקלאפט.

גייען דען אוועק וואכן — חדשים, יארן? דאס זיינען אבער נאר טעג. — מיר זעען אין די אנפארביקע פנימער פון די גוססע, ווי די צייט גליטשט זיך, מיר פרעסן, מיר לויפן, מיר שליידערן, מיר שיסן, מיר הרגענען, מיר וואלגערן זיך, מיר זיינען שוואך און טעמפ, און נאר איין זאך האלט אונז אויף: ס'זיינען פאראן נאך שוואכערע, נאך טעמפערע, נאך אומבאהאלפענערע פון אונז, וועלכע קוקן אף אונז מיט אופגעריסענע אויגן, ווי אף געטער, וואס זיינען נאך אנדערעמאל בכח צו אנטרינען פון טויט.

אין די קנאפע שעהן פון אפרו קנעלן מיר מיט זיי. „אט זעסטו די פליעדיקע פגע? דאס איז א מינע! מעגסט איצט בלייבן ליגן, זי גייט ווייטער. ווען זי פליט אבער אט אזוי־א, זאלסטו מאכן פיס! מען קאן פון איר אנטלויפן“.

מיר לערנען זיי אויס צו דערהערן דאס לאקערנדיקע זשומען פון די קליינע שראפנעלכלעך, וועלכע מען קאן קוים באכאפן מיטן אויער, און זיי אויסצוטיילן פון דעם גאנצן ארומיקן טומל; — מיר באווייזן זיי, אז אט די שראפנעלכלעך זיינען נאך געפערלעכער פון די גרויסע, וועלכע מען הערט שוין מיט א צייט פריער. מיר לערנען זיי, ווי זיך אויסצובאהאלטן פון פליער־באמבעס, ווי מען פארשטעלט זיך פאר א טויטן, בעת די אטאקע פון יענער זייט יאגט איין, ווי מען גרייט צו האנט־גראנאטן, אז זיי זאלן אופרייסן א רגע פארן אראפפאלן; — מיר לערנען זיי, ווי מען דארף זיך גיך ווי א בליץ ווארפן אין טרעכטער, ווען עס פליט א גראנאט מיט א פלאם־ווארפער, און מיר ווייזן זיי, ווי מען ווארפט זיך אריין אין א גראבן מיט א בינטל גראנאטן אין האנט, מיר קלערן זיי אויף דעם חילוק צווישן אונזערע און דעם שונאס האנט־גראנאטן, מיר לערנען זיי אויס זיך פאנאנדערצו־קלייבן אין דעם זשומען פון א גאז־גראנאט און מיר ווייזן זיי די אלע קונצן מיט וועלכע זיי קאנען זיך ראטעווען פון טויט.

זיי הערן זיך צו, זיי פאלגן — אבער ווען עס קומט דער מאמענט, טוען זיי אין דער אופרעקונג אלץ קאפויער.

האיע וועסטוס פירט מען אראפ פון פעלד מיט אָן אפוגע־ריסענעם רוקן; בא יעדן מאָל עטעמען זעט מען דורך דער וואונד, ווי עס ארבעטן זיינע לונגען. איך פארכאפ נאך צו געבן אים די האַנט;—„א סוף, פוילי", קרעכצט ער און בייסט זיך פאַר ווייטיק די הענט.

מיר זעען צו, ווי עס צאַפלען זיך נאך מענטשן מיט אראפגעריסענע שאַרבנס, מיר זעען, ווי עס לויפן מענטשן, בא וועמען ביידע פיס זיינען אַראפגעשאָסן, אף זייערע צעשפּליטערטע קלומפּעס דערפוזשען זיי נאָך ביז דער ד'ערבייאיקער גרוב, איין יעפרייטער קריכט אָפּ אף די הענט א מהלך פון צוויי קילא־מעטער און שלעפּט די צעשמעטערטע קניען הינטער זיך, נאָך איינער גייט צום פארבאנד־פונקט, און מיט די הענט האלט ער פעסט צו די געדערים, וועלכע קריכן אים פון בויך. מיר זעען מענטשן אָן מיילער, אָן געזיכטער, אָן פּנימער. מיר געפינען איינעם, וואס האלט שוין צוויי שעה צייט איינגעביסן מיט די ציין דעם דופק פון האנט, כדי ניט אָפּצולויפן מיט בלוט. די זון גייט אוף, די נאַכט קומט, די גראַנאַטן פייפן, עס נעמט א סוף צום לעבן.

אָבער דאָס שטיקעלע צעריסטע ערד, אף וועלכן מיר ליגן, האט זיך ניט אונטערגעגעבן דעם גרעסערן כח. עס זיינען אָפּגע־האלטן געווארן מער ניט, ווי עטלעכע הונדערט מעטער. אָבער אף יעדן מעטער קומט אויס צו א הרוג.

* * *

מיר ווערן אָפּגעביטן. ווידער דרייען זיך שוין אונטער אונז די רעדער פון די אויטאָס, מיר שטייען אָפּגעטעמפּטע, און ווען עס דערגרייכט צו אונז דאָס געשריי: „אופּפּאַסן—דראָט!" בויגן מיר אומבאוואוסטזיניק איין די קניען. ווען מיר זיינען דאָ דעם ערשטן מאָל פארבייגעפאָרן, איז געווען זומער, די ביימער זיינען נאָך געווען גרין, איצט זעען זיי שוין אויס הארבסטיק, און די נאַכט איז גראָ און פייכט. די אויטאָס בלייבן שטיין, מיר

קריכן אַראָפּ, אַ דורכגעקאַשעט געזעמל, דאָס רעשטל פון אַפּולע מענטשלעכע נעמען. פּאַזשע וועג שטייען אין דעם חושך עפּעס מענטשן און רופן אויס די נומערן פון פּאַלקן, פון ראָטעס. און בײַ יעדן אויסרוף טיילט זיך אויס אַ הייפעלע, אַ קליין, נישטיק הייפל פון ברודיקע, אויסגעבלייכטע װעלנער, אַ מוראַדיק־קליינער רעשט.

איצט רופט עמיץ אויס דעם נומער פון אונזער ראָטע. דאָס איז אונזער לייטענאַנט, הייסט עס. ער איז אַרויס גאַנץ, נאָר זיין האַנט הייבגט אין פאַרבונדן. מיר גייען צו אים צו, און איך דערקען קאַטן און אַלבערטן. מיר שטעלן זיך אַוועק צוזאַמען, שפּאַרן אונטער איינער דעם אַנדערן און קוקן זיך אָן.

מיר הערן, ווי מען רופט אויס אונזערע נומערן צו עט־לעכע מאָל. ער קאָן רופן, ווי לאַנג ער װיל, ביז צו די לאַזאַרעטן און די טרעכטערס וועט זיין רוף ניט דערגיין.

נאָכאַמאָל: „די צווייטע ראָטע אַהער!"

און נאָכדעם, שוין שטילער: „איז מער קיינער ניטאָ פון דער צווייטער ראָטע?"

ער שווייגט א װיילע און פרעגט מיט אַ הייזעריקן קול: „דאָס זיינען שוין אַלע?", און באַפעלט: „אויסציילן!"

דער באַגינען איז כמורנע, בעת מיר זיינען אַרויסגעפאָרן, איז נאָך געווען זומער, און מיר זיינען געווען 150 מאַן. איצט ציטערן מיר פון קעלט, ס'איז האַרבסט, די בלעטער שאַרכן, די שטימען פלאַטערן מיר: „איינס — צוויי — דריי — פיר," — און בײַ צוויי־און־דרייסיק האַקן זיי זיך אָפּ. און א צייט איז שטיל, ביז די שטים פרעגט ווייטער: „נאָך עמיץ?" — זי וואַרט אָפּ און זאָגט שטיל: „אין גרופּעס," — און ברעכט זיך אָפּ, און קאָן נאָר פאַר־ענדיקן מיט מאַטערניש: „צווייטע ראָטע — מאַרש!"

און דעם באַגינען שלעפּט זיך אַ קליין מחנהלע.

צוויי־און־דרייסיק מאַן.

מען פירט אונז אפּ אף א מהלך צוריק, אין א לאָנגער פאר פעלד-רעקרוטן, כדי פונדאָסניי פארמירט צו ווערן, צו אונזער ראָטע מוזן צוקומען איבער הונדערט נייע סאלדאטן.

דערווייל גייען מיר ארום ליידיק. אין צווי טעג ארום קומט הימעלשטאָס צו אונז. זינט ער האָט דערפילט דעם טעם פון ליגן אין די אקאפּעס, איז שוין פון אים אראָפּ דער גאנצער גלאנץ. ער לייגט אונז פאר שלום. איך בין גרייט זיך איבערצובעטן מיט אים, ווייל איך האָב געזען, ווי ער האָט געהאָלפן ארויסטראגן פון פייער האַיע וועסטהוס מיטן אופגעריסענעם רוקן. ער רעדט בכלל צו דער זאך, און מיר האָבן נישט קעגן דעם, וואָס ער לאָדט אונז איין אין דעם זעלנער-קרעמל. איין טיאדען טרויט אים ניט אָן און בלייבט קאלט.

אָבער ער ווערט אויך בעסער, ווייל הימעלשטאָס דערציילט, אז איצט וועט ער פארבייטן דעם קוכער, וועלכער פאָרט אין אורלויב. און ווי א באווייז דערפאר, מאכט ער אונז א מתנה — צוויי פונט צוקער, און טיאדען טיילט ער נאך ספּעציעל צו א האלב פונט פוטער. ער פועלט אפילו אויס, אז דריי טעג כסדר זאָל מען אונז שיקן אין קיך שיילן בולבעס און בוריקעס. און דאָרטן קארמעט ער אונז מיט אויסגעצייכנעטע אָפּיציר-קעסט.

אזוי ארום האבן מיר איצט ווייטער די ביידע זאכן, וואָס אַ זעלנער האָט נויטיק, כדי גליקלעך צו זיין: גוט עסן און אָפּרו. בעת מען באטראכט זיך, איז דאָס ניט קיין סך. מיט א פּאר יאר צוריק וואלטן מיר צוליב דעם געקוקט אָף זיך מיטן גרעסטן ביטול. איצט זיינען מיר כמעט צופרידן. צו אלץ ווערט מען געוואוינט, אפילו צו אקאפּעס.

די געוואוינהייט איז די סיבה דערפון, וואס לפנים פארגעסן מיר אַזוי גיך. מיט אַ פּאר טעג צוריק זיינען מיר נאך געלעגן אין פייער, היינט פארנעמען מיר זיך שוין מיט נארישקייטן און

בלאנקען זיך ארום, מאָרגן גייען מיר ווייטער אין די אָקאָפּעס. אין ד'עראַמתן אָבער פאַרגעסן מיר גאָר נישט. כל־זמן מיר זייַנען דאָ, ליגן אין אונז די פאַרגאַנגענע פּראָנט־טעג, ווי די שטיינער, זיי זייַנען צו שווער, מען זאָל תיכּף קאָנען טראַכטן וועגן זיי. וואָלטן מיר וועגן זיי גענומען טראַכטן, וואָלט אונז דאָס אינגאַנצן אָפּגעטייט; ווייל דאָס האָב איך געמערקט: דאָס גרויל קאָן מען אַריבערלעבן נאָר כּל־זמן מען בויגט פּשוט אויס דעם רוקן; אָבער ווי נאָר מען הויבט אָן וועגן דעם זיך צו פאַרקלערן, הרגעט דאָס אינגאַנצן אַוועק.

און פּונקט אַזוי, ווי מיר פאַרוואַנדלען זיך אין חיות, בעת מיר גייען אין פייער, — ווייל דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס טראָגט אונז דורך, — אַזוי ווערן מיר לייכטזיניקע קאַטאָוועס־טרייבער און פּוסטעפּאַסניקעס, ווען מיר רוען זיך. מיר קאָנען אַנדערש ניט, מיר ווערן פּשוט געצוואונגען דערצו. ווייל מיר ווילן לעבן בכל־אופן; קאָנען מיר זיך דאָך ניט אָפּגעבן מיט אַזעלכע געפילן, וועלכע זייַנען אין אַנדערע ציַיטן טאַקע א שיינדל, אָבער דאָ זייַנען זיי לחלוטין פאַלש. קעמעריך איז טויט, הייע וועסטהוס שטאַרבט, מיט האַנס קראַמער וועלן די מלאכים בא תחית־המתים האָבן גרויס האַרעוואַניע, ווייל זיי וועלן מוזן צוזאַמענקראַצן פון אַלע ווינקעלעך זייַנע איברים, וואָס זייַנען צעפּיצלט געוואָרן פון אַ שראַפּנעל, מאַרטענס האָט מער ניט קיין פיס, מאַיער איז טויט, מאַרקס איז טויט, באַיער איז טויט, העמערלינג איז טויט, הונדערט צוואַנציק מאַן ליגן צעוויט און פאַרוואונדיקט, עס איז א פאַסקודנע מעשה, אָבער וואָס גייט אונז דאָס אָן, מיר לעבן דאָך. ווען מיר וואָלטן זיי קאָנען ראַטעווען, דעמאָלט איז גאָר אַן אַנדער זאַך, דעמאָלט וואָלט כּדאַי געווען א קוק צו טאָן, אַף וואָס מיר וואָלטן מסוגל געווען; פון קיין פּחד ווייסן מיר בכלל ניט — טויט־שרעק, דאָס קענען מיר יאָ, אָבער דאָס איז גאָר אַן אַנדער זאַך, דאָס איז פיזיש.

אָבער אונזערע חברים זייַנען טויט, מיר קאָנען זיי ניט העלפן, זיי רוען שוין — ווער ווייס דען, וואָס אונז שטייט נאָך

פאר; מיר ווילן זיך נאר שלאָפן אָדער פרעסן, חיפיל מיר זיינען נאר בכח אריינצופאקן, שתיהנען און רויכערן, כדי די צייט זאָל אונז ניט נודיען. דאָס לעבן איז קורץ.

* * *

ווי נאר מיר דרייען אוים צום פראָנט דעם רוקן, פאַרשווינדט פאר אונז תיכף זיין גרויל, און מיר פטרן אים אָפּ מיט גראָבע און בייסיקע גלייכווערטלעך; ווען עמיץ שטאַרבט, הייסט עס בא אונז, אַז ער האָט „איינגעצויגן דעם הינטן," און אַזוי ריידן מיר מכּח אַלץ, דאָס ראַטעוועט אונז אַרויס פון משוגע־ווערן, און אָט אַזעלכע דיבורים גיבן אונז כּח אויסצוהאַלטן.

אָבער מיר פאַרגעסן קיין זאַך ניט. דאָס זיינען אַלץ נאַרישקייטן, וואָס די בלעטער שרייבן וועגן דער אויסגעצייכנטער שטימונג פון די סאָלדאַטן, און אַז ווי נאָר מיר קלייבן זיך אַרויס פון דער פייער־ליניע, פּראַווען מיר טענצלעך. מיר טאַנצן ניט צוליב דעם, וואָס אונזער שטימונג איז אַזאַ גלענצנדע, נאָר ווייל מיר מוזן זיך מאַכן שטימונג. אַניט וואָלט פון אונז געוואָרן אַ באַרג אַש. לאַנג וועט שוין אָבער די חתונה ניט אָנהאַלטן, פון טאָג צו טאָג ווערט אונזער שטימונג אַלץ ביטערער און פאַרביטענער.

און איך ווייס: אַלץ, וואָס בלייבט איצט אין קריג אין אונז פאַרזונקען, ווי אַ שטיין, וועט נאָך דער מלחמה אויפקומען, און דעמאָלט וועט זיך ערשט אָנהייבן דער קאָנפליקט אַף לעבן און טויט.

די אַלע טעג, וואָכן און יאָרן, וואָס מיר האָבן דאָ אָוועקגעלייגט, וועלן נאָך ווען ניט איז זיך אומקערן, און דעמאָלט וועלן אונזערע טויטע חברים זיך אויפהייבן און גיין צוזאַמען מיט אונז, אונזערע מחות וועלן קלאָר זיין, מיר וועלן האָבן אַ ציל, און אַזוי וועלן מיר מאַרשירן, בא אונזער זייט די טויטע חברים, הינטער אונז — די יאָרן אַפן פראָנט: קעגן וועמען, קעגן וועמען וועלן מיר יעמאָלט גיין?

ניט לאַנג צוריק איז אין דעם געגנט געווען אַ פּראָנט־טעאַטער. אַף אַ ברעטערנעם פּאַרקן הייגגען נאָך בונטע אָפּישן פון די פאָרשטעלונגען. איך און קראָפּ באַקוקן זיי מיט גרויס חידוש. מיר קאָנען זיך גאָרניט פאָרשטעלן, אַז אַזעלכע זאַכן עקזיסטירן נאָך באמת. אַף איין אָפּיש איז פאַראַן אַ בילד פון אַ מיידל אין אַ העלן זומער־קלייד, אַרום די לענדן טראָגט זי אַ רויטן לאַק־גירטל. איין האַנט האַלט זי אַף אַ פּאַרענטש, אין דער אַנדערער האָט זי אַ שטרוי־הוט. זי טראָגט ווייסע זאָקן און ווייסע שיך, פייגינקע שנאַל־שיכלעך אַף הויכע קנאַפּל. הינטער איר זעט זיך דער בלאָער ים מיט עטלעכע כוואַליעכלעך אַף זיין אויבערפלאַך. דאָס איז אַ פּרעכטיק מיידל, מיט אַ שמאָלן נעזל, מיט רויטע ליפּן און מיט שלאַנקע פיס, זי איז אַזוי ריין און געכאָוועט, אַז מען קאָן דאָס גאָרניט אָפּמעלן; זי באָדט זיך בלי־ספק צוויי מאָל אַ טאָג, און אונטער די נעגל זיינען באַ איר ניט פאַראַן קיין שוואַרצע פּאַסן. אפשר נאָר אַ פּאָר זאַמדעלעך פונם ים־ברעג קאָן מען דאָרטן געפינען.

באַ איר זייט שטייט אַ מאַנסביל אין ווייסע הויזן, אין אַ בלאַ יאַקל און מיט אַ מאַטראָסן־היטל, אָבער מיט אים אינ־טערעסירן מיר זיך שוין ווייניקער.

דאָס מיידל אַפן פּאַרקן איז פאַר אונז ממש אַ וואונדער. מיר האָבן שוין לחלוטין פאַרגעסן, אַז ס'איז נאָך פאַראַן אַזאַ מין, און איצט ווילן מיר נאָך אויך ניט גלויבן אונזערע אויגן. יעדנ־פאַלס האָבן מיר שוין זינט יאָרן ניט געזען אַזוינס, וואָס זאָל מיט איר מונטערקייט שיינקייט און ליכטיקייט, לכל־הפחות, כאָטש אַ ביסל ענלעך זיין צו דער. מיר שפירן אין אונזער גרויסער אויפ־רעקונג, אַז דאָס איז דער פרידן, אַז אָט אַזוי מוז ער אויסזען.

„גיב נאָר אַ קוק אַף אָט די לייכטע שיכעלעך, זי וואָלט דאָך אין זיי אפילו קיין איין קילאָמעטער ניט קאָנען אָפּגיין,” זאָג איך, און איך קום זיך תיכּף פאָר, ווי אַ גרויסער שוטה, וויל ס'איז דאָך נאַריש צו שטיין באַ אַזאַ בילד און גאָר צו טראַכטן וועגן מאַרשירן.

„ווי אַלט קאָן זי זיין?” פרעגט קראָפּ.

איך שאַץ: „העכסטנס צוויי=און=צוואַנציק, אַלבערט."

„אויב אַזוי, איז זי דאָך עלטער פון אונז. איך זאָג דיר, אַז זי איז ניט מער, ווי זיבעצן!"

אַ תּאוהדיקער ציטער לויפט אונז אַריבער דעם רוקן. „ווי מיינסטו אַלבערט, ס'וואָלט געווען אַ פיינער ביסן, האַ?"

ער שאָקלט צו מיטן קאָפּ. „אינדערהיים האָב איך אויך איבערגעלאָזן אַ פּאָר ווייסע הויזן."

„ווייסע הויזן," זאָג איך, „אָבער אַזאַ מיידל—"

מיר באַקוקן איינער דעם אַנדערנס בגדים. מיר האָבן ביידע אָף זיך נאָר אויסגעבליכענע, פאַרלאַטעטע און ברודיקע מונדירן. ס'איז אַ ברכה לבטלה אַפילו זיך צו פאַרגלייכן מיט אַט דעם פראַנט.

פריער פון אַלץ רייסט קראָפּ אַראָפּ פון פּאַרקן דעם יונגנ=מאַן מיט די ווייסע הויזן. ער רייסט אים אַראָפּ פאַרזיכטיק, כּדי ניט אָנצוטאָן קיין שאָדן דעם מיידל. דאָס איז שוין אויך אַ שטיקל נצחון. נאָכדעם לייגט קראָפּ פאָר: „אייגנטלעך, האָבן מיר זיך איצט געדאַרפט גוט אויספּאַרענען."

איך בין ניט אינגאַנצן מסכּים דערמיט, ווייל פון דער פּאַרעניש ליידן תּמיד שטאַרק די בגדים, און העלפן העלפט דאָס אויך ניט. ווייל אין אַ פּאָר שעה אַרום פליאָדיען זיך שוין די לייז ווייטער אין די פאַלטן. אָבער נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך ווייטער פאַרקוקט אָפן בילד, בין איך שוין אָף דעם אויך גרייט. איך גיי נאָך אַפילו ווייטער. „ס'וואָלט גאָר קיין עולה ניט געווען, כ'לעבן, אַז מיר זאָלן זיך זען ערגעץ צו באַקומען אַ פרישן העמד" —

„אונטשעס וואָלט נאָך נייטיקער געווען צו באַקומען," מיינט אַלבערט. מסתּמא האָט ער עפּעס אַ וויכטיקן גרונט דערצו.

„אפשר טאַקע אָנוטשעס אויך. לאָמיר גיין אַביסל ספּעקולירן."

דאָ קומען אַריין לעער און טיאַדען; זיי דערזען דעם פּלאַקאַט, און זיי הויבן אָן שיטן מיט ניבול=פּה. לעער איז אין אונזער קלאַס געווען דער ערשטער, וועלכער איז געשטרויכלט גע=

וואָרן מיט אַ פּרויעקציטמער. אחר־המעשה האָט ער דאָס אויס־דערציילט מיט אַלע פּרטים. ער ווערט אויך נתפּעל פון דעם בילד, אָבער שוין אויף זיין אופן, און מאַדען כאַפּט אים אין אַליין אונטער.

מען קען נים זאָגן, אַז עס זאָל אונז עקלען פון די דיבורים. ווער עס רעדט נים קיין ניבול־פּה, דער איז קיין סאָלדאַט נים. אָבער אין דער רגע איז אונזער שטימונג נים דערביי, דעריבער גייען מיר אַוועק פון זיי און לאָזן זיך גיין צו דער באָד מיט אַזאַ געפיל, ווי דאָס וואָלט געווען אַן עלעגאַנטער מאָדע־קליים.

* * *

די הייזער, וואו מיר זיינען איינפּלאַצירט, ליגן נאָענט צום קאַנאַל. אויף יענער זייט קאַנאַל זיינען פאַראַן טייכלעך, אַרומגע־רינגלט מיט טאָפּאָליעס; אויף יענער זייט קאַנאַל זיינען אויך פאַראַן פרויען.

די הייזער אויף אונזער זייט זיינען ליידיק. אויף דער אַנדער זייט זעט מען נאָך אָבער דאָ און דאָרטן איינוואוינער.

אין אָוונט באָדן מיר זיך אין טייך. אויפן ברעג באַווייזן זיך דריי פרויען. זיי גייען פּאַמעלעך און קערן זיך נים אָפּ, נים גע־קוקט אויף דעם, וואָס מיר באָדן זיך אָן הייזלעך.

לעער שרייט צו זיי אַריבער. זיי שמייכלען און בלייבן שטיין, כדי זיך צוצוקוקן. מיר שרייען זיי צו געבראָכענע פראַנ־צויזישע פראַזעס, אָן אַ זין, וואָס עס פאַלט אונז נאָר איין אין קאָפּ, נאָר זיי זאָלן נים אַוועקגיין. אונזערע דיבורים זיינען נים שטאַרק איידל, אָבער פון וואַנען זאָלן מיר נעמען די איידעלע רייד

איינע פון די פרויען איז אַ מאָגערע, אַ ברונעטע. אַז זי לאַכט, זעט מען, ווי אירע ציין בלאַנטשען. אירע באַוועגונגען זיינען גיכע, דאָס קלייד פלאַטערט פריי אַרום אירע פיס. דאָס וואַסער איז שוין קאַלט, אָבער מיר זיינען שטאַרק אויפגעראַמט און מיר זוכן זיי צו פאַראינטערעסירן, זיי זאָלן בלייבן. מיר פרואוון דערציילן וויצן, זיי ענטפערן אונז, אָבער מיר פאַרשטייען נים זייערע ענטפערס; מיר לאַכן און ווינקען. מאַדען פאַרשטייט שוין בעסער אַן עסק, ווי מיר. ער לויפט אַריבער אין שטוב, ברענגט

פון דאָרטן אַ ברויט און האַלט דאָס הויך איבער זיך. דאָס האָט דערפאָלג. די פרויען שאָקלען מיט די קעפ און ווינקען, מיר זאָלן אַריבערקומען. אָבער דאָס טאָרן מיר ניט. ס'איז אונז פאַרווערט אַריבערצוגיין אַף יענער זייט. בײַ אַלע בריקן שטייען פּאַטרולן. אָן אַ דורכלאָז־צעטל קאָן מען נישט אַריבערקומען. מיר זאָגן זיי, זיי זאָלן צו אונז אַריבער; אָבער זיי ווײַזן אויך אַף די בריקן. זיי לאָזט מען אויך ניט דורך.

זיי קערן זיך אום, גייען פּאַמעלעך פּאַזשע ברעג פון קאַנאַל. מיר באַגלייטן זיי שווימענדיק. מיט אַ שטיקל ווײַטער קערן זיי זיך אָפּ און ווײַזן אַף אַ הויז, וואָס קוקט אַרויס פון צווישן קוסטעס. לעֶער פרעגט, אויב זיי וואוינען דאָרטן.

זיי לאַכן — יאָ, דאָרטן איז זייער הויז.

מיר גיבן זיי צו וויסן, אַז ווי נאָר די פּאַטרולן וועלן אונז ניט קאָנען דערזען, קומען מיר צו זיי אַריבער. בײַנאַכט. די נאַכט.

אַלע דרײַ הייבן אויף די הענט, פאַרדעקן זייערע פּנימער; זיי האָבן, הייסט עס, פאַרשטאַנען, אַז מיר וועלן קומען. די שלאַנקע ברונעטין מאַכט אַ פּאָר טענצלדיקע טריט. די בלאָנדע זאָגט מיט אַ פרײַלעכער שטים: „ברויט—גוט—"

מיר זאָגן זיי נאָכאַמאָל מיט צייכנס, אַז מיר וועלן מיטברענגען ברויט. אויך נאָך אַפילע גוטע זאַכן, מיר דרייען מיט די אויגן און ווײַזן מיט די הענט. לעֶער ווערט שיעור ניט דערטרונקען, בעת ער באַווײַזט זיי, וואָס פאַר אַ שטיק וואורשט ער וועט ברענגען. ווען ס'וואָלט נייטיק געווען, וואָלטן מיר זיי צוגעזאָגט אַ גאַנצן פּראָוויאַנט־לאַגער. זיי גייען אַוועק און קוקן זיך אָפּט אַרום. מיר קריכן אַרויס אַף אונזער ברעג און קוקן, אויב זיי גייען טאַקע אַרײַן אין דעם הויז, אַף וועלכן זיי האָבן אָנגעוויזן, ווײַל ס'קאָן דאָך זײַן, אַז זיי נאַרן אונז אָפּ.

אָן אַ דורכלאָז־צעטל קאָן קיינער ניט אַריבער דעם בריק, דעריבער וועלן מיר בײַנאַכט פּשוט אַריבערשווימען. מיר זײַנען אין אַ געהייבענער שטימונג. פון אומגעדולד קאָנען מיר ניט אײַנזיצן אַף איין אָרט, און מיר גייען אין זעלנער־קרעמל. דאָרטן איז אָנגעקומען ביר און פּונש.

מיר טרינקען און דערציילן זיך איינער דעם אנדערן משונהדיקע, אויסגעטראכטע העלדישקייטן. מיר גלויבן איינער דעם אנדערן און יעטווידער זוכט צו דערציילן אלץ קנאקעדיקערע זאכן און אריבערצויאגן דעם אנדערן. מיר זיינען נערוויז, מיר פיפקען אן א צאל סיגארעטקעס, ביז קראפ זאגט: „איינגנט־לעך, קאנען מיר דאך פאר זיי אויך מיטנעמען עטלעכע סיגא־רעטקעס". דעמאלט הערן מיר אויף צו רויכערן און לייגן די איבערגעבליבענע סיגארעטן אריין אין אונזערע היטלען.

דער הימל הויבט אן גרין צו ווערן, ווי א ניט־פארטיקער עפל. מיר זיינען זאלבעפירט, אבער גיין קאנען נאר דריי; מיר מוזן ווי עס איז פטור ווערן פון טיאדען, און מיר שטעלן אים ביר און פונש, ביז ער פאלט פון די פיס. ווען עס ווערט טונקל, פירן מיר טיאדענען אפ אהיים. מיר ברענען פון אומגעדולד און פון חשק צו אוואנטיורעס. איך באקום די ברונעטע, די מאגערע, דאס האבן מיר שוין אפגערעדט צווישן זיך.

טיאדען פאלט אוועק אף זיין שטרוי־זאק און בראפעט. איינמאל כאפט ער זיך אויף און קוקט אונז אן מיט אזא כיטרען געלעכטערל, אז מיר דערשרעקן זיך שוין און מיינען, אז ער האט זיך נאר פארשטעלט, און מיר האבן אים אומזיסט געפאיעט מיט פונש. אבער ער שלאפט תיכף ווייטער איין.

יעדער פון אונז נעמט א גאנצן ברויט און וויקלט עס איין אין צייטונג־פאפיר. מיר פאקן נאך דערצו איין סיגארעטקעס און לייגן צו אחוץ דעם דריי גוטע פארציעס לעבער־ווארשט, וואס מיר האבן היינט אונט באקומען בעת דער חלוקה. דאס איז שוין א פיינע מתנה.

לעת־עתה פאקן מיר דאס אלץ אריין אין די כאליעוועס, וויל שטיוול מוזן מיר דאך מיטנעמען, כדי מיר זאלן אף יענער זייט ניט ארופטרעטן אף דראט אדער אף שערבלעך. אבער אחוץ דעם קאנען מיר קיין שום בגדים ניט נעמען, וויל מיר דארפן אריבערשווימען דעם טייך. עס איז דאך פינצטער, און ווייט איז דאס אויך ניט.

און אַזוי גייען מיר אַרויס און טראָגן די שמיוול אין די הענט. געשווינד גליטשן מיר זיך אַריין אין וואַסער, לייגן זיך אַף די רוקנס, שווימען און האַלטן הויך איבער אונזערע קעפּ די שמיוול, וואו עס ליגן אונזערע מתנות.

אַף יענעם ברעג קריכן מיר אַרויס אַף דער יבשה, נעמען אַרויס די פּעקלעך און טוען אָן די שמיוול. און אַט אין אַזאַ מין מצב, נאַס, נאַקעט, נאָר מיט שמיוול אָנגעטאָן, לאָזן מיר זיך לויפן. דאָס הויז געפינען מיר תיכּף. עס ליגט פאַרטאַיעט צווישן די קוסטעס. לעער טוט אַ פאַל איבער אַ וואָרצל און שלאָגט זיך אָפּ דעם עלנבויגן. „עט, ס'איז גאָרנישט", זאָגט ער אין שטאַרקער אויפגעראַמטקייט.

די פענסטער זיינען פאַרדעקט מיט לאָדנס. מיר שלייכן אַרום הויז און פּליסן זיך אַריינצוקוקן דורך די שפּאַרונעס. מיר ווערן אומגעדולדיק. קראַפּ הויבט זיך אָן קווינקלען. „און אויב באַ זיי זיצט אַ מאַיאָר, וואָס טוען מיר דעמאָלט?"

„דעמאָלט מאַכן מיר אַ ויברח", צעלאַכט זיך לעער, „ער וועט קאָנען זען דעם נומער פון אונזער פּאָלק אָטאַדאַי", און ער טוט זיך אַ פּאַטש איבערן געזעס.

די הויז-טיר איז אָפן. אַריינגייענדיק, מאַכן מיר מיט אונזערע שמיוואַלעס אַ גרויס געפּילדער. עס עפנט זיך אַ טיר, אַ ליכט-שטריף פאַלט אַף אונז, אַ פרוי טוט אַ דערשראָקענעם געשריי. מיר זאָגן „שאַ, שאַ—גוטע פריינט"—און הייבן אויף אונזערע פּעקלעך, ווי וועלנדיק באַווייזן אונזער פריינטשאַפט.

איצט זעט מען שוין די אַנדערע צוויי פרויען אויך, די טיר ווערט אינגאַנצן אויפגעפּראַלט. מיר שטייען אין ליכט. זיי דערקענען אונז, און זיי פּלאַצן שיעור ניט פון געלעכטער. זיי טרייסלען זיך פון געלעכטער און שאָקלען זיך אין טיר, ווי זאַנגען אין ווינט. ווי עלאַסטיש זיי באַוועגן זיך!

„איין מאָמענט"—, זיי פאַרשווינדן און ברענגען אונז באַלד קאָלדרעס, און וועלכע מיר פאַרוויקלען זיך. מיר גייען אַריין אין דעם צימער, וואו עס ברענט אַ קליין לעמפּל, עס איז וואַרים און עס שמעקט לייכט מיט פּאַרפום. מיר פּאַקן אויס אונזערע

מתנות און גיבן זיי איבער די פרויען. זייערע אויגן ברענען מיט
זשעדנעם פלאם, מען זעט, אז זיי זיינען אויסגעהונגערט.

א ווילדע זיינען מיר אין א פארלעגנהייט. מיר ווייסן ניט
וואס צו טאן. לעער מאכט א זשעסט, ווי ער וואלט עסן.
דעמאלט ווערט וויטער לעבעדיק, זיי ברענגען טעלערס און
מעסערס און ווארפן זיך אף די שפייז, ווי די הייטעריקן. יעדן
פענעצל ווארשט באקוקן זיי מיט התפעלות פון אלע זייטן, איידער
זיי נעמען אים אריין אין מויל, און מיר זיצן דערביי, שטארק
האפערדיק.

זיי פארשיטן אונז מיט רייד — מיר פארשטייען דערפון ניט
קיין פולע, אבער מיר באגרייפן, אז דאס זיינען פריינטלעכע
ווערטער. מעגלעך, אז מיר האבן אויך זייער יונגע פנימער. די
שווארצע גלעט מיר איבער די האר און זאגט, וואס אלע פראנ־
צויזישע פרויען זאגן שטענדיק: „די מלחמה—א גרויס אומגליק —
ארימע בחורימלעך—"

איך כאפ אן איר האנט און לייג צו מיינע ליפן צו איר
האנט־פלאך. אירע פינגער נעמען ארום מיין פנים. אירע אופרייצנ־
דיקע אויגן, די מילדע ברוינקייט פון איר הויט און די רויטע
ליפן ליגן הארט איבער מיך. די לעפצן מורמלען ווערטער, וואס
איך פארשטיי זיי ניט. איך באגרייף די אויגן אויך ניט, זיי זאגן
מער, וויפיל מיר האבן דערווארט, בעת מיר זיינען אהער געגאנגען.

דערביי זיינען פאראן נאך עטלעכע צימערן. אין פארביי־גיין
זע איך לעערן, ער באנעמט זיך מיט דער בלאנדער חוצפהדיק
און דרייסט. ער איז א מאדים אף דעם. אבער איך—אין מיר איז
אופגעקומען אן אומבאשטימט, ווייט געפיל, עפעס שטילס און
אומרואיקס, איך האב זיך אין איר אינגאנצן פארלארן, און איך
גיב זיך אים אונטער ביז כלות־הנפש. אין מיר האט זיך משונה־
דיק פארפלאכטן תאווה מיט א מין געפיל פון טרינקען זיך. פאר
די אויגן נעמט מיר שווינדלען, דא איז ניט פאראן, אן וואס זיך
אנצוהאלטן. אונזערע שטיוול האבן מיר געלאזט שטיין פארן טיר,
מען האט אונז געגעבן אנצוטאן שטוב־שיכלעך, און איצט האב
איך מער בא זיך ניט קיין זאך, וואס זאל מיר קאנען אונטער־

געבן זעלנערישן מוט און זיכערקייט: ניט קיין ביקס, ניט קיין גורט, ניט קיין מונדיר, ניט קיין היטל. איך לאז זיך אפטונקען אין דאס אומבאשטימטע, זאל קומען, וואס עס קומט. ווייל ניט געקוקט אף אלץ, האב איך דאך א ביסל פחד.

די מאגערע ברונעטין דרייט בעתן קלערן מיט די ברעמען; אבער ווען זי רעדט, ליגן זיי רואיק איבער אירע אויגן. אנדערע־מאל אפילו ווערט דער קלאנג פון איר שטים ניט פארוואנדלט אין א ממשותדיק ווארט, און ער שטארבט אפ, אדער ער פלא־טערט אוועק איבער מיך נאך ערשט א האלב־פארטיקער, ווי א פייל פון בויגן, ווי אן אוועקלויפנדיקער צוג, ווי א פליעדיקער שטערן. די קלאנגען פון דער פרעמדער שפראך, וואס איך בא־גרייף קוים־קוים, וויגן מיך איין אין עפעס א האלב־באשטראלטער ברוינקייט, אין וועלכער עס פארשווימט דאס גאנצע צימער, און נאר דאס פנים איבער מיך לעבט און איז קלאר — האב איך דען פריער עפעס געוואוסט וועגן דעם — און וואס ווייס איך וועגן דעם איצט?

ווי פארשיידנארטיק ס'איז דאס פנים פון א מענטשן, וועלכער איז נאך מיט א שעה צוריק געווען א פרעמדער, און וועלכער איז איצט גרייט נאענט צו ווערן מיט א נאענטקייט, וואס קומט ניט פון אים גופא, נאר פון דער צונויפשמעלצונג אין אים פון נאכט, וועלט און בלוט. אלע ארומיקע חפצים ווערן דורך דעם איבערגעאנדערשט, זיי באקומען עפעס א באזונדער אויס־זען, און איך קריג כמעט דרך־ארץ פאר מיין ליכטיקער הויט, אף וועלכער עס פאלט די שיין פון לאמפ, און וואס ווערט געצערטלט דורך א קילער, ברוינער האנט.

עפעס גאר אנדערש איז דא ווי אין די בתי־זונות, האודין מיר ניעען מיט באזונדערע דערלויבענישן, און וואו מיר שטייען באם ארויגאנג אין לאנגע אטשערעדן. איך וויל גאר וועגן זיי זיך ניט דערמאנען, אבער ניט ווילנדיק טו איך וועגן דעם א טראכט, און איך ווער א פארציטערטער, ווייל אפשר וועט מען שוין מער דאס גאנצע לעבן זיך ניט קאנען באפרייען דערפון.

איך דערפיל די ליפּן פון דעם מיידל און איך רײַס זיך זײ אָנטקעגן, איך מאַך צו די אויגן, און צוזאַמען מיט דעם וועלט זיך מיר פאַרגעסן אַלץ, די מלחמה און די שווערלעכקייטן און די גראַבקייטן, כּדי זיך אויפצוכאַפּן אַ יונגער און אַ גליקלעכער; איך דערמאָן זיך אָן דעם מיידל אַף דער אפּיש, און א רגע טראַכט איך, אַז מײַן לעבן הײַנגט אָפּ פון דעם, צי איך וועל געווינען איר ליבע, צי ניט. — און איך טוליע זיך פעסט אין די אָרעמס, וואָס נעמען מיך אַרום, אפשר וועט געשען אַ נס.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָכדעם קלײַבן מיר זיך ווײַטער אַלע דרײַ צוזאַמען. לעער איז כוואַטסקע. מיר געזעגענען זיך האַרציק און קריכן ווײַטער אַרײַן אין אונזערע שטיוול. די נאַכטיקע לופט קילט אָפּ אונזערע צעהיצטע לײַבער. מאַוזמדיק הויך זעען אויס אין דער פינצטער די רווישנדיקע טאָפּאָליעס. די לבנה קוקט פון הימל און שפּיגלט זיך אָפּ אין קאַנאַל. מיר לויפן ניט, מיר גייען איינער לעבן אַנדערן מיט גרויסע שפּרייזן.

לעער זאָגט: „ס'איז כּדאַי געווען צו געבן דערפאַר א ברויט!“

איך קאָן ניט פועלן בא זיך, עפּעס צו זאָגן, איך בין גאָר אפילו ניט האָפּערדיק, ווי די אַנדערע.

מיר דערהערן טריט און בויגן זיך אײַן הינטער אַ קוסט.

די טריט קומען נעענטער, זײ גייען האַרט פאַרבײַ אונז.

מיר דערזעען אַ נאַקעטן סאָלדאַט אין שטיוול, פונקט אַזוי ווי מיר, ער האַלט אַ פּעקל אונטערן אָרעם און לויפט אין איין אָטעם. דאָס שפּרייזט טיאַדען אין גרוים איילעניש.

מיר לאַכן. אָט וועט ער זיך דאָס מאָרגן זידלען.

דורך קיינעם ניט געמערקט קומען מיר צוריק צו אונ־זערע בעטלעך.

* * *

מען רופט מיך אַרײַן אין קאַנצעליאַריע. דער לײַטענאַנט דערלאַנגט מיר אַן אורלויב־צעטל אַ בילעט אַפן באַן, און ער

ווינטשט מיר אַ גוטע נסיעה. איך קוק זיך איין, וויפיל אורלויב מען האָט מיר געגעבן. זיבעצן טעג — פערצן אורלויב, דריי אַף דער נסיעה. דאָס איז ווייניק, און איך בעט, מען זאָל מיר געבן אַף דער נסיעה פינף טעג. בערטינק וויזט אַף מיין צעטל. ערשט איצט זע איך, אַז נאָכן אורלויב דאַרף איך זיך ניט אומקערן תיכף אַפּן פראָנט. איך דאַרף נאָך דורכמאַכן די דינסטצייט אין פעלד-לאַגער.

מען איז מיר מקנא. קאָט גיט מיר גוטע עצות, ווי איך זאָל פּרואוון זיך אײנגאַנצן אַרויסדרייען. „ווען דו ווערסט נאָר זיין אַ פלינקער חברה-מאַן, קאָנסט דאָרטן בלייבן אַף ווייטער אויך.“

מיר וואָלט זיך איינגעטלעך געוואָלט אַוועקפאָרן פון דאַנען ערשט אין אַכטאָג אַרום; ווייל דאָ וועלן מיר נאָך זיין אַ וואָך, און דאָ איז אונז גאָרניט שלעכט. —

פאַרשטייט זיך, אַז היינט מוז איך אויסצאָלן. מיר זיינען אַלע שיכורלעך. איך ווער אומעטיק; אמת, זעקס וואָכן וועל איך דאָ ניט זיין, דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ גרויס גליק, אָבער וואָס וועט זיין, ווען איך וועל קומען צוריק? וועל איך זיי דאָ ווייטער אַלעמען באַגעגענען? האַיע און קעמעריך זיינען שוין מער ניטאָ — וועמענס ריי איז איצטער?

מיר טרינקען, און איך קוק אָן יעדן איינעם. אַלבערט זיצט בא מיין זייט און רייכערט, ער איז מונטער, מיר האָבן זיך אַלעמאָל געהאַלטן צוזאַמען, — אַנטקעגן זיצט קאַט מיט די שיפּוּעדיקע פּלייצעס, מיט די ברייטע פינגער און מיטן געלאַסענעם קול, — מילער מיט די סטאַרטשענדיקע ציין און מיט דאָס האָווקעדיקע געלעכטער; — טיאַדען מיט די מייזישע אויגן; — לעער מיטן בערדל, וואָס מאַכט אים אויסזען, ווי אַ פערציקער.

איבער אונזערע קעפּ שווימט אַרום אַ געדיכטער טאַבאַקרויך. וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט געהאַט דער זעלנער אָן טאַבאַק! דאָס זעלנער-קרעטשל איז אַן עיר-מקלט, דאָס ביר איז מער ווי אַ שתיה, דאָס איז אַ סימן, אַז מען איז אויסער סכנה און מען קאָן

זיך רואיק אויסטשוכעניען. מיל טוען דאָס טאַקע, די פּיס האָבן מיר אויסגעצויגן, ווי ווײַט ס׳איז נאָר מעגלעך, און מיר שפּיען אַרום זיך, אַז ס׳איז נאָר וואָס צו זען. מאָרגן קומט דאָס אַלץ פאַר דעם, וואָס דאַרף מאָרגן אָפּפאָרן פון דאַנען!

באַנאַכט זײַנען מיר נאָכאַמאָל אַף יענעם ברעג קאַנאַל. מיט באַהאַלטענעם פּחד דערצייל איך מײַן ברוּנעטקע, אַז איך פאָר אַוועק, און אַז ווען איך וועל קומען צוריק, וועלן מיר שוין געוויס שטיין ערגעץ אַנדערש וואו; אַז מיר וועלן זיך שוין, אַזוי אַרום, מער נישט זען. אָבער זי שאָקלט נאָר צו מיטן קאָפּ און קיין באַזונדערער פאַרדרוס מערקט זיך אַף איר נישט. אין אַנהויב קאָן איך נישט באַגרײַפן, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, נאָכדעם כאַפּ איך שוין טרעפן. לעער איז גערעכט: וואָלט איך געגאַנגען אַפן פראָנט, וואָלט איך ווײַטער געווען דאָס „אָרימע אינגל”; אָבער ווײַבאַלד איך גיי אַוועק אין אורלויב, איז שוין דער ענין נישט אַזוי אינטערעסאַנט. מעג זי גיין צו אַלדי רוחות מיט איר גאַנצער פלאַפּלעריי און זשומזשעריי. מען גלויבט אין ניסים, און צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז נישט מער, ווי א זעלנער־ברויט.

אַף מאָרגן פרי ווערן מײַנע בגדים אויסגעפּאַרעט און איך גיי צו דער סטאַנציע פון פעלד־אײַנבאַן. אַלבערט און קאַט באַגלייטן מיך. אַף דער סטאַנציע דערוויסן מיר זיך, אַז ביזן אָפּפאָר וועט נאָך געדויערן א פּאָר שעה. זיי ביידע מוזן גיין צוריק. מיר געזעגענען זיך.

„זאָל דיר גוט גיין, קאַט; זײַ מצליח, אַלבערט.”

זיי גייען אַוועק און ווינקן מיר צו נאָך א פּאָר מאָל. זייערע געשטאַלטן ווערן אַלץ קלענער. מיר איז גוט באַקאַנט יעדער טריט זייערער, יעדע תּנועה, אַף דעם גרעסטן מהלך וואָלט איך זיי שוין דערקענען. זיי פאַרשווינדן.

איך זעץ זיך אַף מײַן רענצל און וואַרט.

מיטאַמאָל כאַפּט מיך אַרום א מין משוגענע אומגעדולד זיך פון דאַנען וואָס גיכער אָפּצוטראָגן.

* * *

בעת דער נסיעה וועלגער איך זיך אויס אַף אַסך סטאַנציעס: איך שטופּ זיך פאַר אַ פולע שפּײַז-קעסלען; איך ליג אַף אַסך הילצערנע ברעטער; — אָפטמאָל מאַכט אַף מיר די לאַנדשאַפט אַ פאַרקלעמטן, שווערן און באַקאַנטן רושם. זי ציט זיך פאַרבײַ די בין-השמשותדיקע וואַגאָן-פענצטערלעך, מיט אירע דערפלעך, וואָס שטרוי-דעכער ליגן ווי הוטלען איבער געטינקעוועטע הײַזלעך, מיט קאָרן-פעלדער, וואָס שעמערירן, אין דעם באַלכסונדיקן ליכט, ווי פּערלמוטער, מיט פּירות-גאָרטנס און שטאַלן און אַלטע לינדבוימער.

די נעמען פון די סטאַנציעס פאַרוואַנדלען זיך אין באַגריפן, וואָס מאַכן אופציטערן מײַן האַרץ. די רעדער קלאַפּן, איך שטיי באַם פענצטער און האַלט זיך צו פאַר דאָס הילצערנע געשטעל. אין אָט די נעמען לעבט ווײַטער אויף מײַן יוגנט. נידעריקע לאַנקעס, פעלדער, געוויינדן; — פּאַראַלעל צו דער ליניע פון האַריזאָנט שלעפּט זיך אײַנזאַם איבערן שליאַך אַ פורל, און אַראָפּגעלאָזענער קווער-סלופּ, פאַר וועלכן פויערים שטייען און וואַרטן, קינדער, וואָס שפּילן פּאַזשע דער אײַזנבאַן-דאַמבע, לאַנדישע שליאַכן, וועגן, גלאַטע רײנע שליאַכן, און אַרטילעריע.

עס איז אָונט, אַז ווען דער צוג וואָלט איצט נים געקלאַפּט וואָלט איך געוויס געיאָמערט אינדערהויך. דאָס פלאַכלאַנד שפּרייט זיך ווײַט אויס, אין דער אופקומענדיקער אָוונטיקער בלאָקייט הויבן אָן זיך אַרויסצושיילן די סילועטן פון די ווײַטע בערג. איך דערקען די אײַנגאַרטיקע ליניע פון דעם „דאָלבענבאַרג“, זײַן ציינערדיקן רוקן, וואָס ווערט מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט דאָרטן, וואו עס פאַרשווינדט דער שייטל פונם וואַלד. הינטער דעם ליגט די שטאָט.

איבער דער וועלט צעשווימט זיך דאָס גאָלדיק-רויטע ליכט. דער צוג פליט דורך איין אויסבויג און אַ צווייטן, — און עפּעס ווי פאַרוואָרפן, צופעליק און טונקל, ווי געפּורעמט פון שאָטן, פון ליכט און בײַנקעניש, שטייען אין אַ לאַנגער שורה טאַפּאָליעס אײנער הינטערן אַנדערן.

דאָס פעלד צוזאַמען מיט זיי דרייט זיך פּאַמעלעך אוועק; דער צוג שלעפּט זיך פאַרביי די טאַפּאַליעס, די רוימען צווישן זיי ווערן אַלץ קלענער, און אין משך פון אַ רגע זע איך נאָר איין בוים, אָבער באַלד רוקן זיך אַלע ווייטער אַרום פון הינטער דעם ערשטן, און זיי שטעכן נאָך אַ קורצע צייט דעם הימל, ביז די ערשטע זיך אַנרוקנדיקע הייזער פאַרדעקן זיי.

אַ באַן־אַריבערפאָר. איך שטיי אַלץ באַם פענסטער און קען זיך ניט אָפּרייסן. אַלע גרייטן שוין צו זייערע פּעקלעך. איך מורמל שטיל פאַר זיך דעם נאָמען פון דער גאַס, וועלכע מיר שניידן איצט דורך — „ברעמער־שטראַסע" — „ברעמער־שטראַסע" —

אונטן זע איך וועלאָסיפּעדיסטן, פורן, פוסגייער; — די גאַס איז גראָ, דער ברוק איז גראָ; — דאָס אַלץ איז מיר אַזוי ליב און אַזוי רירנד, ווי דאָ וואָלט געווען מיין מאַמע.

דער צוג שטעלט זיך אָפּ, אַנטקעגן קומט דער וואָקזאַל מיט זיין געפּילדער, געשרייען און פּלאַקאַטן. איך טו אָן מיין רענצל, שניר צו די רימענס, נעם מיין ביקס אין האַנט און קריך אַראָפּ פון די טרעפּלעך.

אויפן פּעראָן קוק איך זיך אַרום. מיר איז ניט באַקאַנט קיין איינער פון די מענטשן, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום. אַ באַרים־האַרציקע שוועסטער באַט מיר אָן עפּעס צו טרינקען. איך קער זיך אָפּ, ווייל זי שמייכלט צו מיר מיט אַ נאַרישן פּנים, דורכ־געדרונגען מיט דער וויכטיקייט פון איר שליחות, ווי זי וואָלט זאָגן: זעט, וואָס איך טו, איך גיב אַ סאָלדאַט קאַווע. — זי רופט מיך „חבר", דאָס האָט מיר נאָך אויסגעפעלט.

אויפן גאַס פאַרן וואָקזאַל רוישט פאַרביי דער טייך, ער ברויזט אַרויס מיט אַ ווייסן שוים פון אונטער די שלוזן פונם מיל־בריק. דערביי שטייט דער אַלטער פירקאַנטיקער טורעם, פאַר אים — דער גרויסער, פילפאַרביקער לינדבוים, און הינטער אים — דער אָוונט.

דאָ זיינען מיר אָפט געזעסן — ווי לאַנג דאָס איז שוין; איבער דעם בריק זיינען מיר געגאַנגען און האָבן איינגעאָטעמט דעם קילן, צוגעפוילטן ריח פון שטייענדיק וואַסער; מיר האָבן זיך

אַריבערגעבויגן איבער דער רואיקער וואַסער־שפּע פון יענער זייט שלוז, איבער וועלכער ס׳זייגען פון די בריק־טלופעס אַראָפּגעהאַנגען זומפּיקע וואַסער־פלאַנצן; — און פון דער זייט שלוז האָבן מיר זיך אין די הייסע טעג געקליבן, הנאה געהאַט פון דעם שפּריצנדיקן שוים און האָבן דאָ באַרעדט אונזערע לערערס.

איך גיי איבערן בריק, איך קוק זיך אַרום רעכטס און לינקס; דאָס וואַסער איז נאָך אַלץ פול מיט זומפּ־געוויקסן, און ים פאַלט נאָך אַלץ אַראָפּ אין א ליכטיקן בויגן; — אונטן, אין דעם טורעם־בנין, שטייען נאָך, ווי אַמאָל, די וועשערינס מיט די אנטבלויזטע אָרעמס באַם פלעטן גרעט, און די היץ פון די פלעטאייזנס טראָגט זיך פון די אָפענע פענסטערן. איבערן שמאָלן געסל בלאַנקען זיך הינט, פאַר די טירן שטייען מענטשן און קוקן מיר נאָך, ווי איך שלעפּ זיך פאַרביי, אָנגעלאָדן און פאַרמיסטיקט.

אָט אין דער קאָנדיטאָריי האָבן מיר געגעסן געפרוירנס און האָבן זיך געלערנט רויכערן. אין דער גאַס, וואָס שניידט זיך דאָ דורך, קען איך יעדע הויז, דאָס שפּייז־קרעמל, דעם אַפּטייק־קראָם, די בעקעריי. און אָט שטיי איך שוין פאַר דער ברוינער טיר מיט דער אָפּגענוצטער קליאַמקע, און מיין האַנט ווערט שווער, ווי בליי. איך עפן די טיר; עס קומט מיר אנטקעגן א מאָדנע פרישקייט, מיינע אויגן זעען ניט גוט אין דעם האַלב־טונקל.

דער טרעפּ קרעכצעט אונטער מיינע שטיוול. אויבן סקריפּעט א טיר, עמיץ קוקט אַראָפּ איבערן פּאָרענטש. דאָס האָט מען געעפנט די טיר פון קיך, זיי באַקן דאָרטן גראָד פּאַמפּעשקעס, איבער דאָס גאַנצע הויז טראָגט זיך זייער ריח, היינט איז גראָד שבת, און די, וואָס האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן פּאָרענטש, איז געוויס מיין שוועסטער. איך שעם זיך אינאָנהויב און לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ, נאָכדעם נעם איך אַראָפּ דעם קיווער און קוק אַרויף. יאָ, דאָס איז מיין עלטסטע שוועסטער,

„פּוילי״, טוט זי א געשריי, „פּויל!״ —

איך שאָקל צו מיטן קאָפּ, מיין רענצל קלאַפּט זיך אָפּ אָן פּאָרענטש, מיין ביקס איז אַזוי שווער.

זי פאַלט אויף אַ טיר און שרייט אַריין: „מאַמע, מאַמע, פויל איז דאָ".

איך קאָן זיך ניט רירן פון אָרט. מאַמע, מאַמע, פויל איז דאָ.

איך שפּאַר זיך צו צום וואַנט און כאַפּ אַרום מיין קיווער און מיין ביקס. איך כאַפּ זיי אַרום מיט מיין גאַנצן כּח, אָבער איך קאָן ווייטער קיין טריט ניט טאָן, דער טרעפּ פאַרשווינדט פון מיינע אויגן, איך שפּאַר אָן די קאָלבע אָן מיינע פיס און כ'פּרעס אין צאָרן צונויף די ציין, אָבער איך קאָן גאָרנישט מאַכן קעגן דעם אויסגעשריי פון מיין שוועסטער, מען קאָן גאָרנישט טאָן קעגן דעם, איך מאַטער זיך מיט אַלע כּחות צו לאַכן און עפּעס צו זאָגן, אָבער איך קאָן קיין וואָרט ניט אַרויסברענגען, און אַזוי שטיי איך אַלין אויפן טרעפּ, אומגליקלעך, אומבאַהאָלפן, ווי פאַרקראַמפּט, און קעגן מיין ווילן ווייקט זיך מיין פּנים אין טרערן.

מיין שוועסטער קומט אַראָפּ און פרעגט: „וואָס איז דאָס מיט דיר?"

דאָ נעם איך זיך שוין צוזאַמען און קריך אַרויף אויפן טרעפּ. מיין ביקס שטעל איך אַוועק אין אַ ווינקל פאָדער-צימער, דאָס רענצל לייג איך אַוועק באַם וואַנט, און אויף דעם פּאַק איך אַרויף דעם קיווער. אויך דאָס גירטל מיט די אַלע קלאַפּער-געצייג וואַרף איך אַראָפּ פון זיך. נאָכדעם ביזוער איך זיך אָן אויף איר: „גיב דאָך שוין אַהער אַ טיכל!"

זי נעמט מיר אַרויס אַ טיכל פון שאַף, און איך ווישׁ מיר דערמיט אויס דאָס פּנים. איבער מיך הייגנט אויפן וואַנט אַ גלאָז-קאַסטן מיט בונטע זומער-פייגעלעך, וואָס איך האָב אין די פריערדיקע יאָרן אָנגעקליבן.

איצט הער איך די שטים פון מיין מאַמען. זי דערגייט צו מיר פון שלאָף-צימער.

„ליגט זי דען?" פרעג איך מיין שוועסטער.

„זי איז קראַנק", — ענטפערט זי.

איך גיי צו איר אריין, דערלאַנג איר די האַנט און זאָג אזוי געלאַסן, ווי איך קאָן נאָר: „אָט בין איך, מאַמעשי.“

זי ליגט פאַרהיליעט אין בין־השמשות־ליכט. איך פיל, ווי איר בליק באַטאַפּט מיך, און זי פרעגט מיט שרעק: „ביסטו פאַרוואונדיקט?“

„ניין, איך האָב באַקומען אורלויב“.

מיין מאַמע איז זייער בלייך. איך שעם מיך עפעס אופצודרייען דאָס ליכט. „אנשטאָט זיך צו פרייען“, זאָגט זי, „ליג איך גאָר און וויין“.

„ביסטו קראַנק, מאַמעשי?“ פרעג איך.

„היינט וועל איך זיך אביסל אופהייבן“, זאָגט זי, און ווענדט זיך צו דער שוועסטער, וועלכע מוז כסדר אריינלויפן אין קיך אופפאַסן, דאָס געקעכץ זאָל ניט אָנברענען: „לעג אויף די בלי מיט די ברוקנעס־זאַפט — דאָס האָסטו דאָך ליב?“ פרעגט זי מיך.

„יאָ, מאַמע, איך האָב דאָס שוין טאַקע אַ לאַנגע צייט ניט געגעסן.“

„עפּעס פונקט ווי מיר וואָלטן געפילט, אז דו דאַרפסט קומען“, פרייט זיך די שוועסטער, „היינט האָבן מיר גראָד דיין באַליבטן מאכל, פּאַמפּעשקעס, און דערצו נאָך מיט ברוקנעס.“

„ס'איז דאָך שבת“, ענטפער איך.

„זעץ זיך צו מיר“, זאָגט די מאַמע.

זי קוקט מיך אָן. אירע הענט זיינען, אין פאַרגלייך מיט מיינע, קריינקלעך און וויים און קליין. מיר ריידן נאָר געציילטע ווערטער, און אין האַרצן דאַנק איך איר שטאַרק, וואָס זי פרעגט נישט אויס. וואָס זאָל איך טאַקע זאָגן: ס'איז דאָך שוין געווען פאַרשיידנס. איך בין דורכגעקומען, און אָט זיץ איך איצט בא איר. און אין קיך שטייט מיין שוועסטער און גרייט צו דאָס אָוונט־עסן און זינגט זיך אונדערשטיל.

„מיין טייער אינגל“, זאָגט מיין מאַמעשי גאָר שטיל.

אין אונזער משפחה האָבן מיר זיך קיינמאָל ניט געלאַשטשעט איינער צום אנדערן. בא אָרימעלייט, וועלכע מוזן

האָרעווען און יועלכע האָבן אַפּולע דאגות, פירט זיך ניט אַזוי. זיי זוכן ניט צו באַווייזן אויף יעדן טריט דאָס, וואָס זיי ווייסן אין הארצן גאַנץ גוט. ווען מיין מאמע זאָגט מיר „טייער אינגלי", באַטייט דאָס שוין מער, ווי אין אַנדערע וואָלט מי־יודע וואָס אָפּגעטאָן. איך בין זיכער, אַז די ברוקנעס האלט זי שוין פאַר מיר זינט חדשים, פּונקט אַזוי, ווי דאָס געבעקס, מיט וועלכן זי איז מיר איצט מכבד, און וואָס האָט שוין אַביסל אַ צוגעלעגענעם ריח. זי האָט דאָס מסתמא באַקומען דורך אַ באַזונדערער גע־לעגנהייט, און האָט דאָס תיכף אָפּגעלייגט פאַר מיך.

איך זיץ בא איר בעט, און אין פענסטער קוקן אריין די ברוין־גאלדיגע קאַשטאַנען־בוימער פון דעם שכונותדיקן גאָרטן. איך עטעם טיף און פאַמעלעך און איך זאָג זיך כסדר: „ביסט אינדערהיים, אינדערהיים." אָבער איך קאָן זיך נאָך אַלץ ניט באַפרייען פון אַ מין געפּונדנקייט, איך קאָן זיך עפּעס נאָך ניט אַריינלעבן. אָט איז מיין מאַמע, אָט איז מיין שוועסטער, אָט איז מיין קאַסטן מיט די זומער־פויגעלעך, און אָט איז דאָס מאַהאָגאָניע־קלאַוויר — אָבער איך בין נאָך ניט אינגאַנצן דאָ. צווישן אונז איז נאָך פאַרצויגן אַ שלייער, דער לעצטער טריט איז נאָך ניט געשטעלט.

דעריבער גיי איך איצט אַרויס, טראַג אַריין מיין רענצל און פּאַק אַרויס אַלץ, וואָס איך האָב געבראַכט: אַ גאַנצן האָלענ־דער קעז, וואָס קאַט האָט מיר צוגעשאַרט, צוויי זעלנער־ברויטן, דריי־פערטל פונט פוטער, צוויי שאַכטלען לעבער־וואורשט, אַ פונט שמאַלץ און אַ זעקל רייז.

„דאָס וועט אייך געווים צונויץ קומען—"

זיי זיינען מסכים. „בא אייך איז דאָ מסתמא ניט יום־טוב־דיק מיטן עסן?", פרעג איך.

„ניין, מען קאָן ניט זאָגן, אַז מיר זאָלן דאָ האָבן צופיל. און איר האָט דאָרטן גענוג?"

איך ווייז מיט אַ שמייכל אָן אויף די געבראַכטע זאַכן. „אַזוי פיל איז אַפילו ניט שטענדיק פאַראַן, אָבער פעלן פעלט אונז נישט."

ערנא טראגט ארוים די לעבנסמיטל, די מאַמע כאַפּט מיטאמאָל אָן מיין האנט און טוט א פרעג זיך פאַרהעקערנדיק: „איז דאָרטן שטאַרק שלעכט געווען, פוילי?“

מאַמעשי, וואס זאל איך דיר אף דעם ענטפערן! דו וועסט דאָך דאס ניט באגרייפן. דו דארפסט דאס אויך קיינמאָל ניט פארשטיין. דו פרעגסט, אויב ס'איז געווען שלעכט.—מאמע.—איך שאָקל מיטן קאָפּ אף ניין און זאג: „ניין, מאמעשי, ניט באַזונדער'ש. מיר זיינען דאך צוזאמען מיט נאך אסך, דעמאָלט איז שוין ניט אזוי שלעכט“.

„דא ניט לאנג איז בא אונז געווען היינריך ברעדעמייער און ער האט דערציילט, אז איצט טוט זיך דאָרטן אָפּ חושך מיטן גאז און מיט די אנדערע גרוילן.“

דאס אַלץ זאָגט מיין מאמעשי. זי זאָגט: מיטן גאז און מיט די אנדערע גרוילן. זי וויים ניט, וואס זי זאגט, זי האט נאר פחד צוליב מיר. זאָל איך דערציילן, ווי מיר האבן איינמאל אופ־געטראפן דריי אָקאָפּעס מיט מענטשן, וועלכע זיינען אינגאנצן פארשטיינערט געווארן אַזוי ווי זיי זיינען געזעסן, פאר די וואלן, אין די בלינדאזשן,—אומעטום זיינען געשטאנען און געלעגן פאר־שטיקטע מענטשן מיט בלאָע פנימער.

„מאלע וואס מען רעדט, מאמע“, ענטפער איך, „ער פלאַפּלט נאר גלאט אזוי זיך, אָט דער ברעדעמייער. דו זעסט דאך, אַז איך בין געזונט און אפגעקארמעט—“

אין מיין מאמעס ציטערדיקן זאָרגן וועגן מיר, געפין איך ווייטער מיין רו. איצט קאָן איך שוין ארומגיין און שמועסן, ניט פחד האבנדיק ווייטער געצוואונגען צו זיין זיך אָנשפּארן אָן וואנט צוליב דעם, ווייל די וועלט ווערט ווייך, ווי גומע, און די אדערן מירביק, ווי טרוקענע שמאטעס אפן פייער.

די מאמע וויל אופשטיין, איך גיי דער'ווייל ארוים אין קיך צו דער שוועסטער. „וואס פעלט איר?“ פרעג איך.

זי קוועטשט מיט די פלייצעס: „שוין א פּאָר חדשים, ווי זי ליגט, מיר האבן דיר ניט געוואָלט שרייבן וועגן דעם. עס

זיינען שוין געווען בײַ איר מערערע דאָקטוירים. איינער זאָגט, אַז דאָס הויבט זיך ווײַטער אָן דער קרעבס.״

* * *

איך גיי צום באַצירק־קאָמאַנדיר, זיך מעלדן בײַ אים. פֿאַמעלעך וואַנדל איך דורך די גאַסן. פֿון צײַט צו צײַט האַלט מיך עמיץ אָן און רעדט זיך פֿאַנאַנדער. איך געזעגן זיך אָבער באַלד, ווײַל עס ווילט זיך מיר קיין סך ניט ריידן.

בעת איך גיי צוריק פֿון קאַזאַרמע, רופֿט מיך עמיץ אָן מיט אַ געשריי. איך דריי זיך אויס פֿאַרטראַכט און איך זע, ווי פֿאַר מיר שטייט אַ מאַיאָר. ער פֿאַלט אָן אויף מיר: „זײַט איר חולה צו באַגריסן?״

„אַנטשולדיקט, הער מאַיאָר״, זאָג איך צעטומלט, „איך האָב אײַך ניט געזען״.

ער ווערט נאָכמער אויפֿגעבראַכט: „ריידן, ווי אַ מענטש, קאָנט איר אויך ניט?״

מיר ווילט זיך אים אַנפּאַטשן אַ פֿולע שנוקע, אָבער איך נעם זיך צוזאַמען, ווײַל אַניט — איז אויס מיט מײַן אורלויב; איך שמעל זיך שטראַם אַוועק און זאָג: „איך האָב דעם הער מאַיאָר ניט געזען.״

„טאָ גייט מיט אָפֿענע אויגן!״ קאָכט ער זיך. „ווי הייסט איר?״

איך זאָג.

זײַן רויט, גראָב פּנים איז נאָך אַלץ שטאַרק אויפֿגערעגט. „פֿון וועלכער אָפּטיילונג?״

איך רופֿ אָן מײַן פּאַלק. אָבער פֿאַר אים איז דאָס נאָך ניט גענוג. „וואו געפֿינט איר זיך?״

איך ווער אויסער זיך: „אויף דער פֿײַער־ליניע, הער מאַיאָר?״

ער ווערט אַביסל פֿאַרפּלעפֿט. „ווי קומט איר אַהער?״

איך דערקלער אים, אַז מיט אַ שעה צוריק בין איך גע־קומען אויף אורלויב אַהיים, און כ׳מיין, אַז דערמיט האָב איך אים

שוין אָפּגעפּטרט. אָבער איך האָב אַ טעות. ער ווערט נאָך אויפגערייצטער; „איז ווילט איר דאָ אויך איינפירן די שיינע מנהגים פון פראָנט, וואָס? דאָס וועט ניט גיין! דאָ איז נאָך פאַראַן אָרדענונג, דאַנק גאָט!"

ער באַפוילט: „צוואַנציק טריט הינטערווײלעכס, מאַרש!"

אין מיר ברויזט אַ טעמפּער צאָרן, אָבער איך קאָן גאָרנישט טאָן קעגן אים, ווען ער וויל נאָר, לאָזט ער מיך תיכּף אַרעסטירן. איך גיי אָפּ הינטערווײלעכס די צוואַנציק טריט, לייג צו מיין האַנט צום היטל, גיי שטראַם אַף אים און לאָז אַראָפּ די האַנט ערשט ווען איך בין שוין צוואַנציק טריט הינטער אים.

ער רופט מיך ווײטער צו און איז מיר מיט גרויס לײטזעליקייט מודיע, אַז ער לאָזט דאָסמאָל אָפּ פון דער שטרײנגקייט פון דין און איז מיר מיט גרויס חסד מוחל מיין פאַרברעך. איך ווייז אים, אַז איך בין זייער דאַנקבאַר. „איר קאָנט גיין," קאָמאַנדירט ער.

איך האַק אָפּ די מיליטערישע באַגריסונג און כּ'לויף אינדערגיך אַוועק.

דער גאַנצער אָוונט גייט מיר שוין מער ניט איין. איך לויף געשווינד אַהיים, רייס אַראָפּ פון זיך דעם מונדיר און טו אים אַ שלײדער ווײט אין ווינקל. איך נעם אַרויס מיין ציוויל'ן גאַרניטער און טו אים אָן.

איך בין שוין גאָר אָפּגעוואוינט דערפון. דער גאַרניטער איז מיר קורץ און שמאָל, איך בין אויסגעוואַקסן. פון קאָלנער און פון שליפס האָב איך גרויסע צרות, ביז מיין שוועסטער בינדט מיר ענדלעך אוים דעם שליף. ווי לײכט אַזאַ מין קאָסטיום איז דאָס, מען פילט זיך, פונקט ווי מען וואָלט זיין אָנגעטאָן נאָר אין אונטערוועש.

איך גיי צו צום שפּיגל. פון דאָרטן קוקט אַף מיר מיט גרויס חידוש אַן אָפּגעבּרענט בר-מצוה-בחור'ל, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון זיינע בגדים.

מיין מאַמע פרייט זיך, וואָס זי זעט מיך ווײטער אין ציווילע בגדים. און דעם בין איך איר עפּעס נעענטער. מיין

פאַטער אָבער וואָלט מער חשק געהאַט, איך זאָל טראָגן דעם מונדיר, און אַזוי וויל ער מיך ארומפירן בײַ זײַנע באַקאַנטע.
איך וויל דאָס אָבער ניט.

* * *

עס איז אַזוי וואויל ערגעץ שטיל צו זיצן, א שטייגער, אין שכניתדיקן קאַפע־גערטעלע. אונטער די קאַשטאַנען, בײַם קעגל־באַן, אַפן טיש און אַף דער ערד פאַלן בלעטער, דערווייל זייער ווייניק, בלויז די ערשטע. פאַר מיר שטייט אַ גלאָז ביר, אין מיליטער־דינסט האָט מען זיך שוין אויסגעלערנט טרינקען. דאָס גלאָז איז נאָר ביזן העלפט אויסגעטרונקען, אַזוי אַרום, האָב איך נאָך אַ פּאָר מחיהדיקע, קילע זופּן, און אחוץ דעם, אויב איך וויל נאר, קאן איך מיר באַשטעלן אַ צווייטע און אַ דריטע. ניטאָ קיין אויסרוף און קיין קרייץ־פייער, דעם באַלעבאָס קינדער שפּילן זיך אַפן קעגל־באַן, און דער הונט לייגט מיר זיין שנוקע אַף די קניען. דער הימל איז בלאָ, פון צווישן דער קאַשטאַנען־סוכּה קוקט זיך דורך דער גרינער טורעם פון אַ קירך.

דאָס אַלץ איז גוט און איך האָב דאָס ליב. אָבער מיט די מענטשן קאַן איך בשום אופן ניט פאַרטיק ווערן. די איינציקע, וואָס שטעלט ניט קיין קשיות, איז די מאַמע. אָבער מיט דעם טאַטן איז שוין גאָר אַנדערש. ער וואָלט וועלן, איך זאָל עפּעס דערציילן פון פראָנט, ער האָט צו מיר סענטימענטאַלע און נארישע טענות, און איך האָב ניט צו אים די געהעריקע באַ־ציאונג. ער וואָלט בסדר געוואָלט הערן מעשׂות. איך פאַרשטיי, ער ווייס ניט, אַז אַזוינס לאָזט זיך ניט דערציילן, און איך וואָלט אים בלי־ספק וועלן טאָן די טובֿה; אָבער איך שטיי פאַר אַ גרויסער סכּנה, ווען איך זאָל זיך פּרואוון דאָס איבערצוגעבן מיט ווערטער, איך האָב מורא, אַז זיי וועלן זיך מוראדיק פאַנאַנדער־וואַקסן און זיך מער ניט לאָזן באַמעכטיקן. וואו וואָלטן מיר דען געבליבן, ווען אַלץ, וואָס ס'קומט דאָרט פאָר, וואָלט קלאָר און בולט אויפגעשטאַנען פאַר אונזערע אויגן?

און איך באַגרענעץ זיך נאָר דערמיט, וואָס איך דערציי־ל אים עטלעכע לוסטיקע מעשׂות. ער פֿרעגט מיך אָבער, אויב איך האָב שוין דורכגעמאַכט אַ געפֿעכט פּנים־אל־פּנים. איך ענטפֿער אים, אַז נאָך ניט, און איך הייב זיך אויף, כּדי צו גיין אַביסל אין גאַס.

אָבער דאָס העלפֿט מיר אויך ניט. נאָכדעם, ווי כ׳האָב אין גאַס זיך עטלעכע מאָל איבערגעשראָקן, ווייל דאָס גרילצן פֿון טראַמוואַי אַף די רעלסן האָט מיך דערמאָנט אָן פֿליענדיקע גראַנאַטן, קלאַפּט מיך עמיץ אָן אין פּלייצע. דאָס איז מיין לערער פֿון דייטש, וועלכער באַפֿאַלט מיך תּיכּף מיט די סקאַרבאָווע קשיות: „נו, וואָס הערט זיך עפּעס אַפֿן פֿראָנט? שווערלעך, ניט אמת? יאָ, ס׳איז מאַקע שרעקלעך, אָבער מיר מוזן דאָס אויס־האַלטן. איר האָט דאַרטן, לכל־הפּחות, גוטע קעסט, ווי איך האָב געהערט. איר זעט אויס זייער גוט, פֿויל, זייער מונטער. דאָ איז, פֿאַרשטייט זיך, ערגער, און אַזוי מוז עס אויך זיין: דאָס בעסטע דאַרף גיין פֿאַר אונזערע סאָלדאַטן!“

ער שלעפּט מיך אַריין אין אַ קאַפֿע, צו אַ טישל. איך באַקום דאַרטן אַ גרויסאַרטיקן קבלת־פּנים, אַ דירעקטאָר דער־לאַנגט מיר די האַנט און זאָגט: „איר קומט פֿון פֿראָנט, האָ? ווי איז דאַרטן דער גייסט פֿון דער אַרמיי? אַ געהייבענער, אַ געהיי־בענער, ניט אמת?“

איך דערצייל, אַז יעדער רייסט זיך צו קומען אַהיים.

ער שיסט אויס מיט אַ הילכיקן געלעכטער: „יאָ, יאָ, דאָס גלויב איך אייך! אָבער פֿריער מוזט איר גוט אָנרייבן אַ מאָרדיע דעם פֿראַנצויזל! איר רייכערט? אט, רייכערט אָן. קעלנער, ברענגט פֿאַר אונזער יונגן העלד אַ גלאָז ביר“.

צום באַדויערן האָב איך גענומען די ציגאַר, דעריבער מוז איך בלייבן. אַלע ווערן זיי פּשוט צעשמאָלצן פֿון נחת, קענען דעם איז נישט צו מאַכן. אָבער איך בין דאָך צעריצט און איך פּיפּקע, ווי גיך עס לאָזט זיך נאָר. כּדי כאָטש עפּעס צו טאָן, טרינק איך אויס דאָס גאַנצע גלאָז ביר מיט איין זופּ. תּיכּף באַשטעלט מען פֿאַר מיר נאָך אַ גלאָז; זיי ווייסן, די לייט, ווי זיי מוזן זיך באַגיין

מיט א סאָלדאַט. זיי אַמפּערן זיך וועגן דעם. וואָס מיר זאָלן אָפּנעמען בײַ די שונאים. מער פון אַלעמען וויל דער דירעקטאָר מיטן אײַזערנעם זייגער־קייטל אַפן בויך: ער וויל גאַנץ בעלגיען, די פראַנצויזישע קוילן־געביטן און גרויסע חלקים פון רוסלאַנד. ער גיט אָן וויכטיקע סיבות, צוליב וואָס מיר דאַרפן דאָס אַלץ האָבן, און ער לאָזט זיך בשום־אופן ניט בייגן, ביז די אַנדערע גיבן אים סוף־כּל־סוף נאָך. דעמאָלט הויבט ער אָן אַרויסצוזאָגן זײַן מיינונג, וואו מען דאַרף דורכברעכן דעם פראַנצויזישן פראָנט, און אַגב ווענדט ער זיך אויך צו מיר מיט אַן עצה: „מאַכט שוין אַמאָל א סוף צו אײַער אײַביקן שטיין אַף איין אָרט. טוט זיך אַ ריר. וואַרפט אַרויס די חברה פון זייערע פּאָזיציעס, דעמאָלט וועט קומען דער שלום."

איך ענטפער, אַז לויט אונזער מיינונג איז איצט אַ פראָנט־דורכברייס אוממעגלעך. זיי האָבן דאָרטן צו גרויסע רעזערוון. אַחוץ דעם, זעט די מלחמה בכלל ניט אַזוי אויס, ווי מען שטעלט זיך דאָס פאָר.

ער לאָזט זיך ניט נעמען און באַווייזט, קוקנדיק אַף מיר פון אויבן אַראָפּ, אַז איך פאַרשטיי גאָרנישט אין די ענינים. „דאָס איז נאָר די מיינונג פון יחידים", זאָגט ער, „אָבער דאָ רעדט זיך דאָך וועגן כּלל. איר קאָנט דאָס ניט אַזוי זען. איר זעט נאָר אײַער קליינעם סעקטאָר, און דעריבער האָט איר ניט קיין איבערבליק. איר טוט אײַער חוב, איר שטעלט אײַער לעבן אין קאָן, און דערפאַר קומט אײַך טאַקע אַ גרויסער יישר־כּח — יעדער פון אײַך איז ווערט צו באַקומען דאָס אײַזערנע צלם, — אָבער קודם־כּל מוז דורכגעריסן ווערן דעם שונאס פראָנט אין פלאַנדערן."

ער פּרייכט און ווישט זיך די באָרד. „א תּל מוז פון דעם פראָנט געמאַכט ווערן. און נאָכדעם — מאַרש אַף פּאַריז."

איך וואָלט וועלן וויסן, ווי ער שטעלט זיך דאָס פאָר, און כ'גיס אין זיך אַרײַן אַ דריטע גלאָז ביר. ער הייסט תּיכּף ברענ־גען אַ פּערטע.

אָבער איך הייב זיך אויף. ער פּאַקט מיר אַריין אין קעשענע נאָך עטלעכע ציגאַרן, און מיט אַ פריינטלעכן פּאַטשן אין פּלייצע לאָזט ער מיך אָפּ. „אַלדאָס גוטס! לאָמיר האָפן, אַז אינגיכן וועלן מיר באַקומען צו הערן פון אייך עפּעס רעכטס."

* * *

איך האָב זיך מיין אורלויב אַנדערש פאָרגעשטעלט. פאַראַיאָרן איז ער טאַקע געווען אַנדערש. ווי עס שיינט, האָב איך פאַר דער צייט זיך איבערגעאַנדערשט. צווישן היינט און דעמאָלט ליגט אַ תהום. דעמאָלט האָב איך נאָך ניט געקענט דעם קריג. מיר זיינען געשטאַנען אין רואיקערע מקומות.

היינט מערק איך שוין, אַז איך ווייס גאָר אַליין ניט, אַף וויפיל איך בין צעבראָקלטער געוואָרן. איך געפין דאָ שוין פאַר מיר מער קיין אָרט ניט, ס'איז אַ פרעמדע וועלט. אַנדערע פרעגן, אַנדערע פרעגן ניט, און מען זעט נאָך זייערע פּנימער, אַז זיי פרעגן ניט דערפאַר, ווייל זיי זיינען צו שמאָלץ. אָפטמאָל זאָגן זיי דאָס אַפילו מיט אַ מינע פון מענטשן, וואָס פאַרשטייען אַלץ אַז וועגן דעם איז ניטאָ וואָס צו ריידן. זיי מאַכן דעם אָנשטעל.

בעסער פון אַלץ האָב איך האַלט צו זיין אַליין, קיינער זאָל מיך ניט שטערן. ווייל פון אַלע דיבורים קומט מען שטענדיק נאָר אַף איינס: ווי שלעכט עס איז, און ווי גוט עס איז, איינער געפינט איין אַזוי, דער צווייטער אַנדערש, אָבער שטענדיק קומען זיי באַם שמועס תיכף צו די ענינים, וועלכע בילדן דעם אינטערעס פון זייער אייגענעם לעבן. פריער האָב איך דאָך, בלי-ספק, אויך אַזוי געלעבט, אָבער איצט בינדט מיך מער גאָרנישט דערמיט צונויף.

זיי ריידן צופיל. זיי האָבן אַ וועלט מיט דאגות, צילן, פאַרלאַנגען, און איך קאָן דאָס בשום אופן ניט באַטראַכטן מיט זייערע אויגן. אַנדערעמאָל זיץ איך מיט עמיצן פון זיי אין דעם קליינעם גערטנדל און פרואוו אים אויפצוקלערן, אַז אָט אַזוי

שטיל צו זיצן, דאָס איז איינגעטלעך אַלץ, מער דאַרף מען שוין גאָרנישט. זיי פאַרשטייען דאָס טאַקע, זיינען מסכּים מיט מיר, געפינען דאָס אויך אַיין, אָבער נאָר מיט ווערטער, נאָר מיט ווערטער — זיי נעמען דאָס אויף נאָר אַף אַ העלפט, זייער אמתער מהות איז גאָר אין עפּעס אַנדערש פאַרטיפט, זיי זיינען שוין אַזוי צעטיילט, קיינער נעמט דאָס ניט אויף מיט זיין גאַנץ לעבן; איך גופא קאָן אויך ניט ריכטיק אַרויסזאָגן, וואָס איך מיין.

ווי איך זע זיי אַזוי, אין זייערע שטיבער, אין זייערע קאַנטאָרן, אין זייערע פּראָפעסיעס, ציט דאָס מיך אויך צו זייער שטאַרק, מיר ווילט זיך אויך זיין אין דעם און פאַרגעסן אָן דער מלחמה; אָבער דאָס שטויסט מיך תּיכּף ווייטער אָפּ, דאָס אַלץ איז אַזוי שמאָל, ווי קאָן דען דאָס אויספילן אַ לעבן, ווי קאָן דען דאָס אַלץ אַזוי זיין אין דער צייט, וואָס אַפן פראָנט זשומען די שראַפּנעלן איבער די טרעכטערס, און די ראַקעטעס טאַנצן אונטערן הימל, וואו מען שלעפּט די פאַרוואונדיקטע אַף טראָגבעטלעך, און וואו מיינע חברים ליגן אין די אָקאָפּעס! — דאָ זיינען גאָר אַנדערע מענטשן, מענטשן, וואָס איך פאַרשטיי זיי גאָרניט ריכטיק, וואָס איך בין זיי מקנא און איך פאַראַכט זיי. איך טראַכט כּסדר וועגן קאַט און אַלבערט, און מילער, און טיאַדען, ווער ווייס, וואָס זיי טוען איצט? אפשר זיצן זיי אין דעם זעלנער-קרעטל, אָדער זיי שווימען — באַלד מוזן זיי דאָך שוין גיין צוריק אין פייער.

* * *

אין מיין צימער, לעבן וואַנט, שטייט אַ ברוינער לעדערנער דיוואַן. איך זעץ מיך אַף אים.

פון די ווענט קוקן אַראָפּ פאַרשיידענע בילדלעך, וואָס איך האָב פריער אויסגעשניטן פון זשורנאַלן. צווישן זיי פּאָסט-קאַרטלעך און צייכענונגען, וואָס זיינען מיר געפעלן געוואָרן. אין ווינקל שטייט אַ קליינער אייזערנער אויוועלע. בײַ דער קעגנאיבערדיקער וואַנט שטייט אַן עטאַזשערקע מיט מיינע ביכער.

אין דעם צימער האָב איך געלעבט, איידער איך בין געוואָרן אַ סאָלדאַט. די ביכער האָב איך זיך ביסלעכווייז איינגעקויפט פאַר דעם געלט, וואָס איך האָב זיך אָנפאַרדינט מיט געבן שעהן. אַפילע ביכער האָב איך געקויפט געניצטע, אַלע קלאַסיקער, א שמייגער, יעדער באַנד האָט געקאָסט אַ מאַרק מיט צוואַנציק פעניג, און איז געבונדן אין א שטייפן בלאָען לייַנענעם איינבאַנד. איך האָב געקויפט נאָר פולשטענדיקע אויסגאַבעס, ווייל איך בין געווען גרינטלעך, בּאַ געקליבענע ווערק האָב איך נים געגלויבט די ארויסגעבער, אַז זיי זאָלן טאַקע האָבן אויסגעקליבן דאָס בעסטע פון דעם מחבר. דעריבער האָב איך געקויפט נאָר „אַלע כּתבים.“ געלייענט האָב איך זיי מיט ערלעכער התמדה, אָבער צום גרעסטן טייל האָבן זיי בּאַ מיר נים באַזונדעריש גוּשאַ־חן געווען. אַפולע מער האָב איך געהאַלטן פון די אַנדערע ביכער, די מאָדערנערע, וועלכע האָבן אָבער אויך אסך טייערער געקאָסט. צו עטלעכע פון זיי בין איך אַפילו געקומען אַף א נים ערלעכן אופן, איך האָב זיי געבאָרגט בּאַ עמיצן און צוריק נים אָפּגעגעבן, ווייל איך האָב זיך מיט זיי נים געקאָנט שיידן.

איין פּאָליצע איז פאַרנומען מיט לערן־ביכער. זיי זיינען וויניק געשאַנעוועט און שטאַרק אָפּגענוצט, גאַנצע זייטן פעלן, מען ווייס, פאַרוואָס זיי זיינען ארויסגעריסן. און אונטן ליגן אָנגעפּאַקט העפטן, פּאַפּירן, בריוו, צייכענונגען.

איך וויל זיך אריינלעבן אין יענע צייטן. זיי עטעמען נאָך אין דעם צימער, איך דערפיל דאָס תּיכּף, זיי זיינען איינגעזאַפּט אין די ווענט. מיינע הענט ליגן אַפן אָנשפּאַר פון דיוואַן; איך מאַך זיך באַקוועם און צי אויך אַרוף אינדערהויך די פיס, אַט אַזוי זיץ איך זיך געמיטלעך אין ווינקעלע, אין די אָרעמס פון דעם בּרייטן דיוואַן. דאָס קליינע פענסטערל איז אָפן, דורך איָם זע איך דאָס באַקאַנטע בּילד פון דער גאַס מיטן קירך־טורעם פון וויטן. אַפן טיש שטייען אַ פּאַר בּלומען. פּען־האַלטערס, בּליי־פענעס, אַ ים־שקעטעלע אַרופּצולייגן אַף די פּאַפּירן, דער טינטער — אַלץ, ווי געווען.

אזוי וועט עס אויך זיין, ווען דאס מזל וועט מיר צושפּילן, ווען דער קריג וועט זיך פאַרענדיקן און איך וועל קומען צוריק אַף אַלעמאָל. איך וועל אויך פּונקט אַזוי זיצן און באַקוקן מיין צימער און וואַרטן אַף עפּעס.

איך בין אויפגערעקט; אָבער דאָס איז קענען מיין ווילן, איך טאָר דאָס ניט. איך וויל ווייטער אריבערלעבן יענעם שטילן פאַרכאַפּט־זיין, יענעם העפטיקן דראַנג, פאַר וועלכן ס׳איז גאָר קיין נאָמען ניטאָ, וואָס איך האָב אריבערגעלעבט פריער, בעת איך פלעג צוגיין צו מיינע ביכער. דער פלאַטער פון די וואונטשן, וועלכער איז שטענדיק אויפגעקומען פון די בונטע ביכער־רוקנס, זאָל מיך ווידער איינטוליען, ער זאָל צעשמעלצן דאָס שווערע טויטע שטיק בליי, וואָס ליגט אין מיר. און זאָל מיר ווייטער ברענגען דאָס אומגעדולדיקע וואַרטן אַף דער צוקונפט, זאָל אין מיר פונדאַסני וועקן די שמחה וואָס די געדאַנקען־וועלט רופט אַרויס; — ער זאָל מיר צוריק אומקערן דאָס פאַרלאָרענע שטענדיק־גרייט־זיין פון מיין יוגנט.

איך זיץ און וואַרט.

איך דערמאָן זיך, אַז איך מוז צוגיין צו קעמעריכס מאַמען; מיטעלשטעטן וואָלט איך אויך געדאַרפט באַזוכן, ער איז געווים אין קאַזאַרמע. איך קוק אַרויס פון פענסטער: — הינטער דאָס זון־באַשטראַלטע בילד פון דער גאַס שווימט אויף אין ליכטן פאַרטושטן נעפּל אַ קייט פון בערגלעך, פאַרוואַנדלט זיך אין אַ ליכטיקן האַרבסטיקן טאָג, און איך, זיץ, צוזאַמען מיט קאַט און מיט אַלבערט באַם פייער און מיר עסן געבראָטענע קאַרטאָפל.

איך וויל אָבער וועגן דעם ניט טראַכטן, איך טרייב אָפּ דאָס בילד פון זיך. איך וויל, דאָס צימער זאָל ריידן, עס זאָל מיך אַריינכאַפּן און טראָגן, איך וויל הערן און שפּירן, אַז איך באַלאַנג אַהער, כדי ווען איך קום ווייטער אַפן פראָנט, זאָל איך וויסן: באַלד, ווי נאָר די כוואַליע פון אומקערן זיך אַהיים וועט אָנקומען, וועט דער קריג אונטערגיין און אַוועק אַף אייביק. ער

וועט אונז ניט צעפרעסן, ער האט איבער אונז געהאט נאר אן אויסערלעכע שליטה, אבער ניט מער!

די ביכער-רוקנס שטימען איינער לעבן אנדערן. איך קען זיי נאך גוט, איך געדיינק, ווי איך האב זיי אויסגעשטעלט. איך בעט זיך בא זיי מיט די ווערטער: רעדט דאך צו מיר, — נעמט מיך אויף — נעם מיך אויף, די פריערדיק לעבן, — די זארגלאז, שיין לעבן — נעם מיך אויף פונדאסניי. —

איך ווארט, איך ווארט.

בילדער גייען פארביי, זיי ציען זיך גאר ליכט פארביי, דאס זיינען גאר שאטנס און זכרונות.

מער נישט.

מיין אומרואיקייט וואקסט.

אין מיר קומט פלוצלונג אויף א מוראדיק געפיל פון אפגע-פרעמדקייט. איך קאן ניט געפינען צוריק דעם וועג, איך בין אויסגעשלאסן, וויפיל איך בעט אויך ניט און שטרייב זיך ניט אן, באוועגט זיך קיין זאך ניט, איך זיץ דא אומעטיק און אפגעלאזן, ווי א פארמשפטער, און דער עבר קערט זיך פון מיר אפ. איך שפיר אויך א שטיקל פחד, אים צו שטארק צו באשווערן, ווייל איך ווייס ניט, וואס עס קאן דערפון ארויסקומען. איך בין דאך א זעלנער, און איך טאר דאס ניט פארגעסן.

איך הייב זיך אויף א מידער און קוק ארויס פון פענסטער. נאכדעם נעם איך ארויס א בוך און בלעטער אין אים. אבער איך שטעל דאס באלד אוועק און נעם אן אנדערן. דארט זיינען פאראן אונטערשטרייכלטע ערטער. איך נישטער, בלעטער, נעם נייע ביכער. לעבן מיר ליגט שוין א גאנצער פאק. געשווינד קומען נאך צו — בלעטער, העפטן, בריוו.

אנטשטומט שטיי איך פאר דעם. ווי פאר א בית-דין.

אן מוט.

ווערטער, ווערטער, ווערטער — זיי דערגייען נישט צו מיר.

פאמעלעך שטעל איך די ביכער צוריק אוועק אף זייערע ערטער.

ס'איז פארביי.

שטילערהייט גיי איך ארויס פון צימער.

* * *

אבער איך גיב זיך נאך ניט אונטער. אין מיין צימער גיי איך שוין אפילו מער ניט אַריין, אבער איך טרייסט זיך דערמיט, אז עטלעכע טעג קאנען נאך קיין סוף ניט באטייטן. איך האב נאך — שפעטער — גאנצע יארן אף אומצוקערן דעם עבר. לעת=עתה גיי איך אין קאזארמע צו מיטעלשטעכטן, און מיר זיצן דארטן. די קאזארמע=לופט האב איך ניט ליב, אבער איך בין שוין צוגעוואוינט צו איר.

מיטעלשטעט האָט פאַר מיר אַ נייס, וואָס עלעקטריזירט מיך תיכף. ער דערציילט מיר, אַז קאָנטאָרעק איז צוגענומען געוואָרן אין מיליטער, ווי אַ לאַנדשטורמיסט. „שטעל זיך פאָר," זאָגט ער, און נעמט אַרויס אַ פּאָר גוטע ציגארן, „איך קום פון לאַזאַרעט אַהער און איך טרעף אים דאָ. ער ציט מיר אויס אַנטקעגן זיין לאַפּע און קוואַקעט, ווי אַ פראַש: „זע נאָר, מיטעלשטעט, ווי גייט עס?" — איך קוק אים שטרייננג אָן און ענטפער: „לאַנדשטורמיסט קאָנטאָרעק, דינסט איז דינסט און שנאַפּס איז שנאַפּס, דעם כלל דאַרפט איר בעסער פון עמיצן אַנדערן וויסן. — שטעלט זיך אַוועק שטראַם, בעת איר רעדט מיט אַן עלטערן," — דו האָסט געדאַרפט זען זיין פּנים! אַ ריכטיקע זויערע אוגערקע. ער האָט נאָכאַמאָל אויך געמאַכט אַ פּרוּוו זיך מיט מיר צו חברן. דעמאָלט האָב איך אים נאָך אַ שאַרפערע גאָב דערלאַנגט. צום סוף איז ער אַרויס מיט זיין גרעסטן טרומף און האָט מיר געפרעגט: „האָלט איר שוין אפשר באַם אָפּגעבן אייער נויטווענדיקייט=עקזאַמען?" ער האָט מיך געוואָלט, פאַרשטייסטו, דערמאָנען. דאָ האָט אין מיר אויסגעבראָכן דער צאָרן און איך האָב אים אויך ערמאָנט. „לאַנדשטורמיסט קאָנטאָרעק, פאַר צוויי יאָר אין דער

צייט האָט איר אונז אַזוי פאַרדרשנט, אַז מיר זיינען פּריוווּליק אַוועק אַף מלחמה; צווישן אונז איז אויך געווען יאָזעף בעם, וועלכער האָט שטאַרק ניט געוואָלט גיין. ער איז געפאַלן מיט דריי חדשים פריער, ווי ער האָט אייגנטלעך געדאַרפט אַוועק אין מיליטער. ווען ניט איר, וואָלט ער נאָך אפשר געלעבט. און איצט: מעגט איר גיין. מיר וועלן זיך נאָך אויסריידן." — איך האָב אויסגעפּועלט, אַז איך זאָל ווערן דער לייטענאַנט פון דער ראָטע, וואו ער דינט, און דאָס ערשטע, וואָס כ'האָב געטאָן, איז געווען אים צו פאַרזאָרגן מיט גרויסאַרטיקע בגדים. דו וועסט אים באַלד זען."

מיר גייען אַרויס אין הויף. די ראָטע איז שוין אויסגעשטעלט. מיטעלשטעט באַפעלט פאַרבײַמאַרשירן און באַקוקט יעטווידן.

מיטאַמאָל דערזע איך קאַנטאָרעקן און קוים-קוים, וואָס כ'האַלט זיך איין פון לאַכן. ער איז אָנגעטאָן אין אַ מין שוואַלבן-ראָק פון אָפּגעבליאַקעוועטן בלאָען שטאָף. אין דעם רוקן און אין די אַרבל זיינען אַריינגענייט גרויסע טונקעלע לאַטעס. דעם ראָק האָט פריער געוויס געטראָגן אַ ריז. אָבער ווי גרויס דער אויבער-בגד איז, אַזוי קורץ זיינען די אָפּגעריבענע שוואַרצע הויזן; זיי דערגרייכן אים נאָר ביז צו דער העלפט ליטקע. אָבער די שיך זיינען מאָנומענטאַל גרויס, פאַרהאַרטעוועט, שוין פון מלך סאָבעצקיס יאָרן, מיט הויך-אַרויסגעבויגענע שפּיצן, צו פאַרשנירן פון דער זייט. און דאָס היטעלע ווידער זיינס איז קליין, איז עפּעס באַטערכעט און נעבעכדיק. דער גאַנצער איינדרוק איז מאָרנע-רחמנותדיק.

מיטעלשטעט שטעלט זיך פאַר אים אַפּ: „לאַנדשטורמיסט קאַנטאָרעק, אַט אַזוי פּוצט מען דאָס אויס קנעפּ? ווי עס שיינט, וועט איר די דאָזיקע תורה קיינמאָל ניט באַנעמען. ניט גוט, קאַנטאַרעק, ניט גוט" —

אין זיך ברום איך פון הנאה. פונקט מיט די ווערטער אַז מיט דעם טאָן פלעגט קאַנטאַרעק אויסריידן מיטעלשטעטן אין שול: „ניט גוט, מיטעלשטעט, ניט גוט" —

מיטעלשטעט טאדלט ווייטער: „קוקט זיך צו בעטכערן,
אָט פון אים קאָנט איר זיך באמת אַראָפּנעמען אַ משל, פון אים
קאָנט איר זיך עפּעס אָפּלערנען.”

איך גלויב מיינע אויגן נים. בעטכער איז אויך דא, בעטכער,
אונזער שול=שווייצאר. און ער איז דאָס דער משל! קאנטארעק
ווארפט מיר צו אַ בליק, ווי ער וואָלט מיך געוואָלט אופעסן. איך
קוק אים אָבער אָן מיט אומשולדיקן שפּאָט, אַזוי ווי איך וואָלט
אים גארנים געקענט.

ווי אידיאטיש ער זעט אויס, אין זיין היטעלע און אין זיין
מונדיר! און פאר אַזא מין נפש האָבן מיר דאָס פריער געציטערט'
ווי בלעטער, ווען ער האָט זיך געשטעלט באם קאַטעדער און
האָט געטייטלט מיטן בליי=פעדער בעתן איינחזרן די נים=רעגלמעסיקע
פראנצויזישע צייט=ווערטער, וועלכע האָבן אונז נאָכדעם אין פראנק=
רייך סיי ווי נים גענוצט, וואָס א האָר ווערט איז. דאָס איז דאָך
געווען ערשט מיט צוויי יאָר צוריק, — — און איצט שטייט
דאָ דער לאַנדשטורמיסט קאנטארעק, מיטאמאָל איז פון אים
אַראָפּ דער גאנצער גלאַנץ און כישוף, מיט קרומע קניען
און אָרעמס, ווי הענטלעך פון א טעפּל, מיט נים=אויס=
געפוצטע קנעפּ און אין אַן אומבאהאָלפענער האַלטונג, נים
קיין זעלנער — נאָר אַ פּנים פון חוזק. איך קאָן אים בשום אופן
מער נים צונויפבינדן מיט דאָס שטרייַנגע בילד באם קאַטעדער,
און איך וואָלט טאקע באמת ווען וויסן, ווי איך וואָלט זיך בא=
נעמען, ווען אָט דער לעקיש וואָלט מיך, דעם אַלטן זעלנער, ווי=
טער אַמאָל אויסרופן און זאגן: „באָימער, ווי וועט זיין די פאָרמע
Imparfait פונם צייט=ווארט aller?

מיטעלשטעט נעמט זיך איינלערנען מיט זיינע זעלנער
פעכטן. אין זיין גוטסקייט באשטימט ער קאנטאָרעקן פאַרן אָנ=
פירער פון א גרופע.

דאָס ווערט געטאָן מיט אַ געוויסער כונה. באם פעכטן מוז
דער אָנפירער שטענדיק שטיין אַף אַ מהלך פון צוואַנציק טריט
פון זיין גרופע; — ווען מען גיט אפ דאָס באפעל: זיך אומקערן!

דרייט זיך די גאנצע ליניע זעלנער נאָר אום, אָבער דער אָנפירער וועלכער געפינט זיך שוין איצט מיט צוואַנציק טריט הינטער זיי גרופּע, מוז דעריבער לויפן אין איין אָטעם, כּדי ווייטער צו פאַר־נעמען זיין אָרט צוואַנציק טריט פאַר זיין גרופּע. סך־הכל הייסטן עס, מוז ער בעתן באַפעל דורכלויפן פערציק טריט. אָבער קוים איז ער אָפּגעלאָפן די פערציק טריט, ווערט תיכּף פונדאָסניי אָפּגעגעבן דאָס באַפעל „זיך אומקערן!" און איידער ער האָט זיך נאָך באַוויזן אָפּצושטעמען פון די ערשט־דורכגעלאָפענע פערציק טריט, מוז ער זיך שוין ווייטער אַ לאָז טאָן צוריק. און אַזוי אַרום דרייט זיך די גאַנצע גרופּע געלאַסן אַהין און צוריק, שטענ־דיק אויף איין אָרט, און איר פירער מוז די גאַנצע צייט שמייען אַהין און צוריק, ווי אַ פאַרסמטע מויז. דאָס איז איינער פון הימעלשטאָסעס אויסגעפּרוּווטע קונצן.

קאַנטאָרעק קאָן איינגנטלעך, גאַרניט וואַרטן אויף קיין אַנ־דער באַציאונג צו זיך מצד מיטעלשטעט, ווייל אין שול האָט ער אים גיט איין מאָל געפּייניקט און ניט אַריבערגעהויבן אין דעם העכערן קלאַס. מיטעלשטעט וואָלט געווען אַ גרויסער שוטה, ווען ער וואָלט פאַרן אַוועקגיין אויפן פראָנט, ניט אויסגענוצט די גע־לעגנהייט זיך נוקם צו זיין. עס גייט זיך פּשוט גרינגער אַוועק פון דער וועלט, נאָך דעם, ווי מען האָט זיך פאַרשאַפט אַט אַזאַ מין נחת־רוח.

דערווייל לויפט קאַנטאָרעק אַרום אַהין און צוריק, אַזוי ווי אַ צעשראָקענער און געהעצטער האָז. נאָך אַ היפּשער ווײַלע הייסט מיטעלשטעט אויפהערן, און איצט הייבט זיך אָן דער באַזונדערש וויכטיקער לימוד פון פּויזשן. און האַרט לעבן אונז קריכט אין זאַמד פאַרביי קאַנטאָרעקס פּרעכטיקע געשטאַלט אויף די קניען און עלנבויגנס, שלעפּנדיק מיט זיך זיין ביקס. ער סאָפּעט שטאַרק. און זיין סאָפּן קלינגט, ווי מוזיק.

מיטעלשטעט גיט אים אונטער היץ, און קאַרמעט אָן אויפ־הער דעם זעלנער קאַנטאָרעק מיט די פּראַזעס פון דעם לערער קאַנטאָרעק: „לאַנדשטורמיסט קאַנטאָרעק," זאָגט ער צום פּויזשע־

דיקן זעלנער, „אף אונזער גורל איז אויסגעפאלן דאָס גליק, צו לעבן אין אַ גרויסער צײַט, דעריבער מוזן מיר זיך אַלע אונטער־גאַרטלען און אַריבערלעבן אַפילו דאָס ביטערסטע."

קאַנטאַרעק שפּײַט אַרויס אַ שטיק האָלץ, וואָס איז אים אַריין אין מויל בעתן פּוצן, און ער שוויצט, ווי אַ ביבער.

מיטעלשטעט בויגט זיך צו אים, און טענהט ווײַטער אײַנ־דרינגלעך: „און צוליב קליינקייטן טאָר מען קיינמאָל ניט פאַר־געסן די גרויסע געשעענישן, לאַנדשטורמיסט קאַנטאַרעק!"

מיך נעמט פּשוט אַ חידוש, אַז קאַנטאַרעק טראָגט דאָס אַלץ אַריבער, באַזונדערש אין דער טורן־שעה, וואָס קומט איצט, בעת מיטעלשטעט מאַכט מיט אַלע פּיטשעווקעס נאָך דעם אַמאָ־ליקן קאַנטאָרעק. ער כאַפּט אים פאַרן הינטן, דרײַט אים איבערן קוואָר־שטאַנג, מאַטערט אים, און דערצו שיט ער נאָך אָן אופהער מיט מוסר און מיט לעבנס־חכמות. פונקט דאָסועלביקע האָט קאַנטאַרעק אין פריערדיקע צײַטן געטאָן מיט אים.

נאָך דעם אַלעמען ווערן פאַרטיילט די ווײַטערדיקע אַרבעטן. „קאַנטאָרעק און בעטכער זאָלן גיין אָפּנעמען דאָס ברויט! נעמט מיט דאָס האַנט־וועגעלע!"

אין אַ מינוט אַרום גייט שוין דאָס פּאָרל אַרויס מיטן האַנט־וועגל. קאַנטאָרעק האַלט טיף אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ אין גרויס צאָרן. דער שווייצער איז מלא־שמחה, וואָס ער האָט באַ־קומען אַ לײַכטע אַרבעט.

די ברויט־פאַבריק געפינט זיך אין אַנדער עק שטאָט, אַף אַזאַ אופן מוזן זיי ביידע דורכפאָרן אַהין און צוריק, דורך גאַנץ שטאָט.

„שוין עטלעכע טעג, ווי איך שיק זיי אַהין," חוזקט מיטעלשטעט. „עס זײַנען שוין אַפילו פאַראַן מענטשן, וואָס וואַרטן יעדן טאָג אַף דעם, כדי זיי בײַדן זען צוזאַמען."

„ס'איז גרויסאַרטיק," זאָג איך, „האָט ער זיך דען אָבער נאָך ניט באַקלאָגט?"

„יא, ער האָט געפּרואווט! ווען אונזער קאָמאַנדיר האָט גע־הערט די גאַנצע מעשה, האָט ער זיך געהאַלטן פאַרן בויך לאַכנדיק. ער האָט פיינט מלמדים. אַחוץ דעם, דריי איך זיך נאָך ארום זיין טאָכטער.“

„ער וועט דיר אָנטאָן צרות מיטן עקזאַמען.“

„לאָך זיך אויס,“ ענטפערט מיטעלשטעט געלאַסן. „זיין באַקלאָגן זיך האָט קיין ווירקונג ניט געהאַט אויך צוליב דעם, ווייל איך האָב באַוויזן, אַז איך האָב אים געגעבן אַלין לייכטע מלאכות.“

„קאָנסטו אים ניט ווי געהעריק נעמען אַפן צימבל און אים מאַכן פאַר אַ מענטשן?“ פרעג איך.

„צו דעם איז ער מיר אַ צו גרויסער לעקישי“, ענטפערט מיטעלשטעט מיט אַ מין ברייטקייט און ביטול.

* * *

וואָס איז אַזוינס אורלויב?—דאָס איז מער ניט, ווי אַ ווײלע ליידיקגיין, וואָס נאָך דעם, ווערט נאָך שווערער. שוין איצט מישט זיך אין מיינע טעג אַריין דער אָפּשייד. מיין מאַמעשי קוקט מיך שווייגנדיק אָן;—איך ווייס, אַז זי ציילט די טעג;—יעדן פרימאָרגן איז זי אומעטיק. ווייטער שוין מיט אַ טאָג ווייניקער. זי האָט באַהאַלטן מיין זעלנער־רענצל, זי וויל ניט, ער זאָל איר ברייננגען אַף רעיונות.

ווען מען פאַרטיפט זיך אין געדאַנקען, לויפט די צייט גיך. איך וויקל מיך אַרויס פון די מחשבות, און גיי מיט מיין שוועסטער. זי גייט אין שלאַכט־הויז, כדי דאָרטן צו באַקומען אַ פּאָר פונט ביינער. דאָס איז אַ גרויסע טובה, און פון באַגינען שטייען שוין דאָרטן מענטשן און מען וואַרט. עס טרעפט. אַז מען פאַלט אין חלשות, וואַרטנדיק.

מיר האָבן ניט קיין מזל. נאָכדעם, ווי מיר זיינען דריי שעה אומזיסט געשטאַנען, דערוויסן מיר זיך, אַז קיין ביינער זיינען מער ניט פאַראַן.

נאָך גוט, וואָס איך באַקום מײַן פּאָרציע שפּײַז. איך טראָג עס אָפּ מײַן מאַמען, און מיר האָפּן אַלע עפּעס אין מויל צו נעמען.

אַלץ שווערער ווערן די טעג. מײַן מאַמעס אויגן ווערן אַלץ אומעטיקער. נאָך פיר טעג זײַנען געבליבן. איך מוז אַרײַנגײן צו קעמעריכס מאַמען.

* * *

מען קאָן דאָס גאָרניט באַשרײַבן. די יאָמערנדיקע פרוי, וואָס טרײַסלט מיך און שרײַט: „און פאַרוואָס ביסטו גאַנץ, אַז ער איז טויט?“, ויעלכע גיסט איבער מיך טרערן און טענהט: „און פאַרוואָס זײַט איר בכלל דאָ, אַזעלכע קינדער, ווי איר—“, וועלכע זינקט אין אַ שטול און וויינט: „האָסטו אים געזען? האָסטו אים נאָך געזען? ווי איז ער געשטאָרבן?“

איך זאָג איר, אַז מען האָט אים אַרײַנגעשאָסן אין האַרצן און ער איז תּיכּף געשטאָרבן. זי קוקט מיך אָן, גלויבט ניט: „דו ליגסט. איך ווייס דאָס בעסער. איך האָב געפילט, מיט וואָס פאַר אַ יסורים ער איז געשטאָרבן. איך האָב געהערט זײַן שטים, זײַן טויט־שרעק האָב איך געשפּירט אין די נעכט,—זאָג דעם אמת, איך וויל דאָס וויסן, איך מוז דאָס וויסן.“

„ניין“, זאָג איך, „איך בין געווען דערבײַ בײַ אים. ער איז תּיכּף אויפן אָרט געשטאָרבן.“

איר שטים איז הוילע תּחנונים. זי בעט זיך שטיל: „זאָג מיר אויס. דו מוזט. איך ווייס, אַז דו ווילסט מיך דערמיט טרייסטן, אָבער זעסטו דען ניט, אַז דו פּײַניקסט מיך מיט דעם ליגן נאָך מער, ווי מיטן אמת? איך קאָן ניט אַריבערטראָגן די אומבאַשטימטקייט, זאָג מיר, ווי עס איז פאָרגעקומען, זאָג מיר אַלץ, אפילו דאָס גרויליקסטע. דאָס וועט אַלץ בעסער זײַן ווי דאָס, וואָס איך מוז זיך פאָרשטעלן אין די געדאַנקען.“

איך וועל דאָס ניט זאָגן, זי מעג מיר אפילו האַקן אין קאָפּ. איך האָב אויף איר רחמנות, אָבער זי קומט מיר אויך פאָר

אַ היפּש ביסל נאַריש. קעמערין איז דאָך שוין טויט, אַזוי, אָדער אַזוי,—היינט צוואָס דאַרף זי דאָס ניט אַנדערש וויסן? ווען מען האָט געזען אַזוי פיל טויטע, ווי איך, קאָן מען שוין גאָרניט באַנעמען אַזוי פיל צער און טרערן נאָך איין טויטן. איך זאָג אַביסל אומגעדולדיק: „ער איז תיכף אָפּגעשטאָרבן. ער האָט דאָס אפילו ניט געפילט. זיין פּנים איז געבליבן גאָר רואיק און געלאַסן."

זי שווייגט. נאָכדעם פרעגט זי פּאַמעלעך: „קאָנסטו מיר שווערן, אַז ס'איז טאַקע געווען אַזוי?"

„יאָ."

„באַ אַלץ, וואָס ס'איז דיר הייליק?"

נו יאָ, וואָס איך האָב שוין פאַר הייליקייטן!— זי ביטן זיך באַ אונז זייער גיך.

„יאָ. ער איז תיכף געשטאָרבן."

„וועסט מיר שווערן באַ דיין צוריקקומען פון פראָנט, אַז דו האָסט מיר געזאָגט דעם אמת?"

„גוט, איך זאָל ניט צוריקקומען פון פראָנט, אויב ער איז תיכף אַף אָן אָרט ניט געשטאָרבן."

איך וואָלט מי-יודע-וואָס אַף זיך גענומען. אָבער, ווי עס שיינט, גלויבט זי מיר שוין איצט. זי קרעכצעט און וויינט. איך זאָל איר דערציילן, ווי ס'איז צוגעגאַנגען, און איך טראַכט אויס אַ באָבע-מעשה, אין וועלכער איך אַליין הויב שוין אויך כמעט אָן צו גלויבן.

פאַרן גיין, גיט זי מיר אַ קוש און שיינקט מיר זיין בילד. אַף דעם בילד שטייט ער אין זעלנער-מונדיר, אָנגעשפּאַרט אָן אַ טיש פון ניט-אָפּגעשיילטע בעריאָזע-צווייגן. הינטער אים איז אַ געמאָלענע דעקאָראַציע, וואָס שטעלט פאַר אַ וואַלד. אַפן טיש שטייט אַ ביר-קובל.

* * *

דער לעצטער אָוונט אינדערהיים. אַלע שווייגן. איך לייג זיך פרי אין בעט, איך כאַפּ אַריין די קישנס, דריק זיי פעסט צו

זיך צו, און גראַב איין אין זיי מיין קאָפּ. ווער ווייס, אויב איך וועל נאָכאמאָל ווען ניט־איז ליגן אין אַזאַ פעדער־בעט!

שפּעטער קומט אין מיין צימער אַריין מיין מאַמע, זי מיינט, אַז איך שלאָף, — און איך מאַך זיך טאַקע שלאָפנדיק. עס איז שווער צו ריידן, אויך צו זיין.

זי זיצט כמעט ביז פאַרטאָג, ניט געקוקט, וואָס זי האָט יסורים און וואָס זי בויגט זיך אָפטמאָל אונטער זייער שווערקייט. איך קאָן שוין מער ניט, און איך מאַך דעם אנשטעל, ווי כיוואָלט זיך אויפגעכאַפּט.

„גיי שלאָפן, מאַמעשי, דו וועסט זיך דאָ נאָך פאַרקילן.״

זי זאָגט. „צו שלאָפן האָב איך נאָך גענוג צייט.״

„איך טו זיך אַ הייב. „איך גיי ניט תיכף אַפּן פראָנט, מאַמע. פריער מוז איך אַפּגיין פיר וואָכן אין לאַגער. אפשר וועל איך נאָך אַרויסכאַפּן אַ זונטיק און אַריבערקומען פון דאָרטן.״

זי שווייגט. נאָכדעם פרעגט זי שטיל: „שרעקסטו זיך?״

„ניין, מאַמעשי.״

„איך וויל דיר איינס זאָגן: דו זאָלסט זיך היטן פון די פראַנצויזישע פרויען. זיי זיינען אויסוואורפן.״

מאַמעשי מיינס! פאַר דיך בין איך אַ קינד,—פאַרוואָס זאָל איך ניט ליגן מיין קאָפּ אין דיין שויס און זיך אויסוויינען? פאַרוואָס דאַרף איך דאָס אַלץ זיין דער שטאַרקערער און העלדי־שערער, מיר ווילט זיך דאָך אויך אַמאָל וויינען און געטרייסט ווערן, איך בין דאָך באמת ניט מער, ווי אַ קינד, אין אַלטער הייגנען דאָך נאָך מיינע קורצע אינגלשע הייזלעך — ס'איז דאָך ערשט אַזאַ קורצע צייט אַוועק זינט יעמאָלט, פאַרוואָס איז דען דאָס פאַרביי?

איך זאָג רויִק, ווי גאָר איך בין בכח: „דאָרטן, וואו מיר געפינען זיך, מאַמעשי, זיינען קיין פרויען ניט פאַראַן.״

„און פאַס זיך אויף אַפּן פראָנט, פּויל.״

מאַמעשי, מאַמעשי! פאַרוואָס זאָל איך דיך ניט אַרומכאַפּן אין מיינע אָרעמס, און מיר זאָלן אַזוי ביידע אַפּשטאַרבן. וואָס פאַר אַ ביטער עלנט עס איז אַף אונז ביידן!

„יא, מאמע, דאס וועל איך געווים טאן"
„איך וועל יעדן טאג בעטן גאט פאר דיר, פוילי".
מאמעשי, מאמעשי! לאמיר אוועקגיין פון דאנען, צוריק אוועקגיין צו די אלע פארגאנגענע יארן, ביז אט דאס גאנצע אומגליק וועט שוין מער ניט הויערן איבער אונז, לאמיר זיך אומקערן צוריק צו דיר און צו מיר אליין, מאמע!
„אפשר וועסטו באקומען עפעס אן ארבעט, וואס זאל ניט אזוי פארבונדן זיין מיט סכנה".
„יא, מאמע, אפשר באקום איך ארבעט אין קיך, דאס קאן זייער מעגלעך זיין."
„נעם די ארבעט, קימער זיך ניט וועגן דעם, וואס די אנדערע ריידן—"
„וועגן דעם קימער איך זיך ניט, מאמעשי—"
זי זיפצט. איר פנים איז א ווייסע שיין אין דעם ארומיקן חושך.
„דו מוזט איצט גיין שלאפן, מאמעשי."
זי ענטפערט נישט. איך הייב זיך אוף און לייג איר אריבער איבער די פלייצעס מיין קאלדרע. זי שפארט זיך אן אן מיין ארעם, זי האט יסורים. און אזוי פיר איך זי אוועק. א ווײלע בלייב איך נאך בא איר. „מאמעשי, ווען איך וועל קומען צוריק, מוז איך דיך שוין געפינען א געזונטע."
„יא, יא, מיין קינד".
„איר דארפט מיר ניט שיקן קיין פעקלעך, מאמע. מיר האבן גענוג צו עסן. איך וועט דאס דא בעסער צוניץ קומען."
ווי עלנט זי ליגט אין איר בעט, זי, וועלכע ליבט מיך מער פון אלץ. ווען איך קלייב זיך שוין אוועקצוגיין, זאגט זי גיך: „איך האב נאך צוגעגרייט פאר דיר צוויי פאר אונטערהויזן. ס'איז פון גוטן וואל. אין זיי וועט דיר זיין ווארים. פארגעס נאר ניט, זיי מיטצונעמען."
איך ווייס, מאמעשי, וויפיל דיר איז אויסגעקומען זיך צו דערנידעריקן און ארומצולויפן, כדי צו באקומען די אונטערהויזן. מאמעשי, טייערע מאמע, ווי קאן מען דאס גאר באגרייפן, אז

איך מוז פון דיר אוועק, ווער, אחוץ דיר, האט דען א רעכט אף מיך. דערווייל זיין איך נאך דא. און דו ליגסט דארט. מיר האבן זיך נאך אזוי פיל צו זאגן ,אבער מיר זיינען ניט בכח דאס צו טאן.

„א גוטע נאכט, מאמעשי."

„א גוטע נאכט, מיין קינד."

דאס צימער איז טונקל. עס שוועבט אין אים דער אטעם פון מיין מאמען. דאס טיק-טאק פון זייגער מישט זיך דערמיט צונויף. אין דרויסן, פאר די פענסטער, ווייט א ווינט. די קאשטא-נעס רוישן.

אין פאדער-שטוב שטרויכל איך זיך איבער מיין רענצל, וועלכער ליגט שוין פארטיק פארפאקט, ווייל איך מוז אחעק מארגן גאר פרי.

איך בײס מיין קישן, איך קלעם מיינע פויסטן ארום די אייזערנע שטייגלעך פון בעט. איך האב ניט געדארפט קומען אהער. אפן פראנט בין איך געווען גלייכגילטיק און האפנונגס-לאז; — איצט וועל איך שוין מער ניט קאנען זיין אזוי. איך בין געווען א זעלנער, און איצט בין איך נאר א קנויל יסורים פאר זיך אליין, פאר מיין מאמען, פאר אלץ, וואס איז אזוי ווייטיקדיק, און וואס ציט זיך אן א סוף.

איך האב בשום אופן ניט געטארט גיין אין אורלויב.

.8

איך קען זיי נאך גוט, די באראקעס אינם פעלד-לאגער. דא איז דאס טאדען „דערצויגן" געווארן דורך הימעלשטאסן. איצט אבער קען איך דא קיין איינעם ניט; ווי שטענדיק זיינען שוין אלע אפגעשיקט געווארן, און אף זייער ארט זיינען געקומען נייע. נאר עטלעכע פון די היגע האב איך פריער שוין אויך אזוי אנגבדיק געזען.

דעם זעלנער=דינסט טו איך אָפּ ריין מעכאַניש. די אָוונטן פאַרברייינג איך שטענדיק אין סאָלדאַטן=קלוב. דאָרטן זיינען פאַראַן פאַרשיידענע בלעטער, אָבער איך לייען זיי ניט; עס שטייט דאָ אַ קלאַוויר, אַף וועלכן איך שפּיל מיט גרויס חשק, עס באַדינען אונז צוויי מיידלעך, איינע פון זיי איז גאָר אַ יונגינקע.

דער לאַגער איז אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן דראָטענעם פּאַרקן. אַז מיר קערן זיך אום שפּעט צוריק פון קלוב, מוזן מיר שוין האָבן דורכלאָז=צעטלען. די יעניקע, וואָס זיינען אויפגעטראָגן מיטן פּאַטרול, גייען פאַרשמייט זיך, אַזוי אויך דורך.

מיר מושטירן זיך יעדן טאָג אַפן פעלד, צווישן בעריאָזע=וועלדלעך און בערעלעך=קוסטעס. ווען מען פאָדערט נאָר ניט פון אונז קיין נייסן, וואָלט דאָס נאָך זיין צום דערטראָגן. מיר לויפן, מיר וואַרפן זיך מיטאַמאָל אַנידער, און פון אונזער אָטעם בויגן זיך די שטיינגלעך פון די פעלד=בלימלעך, ווען מען קוקט ליגנדיק זיך צו צום קלאָרן זאַמד, איז ער ריין, ווי אין אַ לאַבאָראַטאָריע, און באַשטייט פון אומצייליקע פּיטשינקע זעמדעלעך. אַ משונהדיקער כח ציט עפּעס איינצוגראָבן אין דעם די האַנט.

שענער פון אַלץ זיינען אָבער די וועלדער מיט זייערע בעריאָזעווע ראַנדן. יעדע רגע בייטן זיי אום זייערע פאַרבן. אָט לייכטן די שטאַמען אין בליענדיק=ווייסן קאָליר, און צווישן זיי שוועבט לופטיק, ווי אַ זיידן=געוועבס, דאָס מילדע גרין פון די בלעטער; — אין אַ מאָמענט אַרום באַקומט אַלץ אַן אַפּאַל=בלאָע פאַרב, וואָס גלימשט זיך זילבערדיק פון דעם ראַנד און פאַרבייט דאָס גרין; — אָבער ווען די זון ווערט פאַרשטעלט דורך אַ וואָלקנדל, ווערט דאָס גאַנצע וועלדל תיכּף פאַרזונקען אין אַ טיפן, כמעט שוואַרצן שאָטן. דער שאָטן גנבעט זיך ווי אַ געשפּענסט אַרום צווישן די שטאַמען, וואָס זיינען איצט גראָ ווי אַש, ער לויפט ווייטער איבער דער לאָנקע, צום האָריזאָנט צו, — און דערווייל שטייען שוין די בעריאָזעס ווייטער ווי יום=טובדיקע פּאַנעם אַף ווייסע שטאַנגען אונטערן רויט=גאָלדענעם פלאַקער פון זייערע, זיך פונדאָסניי פאַרפאַרבנדיקע, בלעטער.

איך פארקוק זיך אָפטמאָל אַף דאָס שפּיל פון דעם צאַרטן ליכט און דורכזיכטיקע שאָטנס, כ'פארקוק זיך אַזוי, אַז איך דערהער כמעט מער ניט די באַפעלן: — ווען מען איז איינזאַם, הויבט מען אָן זיך צו פארטיפן אין דער נאַטור און זי ליב צו באַקומען. און איך האָב דאָ ניט קיין סך באַקאַנטשאַפט, איך וויל דאָס אויך ניט. מען קען צו ווייניק איינער דעם אַנדערן, און ס'בלייבט איבער נאָר צו פלאַפלען און אין די אָוונטן צו שפּילן אין אַן איין-און-צוואַנציק אָדער אין חוזימלעך.

לעבן אונזערע באַראַקעס געפינט זיך אַ גרויס לאַגער פאַר געפאַנגענע רוסן. עס איז אַפילו אָפּגעטיילט פון אונז מיט אַ דראָטפּאַרקן, אָבער די געפאַנגענע געלינגט דאָך זיך אַריבערצוכאַפּן צו אונז. זיי שיינען אַלע צו זיין פחדניש און דערשלאָגן, זיי זיינען כמעט אַלע באַבערדיקט און זיינען גרויס-געוואַקסן; זיי זעען אויס ווי אַנגעשלאָגענע, הכנעהדיקע הינט.

זיי דרייען זיך אַרום אונזערע באַראַקעס און זוכן אין די אָפּפאַל-פּעסער. מען קאָן זיך שוין אויסמעלן, וואָס זיי געפינען דאָרטן. בא אונז איז דאָס עסן זייער קנאַפּ און קודם-כל שלעכט, מיר באַקומען בוריקעס, געקאַכט אין וואַסער און צעשניטן אַף זעקס חלקים, ברודיקע, ניט-אָפּגעשאַבטע מייערלעך; דורכגעפוילטע בולבעס זיינען שוין אַ נאַשעריי, און דאָס בעסטע, וואָס מיר באַקומען, איז אַ שיטערע זופּ פון רייז, אין וועלכער ס'שווימען וואַניט-וואַו אַרום צעבערעקלטע אָדערן פון רינד-פלייש. אָבער זיי זיינען אַזוי שטאַרק צעפּיצלט, אַז מען קאָן זיי גאָר כמעט ניט געפינען.

פארשטייט זיך, אַז ניט געקוקט אַף דעם, ווערט אַלץ אויפגעגעסן. און ווען עמיץ קאָן זיך פארגינען עפּעס אַן אַנדער זאַך צו קויפן, ניט צו עסן די פּוסטע זופּ, שטייען שוין אַרום אים צען אַנדערע, וועלכע וואַרטן נאָר, ער זאָל זיי אַוועקגעבן זיין פּאָרציע. נאָר די רעשטלעך, צו וועלכע מען קאָן שוין מער מיט די לעפלען ניט דערגרייכן, ווערן אויסגעשווענקט און אַרויסגעוואָרפן אין די פּעסער. דערצו וואַרפט מען נאָך אָפטמאָל אַרויס אַ פּאַר שטיקלעך בוריקעס-שאָלעכץ, אַ פארשימלטע ברויט-קאַרקע און כל-ערליי אָפּפאַל.

און צו אָט דעם שיטערן, ברודיקן און פאַסקודנעם וואַסערל רייסן זיך דאָס די געפאַנגענע. זיי שעפּן דאָס אַלץ ושערנע אַרוים פון די עיפּושדיקע פעסלעך און טראָגן דאָס אַוועק אונטער זייערע העמדלעך.

עס איז מאָרגנע, בעת מיר זעען אַזוי גאָענט פון זיך אונזערע שונאים. אַז מען זעט זייערע פּנימער, מוז מען זיך פאַרטראַכטן, דאָס זיינען אַלץ גוטע פוירעשע פּנימער, מיט ברייטע שטערנס, ברייטע נעזער, ברייטע ליפּן, ברייטע הענט, פאַרקאַלטנטע האָר. זיי דאַרפן גיין מיטן אַקער-אייזן, זיי דאַרפן גאָר קאָסיען די פעלדער און קלייבן עפּל פון די בוימער. זיי זעען נאָך אויס גוטמוטיקער פון אונזערע פריסלענדער פויערים.

ס'איז זייער טרויעריק צוצוזען זייערע תנועות, זייער פאַרהונגערטקייט און זייער כסדרדיק בעטלען עפּעס צו עסן. זיי זיינען אַלע אָפּגעשוואַכט, ווייל זיי באַקומען עסן נאָר אַזוי פיל, וויפיל ס'איז נויטיק, כדי נים אויסצוגיין פון הונגער. מיר אַליין באַקומען שוין אויך פון אַ צייט נים אָפּצועסן צו זאַט. זיי קריינקען מיט דעזינטעריע, מיט צעשראָקענע בליקן באַווייזן אונז אַנדערע פון זיי בשתיקה זייערע פאַרבלוטיקטע העמדער. זייערע רוקנס און זייערע קאַרקן זיינען אויסגעקרימט, די קניען זיינען איינגעבויגן, און בעת זיי ציען אויס די האַנט און בעטלען, קוקן זייערע פּנימער קרום פון אונטן אַרויף. זיי בעטלען אַף די עטלעכע טייטשישע ווערטער, וואָס זיי ווייסן, און מיט ווייכע, שטילע באַסשטימען, וועלכע דערמאָנען אָן אַ היימישער שטוב און אָן אַ חאַרימען אויוון.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס ענטפערן זיי נאָך מיט אַ בריק, אַז זיי פאַלן; — אָבער דאָס זיינען נאָר געציילטע. דער גרעסטער טייל אונזעריקע טוט זיי גישט, גייט פאַרביי, און מאַכט זיך גאָרנישט זעענדיק. זיי שטייען אָבער שטאַרק צו מיט זייערע רחמנותדיקע קולות, ווערט מען צאָרנדיק און מען טוט זיי אַ שטויס. זיי וואָלטן לכל-הפּחות נים אַזוי אָנקוקן, — וואָס פאַר אַן אומעדיק עלנט עס קאָן דאָס אַרויסקוקן פון אויגן, פון צוויי קליינינקע אויגעלעך, וועלכע מען קאָן שוין מיט אַ פינגער פאַרדעקן.

אינאָווענט גייען זיי אַריין אין די באַראַקעס און האַנדלען. זיי בייטן אויף ברויט אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגן. אָפטמאָל מאַכן מיר געשעפטן, ווייל זיי האָבן גוטע שטיוול, — אונזערע שטיוול זיינען פּראָסטע. דאָס לעדער פון זייערע כאַליעוועס איז מאָרנע ווייך. די פּויערשע זינדלעך צווישן אונז, וועלכע באַקומען פונדערהיים צוגעשיקט פעטע ביסנס, בייטן מיט די רוסן. דער מקח פון אַ פּאָר שטיוול איז בערך צוויי — דריי ברויטן, אָדער אַ ברויט און אַ מיטל-גרויסער האַרטער טיי-וואורשט.

אָבער כמעט אַלע רוסן האָבן שוין פון לאַנג אויסגעביטן אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. איצט ברענגען זיי צוטראָגן פאַרשיידענע נעבעכדיקע חפצים, און זיי זוכן אויסצובייטן אויף ברויט, שניצערייען און צאַצקעס, וואָס זיי האָבן אויסגעמאַכט פון שראַפּנעל-שפּליטערס און פון שטיקלעך קופּערנע גראַנאַט-רינגען. קלאָר, אַז קיין גרויסע גליקן ברענגען אָט די צאַצקעס ניט איין, און ניט געקוקט אויף דער האַרעוואַניע, וואָס די געפאַנגענע האָבן צוועקגעלייגט אויף דעם, גיבן זיי דאָס אַפּ פאַר אַ פּאָר פּענעצעס ברויט. אונזערע פּויערים זיינען איינגעשפּאַרט און כיטרע בעתן האַנדל. זיי האַלטן אַזוי לאַנג פאַרן רוסנס נאָז דאָס שטיקל ברויט אָדער קעלבאַס, ביז ער ווערט בלאַס פון זשעדנעקייט און ער הויבט אָן ווילד גלאָצן מיט די אויגן, — דעמאָלט איז אים שוין אַלץ איינס. נאָכדעם פאַרפּאַקן אונזערע די מציאות מיט דער גאַנצער גרינטלעכקייט, אויף וועלכער זיי זיינען נאָר מסוגל, נעמען אַרויס זייער גראָבן טאַשן-מעסער, שניידן אָפּ פּאַמעלעך און מיט כוונה פאַר זיך אַ שטיק ברויט פון זייער זאַפּאַס, און דערצו טוען זיי נאָך בא יעדן ביסן אַ רעכטן כיטכע פון דעם גוטן קעלבאַס און פּיכלען, אויף וואָס די וועלט שטייט. עס רעקט פּשוט אויף, בעת מען זעט זיי אַזוי רייבנדיק די סעודה, עס ווילט זיך זיי צעברעכן זייערע פעטע פּרצופים. זעלטן ווען זיי זיינען מכבד מיט עפּעס. מען קאָן זיך צו ווייניק איינער מיטן אַנדערן, כדי אַזוינס צו טאָן.

* * *

איך שטיי אָפּט פּאַטרול בא די רוסן. אין דעם חושך זעט מען זייערע געשטאַלטן, וואָס בלאַנקן אַרום, ווי גרויסע, קראַנקע

באמשאנעס. זיי גייען צו די גראָטעס און לייגן צו זייערע פּנימער, די פינגער דראַפּן זיי אַריין אין די דראַמ־פּעטליעס. אַפּטמאָל שטייט אַזוי א גאַנץ געזעמל. אָט אַזוי עטעמען זיי אַריין דעם ווינט, וואָס בלאָזט פון דעם פעלד און פון די וועלדער.

זיי ריידן גאַר זעלטן, און דעמאָלט אויך נאָר עטלעכע ווערטער. זיי באַציען זיך איינער צום אַנדערן מענטשלעכער, מיר דאַכט זיך אַפילו, אַז ברידערלעכער, ווי מיר. אפשר אָבער איז דאָס נאָר צוליב דעם, ווייל זיי פילן זיך אומגליקלעכער פון אונז. און פאַר זיי אייגנטלעך, איז דאָך שוין דער קריג פאַרענדיקט. אָבער זיצן און וואַרטן אַף דער דעזינטעריע, איז אויך נישט קיין לעבן.

די זעלנער, וואָס זיינען געשטעלט זיי צו היטן, דערציילן, אַז די ערשטע צייט זיינען זיי געווען לעבעדיקער. ווי שוין אין די ערטער, האָבן זיי אַפילו געפּראָוועט מיאוסע שטיק איינער מיטן אַנדערן, און מען האָט זיך דערביי געממיתט מיט מעסערן און פויסטן. איצט זיינען זיי שוין געוואָרן אָפּגעטעמפּט און גלייכגילטיק, זיי האָבן אַפילו אויפגעהערט צו אָנאַנירן, אַזוי אָפּגעשוואַכט זיינען זיי.

זיי שטייען בא די גראַטעס; אַנדערעמאָל, ווען עמיץ שלעפּט זיך אַוועק, פאַרנעמט זיין אָרט תּיכּף אַן אַנדערער. דאָס רוב זיינען זיי שטיל; נאָר ווען נישט ווען, בעט דער אָדער יענער א מונדשטיק פון אַן אויסגערויכערטן סיגאַרעט.

איך זע זייערע טונקעלע געשטאַלטן. זייערע בערד פלאַ־טערן אין ווינט. איך ווייס וועגן זיי גאָרנישט, אַחוץ דעם, וואָס זיי זיינען געפאַנגענע, און דאָס דערשיטערט מיך טאַקע. זייער לעבן האָט פאַר מיך נישט קיין נאָמען און נישט קיין שולד; — אָבער ווען כ'וואָלט געוואוסט וועגן זיי עפּעס מער, ווי מען רופט זיי, ווי זיי לעבן, אַף וואָס זיי האָפן, וואָס זיי מאַטערט, וואָלט שוין מיין דערשיטערונג געהאַט א צוועק און וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רחמנות. איצט אָבער פיל איך אין זיי נאָר דעם ווייטיק פון לעבעדיקע באַשעפענישן, די גרויליקע פאַרביינקטקייט פון לעבן און די אַכזריות פון מענטשן.

לויט א באפעל זיינען אט די שטילע געשטאלטן געוואָרן אונזערע שונאים; און לויט אַ באפעל קאָנען זיי אויך ווערן אונזערע פריינט. ערגעץ אף א טיש האָבן עטלעכע פארשוינען, וואָס מיר קענען זיי לחלוטין ניט, אונטערגעשריבן עפּעס אַ כתב, און צוליב דעם ווערט אף גאנצע יאָרן א ציל פון אונזער לעבן דוקא אָט דאָס, צו וואָס מענטשן באציִען זיך אין אן אנדער צייט מיט דער גרעסטער פאראכטונג, און וואָס זיי באַשטראָפן מיט דער גרעסטער שטראָף. ווער קאָן דען דאָ נאָך מאכן אַ חילוק צווישן פריינט און שונאים, בעת מען זעט אָט די מענטשן מיט די קינדישע פנימער און מיט די פאטריארכן-בערד! יעדער אונטער-אָפיציר איז א גרעסערער שונא דעם רעקרוט, און יעדער לערער האָט מער פיינט זיין שילער, ווי זיי אונז. אָבער ניט געקוקט אַף דעם, ווי נאָר מען וואָלט זיי באפרייט, וואָלטן זיי ווייטער געשאָסן אַף אונז, און מיר אף זיי.

איך דערשרעק זיך; דאָ טאָר איך שוין מער ניט טראַכטן דער וועג פירט אין תהום. ס'איז נאָך ניט געקומען די צייט דערצו; אָבער איך וויל דעם געדאנק ניט אָנווערן, איך וויל אים בא זיך באהאלטן, איינשליסן אין זיך, ביז צו דער מלחמה וועט נעמען א סוף. דאָס הארץ קלאַפּט מיר: איז דאָס טאקע דאָס גרויסע ציל, וואָס מען דערגרייכט נאָר איינמאָל אין לעבן, וועגן וועלכן איך האָב אזוי פיל געטראכט, ליגנדיק אין שוץ-גראָבן. דאָס, וואָס איך האָב באטראכט, ווי די איינציקע לעבנס-מעגלעכקייט נאָך אָט דער גרויסער מפּלה פון אלץ, וואָס מענטשלעך איז, איז דאָס א שליחות פאַר דאָס שפּעטערדיקע לעבן, אַ שליחות, וואָס זאָל אויסקויפן די אַלע גרוויליקע יאָרן?

איך נעם ארויס מיינע סיגארעטן, צעברעך יעדע פון זיי אַף העלפט און צעטייל זיי צווישן די רוסן. זיי פארבויגן זיך פאַר מיר און רויכערן זיי אָן. אַף עטלעכע פנימער פלאַמען איצט אוף רויטע פונקטן. זיי זיינען פאַר מיך א טרייסט, זיי זעען אוים ווי קליינע פענסטערלעך אין טונקעלע דאָרפישע הייזעלעך,

וועלכע דערציילן מיט זייער ליכט, אַז הינטער זיי זיינען פֿאַראַן צימערן, פֿול געמיטלעכער באַהעלטעניש.

* * *

די טעג גייען. אין אַ געפֿלדיקן פֿרימאָרגן באַגראָבט מען ווייטער אַ רוסן; כמעט יעדן טאָג שטאַרבט עמיץ פֿון זיי. בעת מען איז אים מקבר, שטיי איך גראָד פּאַטרול. די געפֿאַנגענע זינגען אַ כאָראַל, עס זינגען אַ פֿולע שטימען, און עס קלינגט אַפֿ גאָרניט ווי מענטשן וואָלטן דאָס געזונגען, נאָר ווי דאָס וואָלט געשפּילט אַן אָרגל ערגעץ ווייט אין פֿעלד.

די באַגרעבעניש געדויערט ניט לאַנג.

אינאָוונט שטייען זיי ווייטער בײַ די גראַטעס, און דער ווינט פֿון די בעריאָזע־וועלדער גרייכט צו זיי. די שטערנס פֿינק־לען קאַלט.

איך קען איצט עטלעכע פֿון זיי, וואָס קאָנען זיך גאַנץ גוט צוזאַמענרײדן אַף טײַטשיש. צווישן זיי איז פֿאַראַן אַ כלי־זמר, ער דערציילט, אַז ער איז געווען אַ פֿידלער אין בערלין. ווען ער הערט, אַז איך שפּיל אביסל קלאַוויר, ברענגט ער זײַן פֿידל און שפּילט פֿאַר מיר.

די אַנדערע זעצן זיך און שפּאַרן זיך אָן מיט די רוקנס צו די גראַטעס. ער שטייט און שפּילט, אָפֿט באַקומט זײַן פּנים יענעם פֿאַרלאָרענעם אויסדרוק פֿון די שפּילער, בעת זיי מאַכן צו די אויגן, נאָכדעם באַוועגט ער זײַן פֿידל צום טאַקט און קוקט מיך אָן מיט אַ שמייכל.

ער שפּילט געוויס פֿאָלקס־לידער; ווײַל די אַנדערע מרו־קענען מיט. זיי זעען אויס ווי טונקעלע בערגלעך, וואָס ערגעץ אונטער זייער אויבערפֿלאַך זשומט עס. איבער די בערגלעך הייבט זיך די פֿידל, ווי אַ שלאַנקע מיידל, איר געשטאַלט איז ליכטיק און איינזאַם. דאָס געזאַנג הערט אויף, און עס בלײַבט נאָר די שטים פֿון פֿידל — אין דער נאַכט טיילט זי זיך אויס אַזוי דין, בדי זי צו הערן, מוז מען האַרט דערבײַ שטיין, אין אַ צימער

וואָלט דאָס בעסער געקלונגען; — דאָ אין דרויסן קומט אוף אַן אומעט, בעת מען הערט זי אַזוי אַליין אַרומבלאָנדזשענדיק.

* * *

די זונטיקס לאָזט מען מיך ניט אָפּ, ווייל איך בין אָקאַרשט געקומען פון אַ גרעסערן אורלויב. אין דעם לעצטן זונטיק פאַר מיין אָפּפאָר באַזוכן מיך מיין פאָטער און מיין עלטסטע שוועסטער. דעם גאַנצן טאָג זיצן מיר אין זעלנער־קלוב. וואוהין זאָלן מיר דען גיין, אין באַראַק ווילן מיר ניט בלייבן. שפּעטער גייען מיר זיך אויס איבערן פעלד.

דאָס זיינען געמאַטערטע שעהן; מיר ווייסן גאָרניט, וועגן וואָס מיר זאָלן אָנהויבן ריידן. מיר ריידן וועגן דער מאַמעס קרענק. ס'איז שוין קיין סוד ניט, אַז ס'איז קרעבס, זי ליגט שוין אין שפּיטאָל און וועט באַלד געשניטן ווערן. די דאָקטוירים האָפן אַפילו, אַז זי וועט ווערן געזונט, אָבער מיר האָבן נאָך ניט געהערט, מען זאָל זיך אויסהיילן פון אַ קרעבס.

„וואו ליגט זי דען?“ פרעג איך.

„אין לואיזן־שפּיטאָל,“ זאָגט מיין פאָטער.

„אין וועלכן קלאַס?“

„אין דריטן. מיר מוזן אויסוואַרטן, וואָס די אָפּעראַציע וועט קאָסטן. זי האָט אַליין געוואָלט ליגן אין דריטן. דאָרטן וועט איר זיין היימלעכער, זאָגט זי. עס קאָסט אויך אַסך ביליקער.“

„זי ליגט דאָרטן מיט אַזוי פיל קראַנקע צוזאַמען. ווער ווייס, אויב זי קאָן שלאָפן אין די נעכט.“

מיין פאָטער איז מסכּים מיט מיר. זיין פּנים איז אויסגעמאַטערט און צעקנייטשט. מיין מאַמע האָט זייער לאַנג געקרענקט; אין שפּיטאָל איז זי אַפילו געגאַנגען נאָר איצט, אין דער לעצטער רגע, אָבער איר קרענק האָט אונז אַסך געלט אָפּגעקאָסט, און מיין פאָטער האָט זיך מקריב געווען.

„ווען איך וואָלט נאָר געוואוסט, וויפיל די אָפּעראַציע וועט קאָסטן,“ זאָגט ער.

„האט איר דען ניט געפרעגט?"

„מען קאן דאך ניט פשוט שטעלן אזא פראגע — מען קאן דערמיט איינערגערן דעם דאקטאר, און דאס טויג ניט, ווייל ער מוז דאך אפעריר̄ן דער מאמען."

אט אזוי זיינען מיר, טראכט איך מיט ביטערניש, אט אזוי זיינען די ארימעלייט. זיי האבן ניט די העזה זיך נאכצופרעגן אפן מקח, און זיי גייען גיכער איין אף פיינלעכע ספיקות, אבער פאר די יעניקע, וועלכע דארפן דאס ניט טאן, פאר זיי איז זעלבסטפארשטענדלעך פריער צו פרעגן אפן פרייז. אף זיי וועט שוין דער דאקטאר ניט זיין ברוגז.

„אחוץ דעם, זיינען די פארבאנדן אויך אזוי טייער", זאגט מיין פאטער.

„גיט דען די קראנקען-קאסע ניט צושטייער", פרעג איך.

„די מאמע קריינקט שוין צו לאנג".

„האט איר דען עפעס געלט?"

ער שאקלט מיטן קאפ. „ניין. אבער איך האב איצט ווייטער א מעגלעכקייט צו ארבעטן איבער-שעהן."

איך וויים: ער וועט ביז צוועלף באנאכט שטיין באם טיש און קנייטשן און קלעפן און שניידן. אום אכט אזייגער וועט ער כאפן א פאר ביסנס פון יענער שוואכער קעסט, וואס זיי באקומען לויט קארטן. נאכדעם וועט ער איינגעמען א פראשעק קעגן קאפווייטיק און וועט זיך ווייטער נעמען צו דער ארבעט.

כדי אים א קאפעטשקע אויפצומונטערן, דערציייל איך אים עטלעכע מעשות, וואס פאלן מיר גראד איין אין קאפ, זעלנער-גלייבווערטעך און קאטאוועסלעך וועגן גענעראלן און פעלדפעבלס, וואס מען האט זיי אפגעטאן שפיצלעך.

נאכדעם פיר איך זיי ביידן אפ צום וואקזאל. זיי לאזן מיר איבער א באנקע איינגעמאכץ און א פעקל פאמפעשקעס, וואס די מאמע האט נאך אויסגעבאקן פאר מיך.

נאכדעם פארן זיי אפ, און איך גיי צוריק אוועק.

אינאָווגט באַשמיר איך אַ פּאַמפּעשקע מיט מאַרמעלאַד און עס. איך געפין אין דעם קיין טעם נים. איך גיי אַרויס פון באַראַק, כדי צו פאַרטיילן די פּאַמפּעשקעס צווישן די רוסן. נאָכדעם דערמאָן איך זיך, אַז די מאַמע האָט זיי געבאַקן מיט אירע אייגענע הענט, און אַז זי האָט נאָך אפשר געהאַט וויטיקן, בעת זי איז געשטאַנען באַם הייסן פּליט. איך לייג דאָס פּעקל צוריק אַריין אין מיין רענצל און נעם דערפון אַרויס נאָר צוויי שטיק פאַר די רוסן.

9

מיר פאָרן עטלעכע טעג. אויפן הימל באַווייזן זיך די ערשטע פליִערס. עס ציען זיך פאַרביי טראַנספּאָרט־צוגן. האַרמאַטן, האַרמאַטן. מיר גייען אַריבער אין דעם פעלד־אייזנבאַן. איך זוך מיין פּאָלק. קיינער ווייס ניט, וואו ער געפינט זיך. איך בלייב ערגעץ איבערנעכטיקן. אינדערפרי באַקום איך ערגעץ פּראָוויאַנט און פאַרנעפּלטע אָנווייזונגען. און אַזוי, שלעפּנדיק אויף זיך דאָס רענצל און דעם ביקס, לאָז איך זיך ווייטער אין וועג.

ווען איך קום אָן, איז שוין אין דעם צעשאָסענעם פּלאַץ קיינער פון אונזעריקע מער ניטאָ. איך דערוויס זיך, אַז מיר זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַוועגלעכער דיוויזיע, וועלכע ווערט אַריבערגעהייבן אומעטום, וואו נאָר עס שמעקט מיט פּולווער. מען קאָן ניט זאָגן, אַז די ידיעה זאָל מיך שטאַרק דערפרייען. מען דערציילט מיר וועגן גרויסע אָנווערן, וואָס מיר זאָלן האָבן געהאַט. איך פרעג זיך נאָך אויף קאַט און אַלבערט. קיינער ווייס גאָרנישט וועגן זיי.

איך לאָז זיך ווייטער זוכן און בלאָנדזשע אַרום, דאָס איז אַ מאָדנער געפיל. שוין אין משך פון עטלעכע נעכט ליג איך אויפן פרייען פעלד, ווי אַן אינדיאַנער. צום סוף באַקום איך שוין זיכערע ידיעות און איך דערשיין אין דער קאַנצעלאַריע פון מיין אָפּטייל.

דער פעלדפעבל לאָזט מיך דאָ איבער. די ראַטע וועט קומען אהער אין צוויי טעג אַרום. דעריבער לוינט זיך שוין ניט מיר נאכצושיקן. „ווי איז עס געגאַנגען אין אורלויב?" פרעגט ער.
„שיין, שיין, האַ?"
„טיילווייז", זאָג איך.
„יאַ, יאַ", זיפצט ער זיך אָפּ. „ס'וואלט גוט געווען, ווען מען זאל ניט דארפן צוריק אַוועק. די צווייטע העלפט פון אורלויב ווערט שוין פארביטערט צוליב דעם."

איך דריי זיך אַרום אָן אַרבעט, ביז די ראַטע קומט אָן. די סאָלדאַטן זיינען גראָ, שמוציק, פאַרדראָסיק, כמורנע. איך שטופּ זיך צווישן זיי אריין, איך נישטער מיט די אויגן, דאָ איז טיאדען, דאַרטן שטייט מילער און פרייכט, אָט זיינען אוועק קאט און קראָפּ. מיר לייגן אונזערע שטרוי־זעק אויס איינער באַם אנדערן. אַז איך קוק זיי אָן, פיל איך זיך עפּעס שולדיק לגבי זיי, אָבער איך האָב דאָך גאַרניט קיין גרונט דערצו. פאַרן שלאָפן גיין, נעם איך אַרויס די נאָכגעבליבענע פּאַמפּעשקעס און איינגעמאכץ, כדי זיי זאָלן אויך פאַרזוכן דעם טעם דערפון.

די ביידע אויבערשטע זיינען שוין אַביסל באַדעקט מיט שימל, מען קאָן זיי נאָך אָבער עסן. איך נעם זיי פאַר זיך, און די פרישערע גיב איך אַוועק קאט און קראָפּ.

קאט קייט און פרעגט: „דאָס איז אַוודאי פון דער מאַמען?"
איך גיב צו.
„זיי זיינען באַמעמט", זאָגט ער, „מען דערפילט דאָס מאַקע תיכף."
מיר ווילט זיך וויינען. איך דערקען מער ניט זיך אַליין. אָבער עס וועט שוין ווערן בעסער, דאָ, מיט קאט און אַלבערט און די איבעריקע, וועט שוין אַנגיין. איך באַלאַנג אהער.

„דו האָסט מזל", שעפּטשעט מיר קראָפּ באַם איינשלאָפן, „מען זאָגט, אַז מיר גייען קיין רוסלאַנד."
קיין רוסלאַנד. דאַרטן איז שוין מער ניטאָ קיין מלחמה.

פונדערוויטן דונערט דער פראנט. די ווענט פון די באראַקעס ציטערן.

* * *

מען נעמט אונז ריכטיק אין דער ארבעט. איין אויסרוף קומט נאכן אנדערן. מען באקוקט אונז פון אלע זייטן. אונזערע צעריסענע בגדים ווערן אומגעביטן אף נייע. איך כאַפּ דערביי אַן אויסגעצייכנטן נייען רעקל, באַ קאַטן, פארשטייט זיך, בלייבט א פולשטענדיק נייע אויסמונדירונג. עס קומט אוף א קלאַנג, אַז ס'איז שוין שלום. אָבער, עס גלויבט זיך מער אין דער אַנדער סברה: אז מיר ווערן אפגעשיקט קיין רוסלאנד. אבער צוואוואס דארפן מיר האבן פאר רוסלאנד בעסערע בגדים? צום סוף קומט ארויס דער אמת: דער קיסר קומט אונז. באקוקן. דערפאר האט מען זיך גענומען אונז אזוי פיל מושטירן.

אין משך פון אַכטאָג האָט עס אויסגעזען באַ אונז, ווי אין אַ רעקרוטן־קאַזארמע, אַזוי טיכטיק האָבן מיר געמוזט אַרבעטן און זיך מושטירן. אַלע זיינען פארדראָסיק און נערוויז, ווייל דער קאַפּ ליגט אונז גאָר ווייניק אין דעם שטאַרקן פוצן זיך און אין די פאַראַד־מאַרשן. אַזעלכע זאַכן ערגערן דעם סאָלדאַט נאָך מער, ווי די אקאפּע.

ענדלעך איז געקומען די רגע. מיר שטייען שטראַם, און דער קיסר גייט פאַרביי. מיר זיינען זייער נייגעריק צו זען, וואָס פאַר א פּנים ער האָט. ער גייט דורך די גאַנצע שורה, און איך בין, אייגנטלעך, אַביסל אנטוישט: ווערליק די בילדער, האָט ער מיר געשיינט צו זיין העכער און מעכטיקער, קודם־כל — מיט א דונערדיקער שטים.

ער טיילט פאַנאַנדער אייזערנע צלמימלעך און וואַרפט זיך איבער אַ וואָרט מיט דעם און מיט יענעם.

מען לאָזט אונז אָפּ.

נאָכדעם שמועסן מיר צווישן זיך. טיאַדען זאָגט פאַרחידושט: „דאָס איז דאָך שוין דער העכסטער פון אַלעמען. פאַר אים מוז

דאָך יעדער איינער שטיין אין פראָנט, אָן אויסנאַם! ער פאַר־טראַכט זיך: „הינדענבורג אַליין שטייט דאָך אוודאי אויך פאַר אים, האַ?"

„געוויס", באַשטעטיקט קאַט.

טיאַדען איז נאָך ניט פאַרטיק. ער קלערט לאַנג, און נאָכדעם פרעגט ער: „און ווי איז מיט אַ קעניג? ער מוז אויך שטיין שטראַם פאַר אַ קיסר?"

קיינער ווייס דאָס ניט באַשטימט, אָבער מיר האַלטן, אַז ס'איז ניט אַזוי. זיי זיינען ביידע אַזעלכע הויכגעשטעלטע לייט, אַז צווישן זיי קאָן שוין גאָר מער קיין רייד ניט זיין וועגן שטיין שטראַם.

„וואָס בריסטו דאָרטן אויס פאַר אַ שטותים", זאָגט קאַט. „דער עיקר איז דאָך, אַז דו אַליין מוזט שטיין שטראַם, און וועגן אַנדערע זאָלסטו זיך ניט זאָרגן."

אָבער טיאַדען איז אינגאַנצן ווי פאַרפלאָכטן אין אַ ראָ־מאַנטישער נעץ. זיין שטענדיק טרוקענע פאַנטאַזיע האָט זיך איצט פאַנאַנדערגעגאַרטלט. „איך קאָן דאָס בשום אופן ניט באַגרייפן", טענהט ער, „אַז אַ קיסר זאָל אויך גיין אין בית־הכסא, פונקט ווי איך."

„אין דעם קאָנסטו גאַנץ זיכער זיין", לאַכט קראָפּ.

„בקיצור, טיאַדען, איך זע, אַז דו ביסט משוגע", זאָגט קאַט, „אַ לויז איז דיר אַריינגעקראָכן אין מח; לויף דו נאָר אַליין וואָס גיכער אין בית־הכסא, כדי דו זאָלסט באַקומען אַ קלאָרן קאָפּ און ניט ריידן, ווי אַ חדר־אינגל."

טיאַדען פאַרשווינדט.

„איין זאַך וואָלט איך אָבער געוואָלט וויסן", הויבט אַלבערט אָן צו ריידן, „אויב ס'וואָלט געווען אַ מלחמה אויך דעמאָלט, ווען דער קיסר וואָלט געזאָגט ניין."

„געוויס וואָלט געווען", זאָג איך, — „ער האָט דאָך אינאָנהויב טאַקע ניט געוואָלט."

„נו, גוט, אויב ניט ער אַליין, וואָלט אָבער אפשר דאָך

דערצו ניט געקומען, ווען אַ צוואַנציק, דרייסיק מאַן אין גאַר דער וועלט וואָלטן זיך איינגעשטעלט.״

„דאָס יאָ״, גיב איך צו, „אָבער זיי האָבן דאָס גראָד גע־וואָלט.״

„עס איז באמת אַ קאָמעדיע, בעת מען טראַכט זיך אין דעם אַריין״, זאָגט קראָפּ ווייטער, „מיר זיינען דאָך דאָ, כדי צו פאַרטיידיקן אונזער פאָטערלאַנד. אָבער די פראַנצויזן זיינען דאָך דאָ אויך כדי צו פאַרטיידיקן זייער פאָטערלאַנד. ווער איז איינג־לעך דער גערעכטער?״

„אפשר זיינען ביידע גערעכט״, זאָג איך, און איך גלויב אַליין ניט אין מיינע רייד.

„לאָמיר זאָגן, אַז ס׳איז טאַקע אַזוי״, וויל מיך אַלבערט צושפּאַרן צום וואַנט, „אָבער אונזערע פּראָפעסאָרן און די גלחים און די בלעטער טענהן דאָך אין איין קול, אַז נאָר מיר זיינען די גערעכטע, און האָפנטלעך, וועט זיך דאָס טאַקע אַזוי אַרויס־ווייזן; — אָבער די פראַנצויזישע פּראָפעסאָרן און גלחים און בלעטער שרייען ווידער, אַז נאָר זיי זיינען גערעכט, איז ווי וועט דאָס טאַקע זיין דערמיט?״

„דאָס ווייס איך ניט״, זאָג איך, „ווי עס זאָל אָבער ניט זיין — די מלחמה בושעוועט און עס שטייען כסדר צו איר צו אַלץ נייע מלוכות.״

טיאַדען קומט ווייטער אָן. ער איז נאָך אַלץ האָפערדיק און ער מישט זיך תיכף אַריין אין דעם שמועס. קודם־כל וויל ער וויסן, ווי אַזוי עס קומט בכלל צו אַ מלחמה.

„דאָס רוב הויבט זיך דאָס אָן דערמיט, וואָס איין לאַנד באַליידיקט שטאַרק די אַנדערע״, ענטפערט אַלבערט מיט אַ מינע פון אַן עלטערן.

טיאַדען מאַכט זיך דאָס אָבער ניט באַגרייפנדיק. „אַ לאַנד? דאָס פאַרשטיי איך ניט. אַ דייטשער באַרג קאָן דאָך ניט באַ־ליידיקן קיין פראַנצויזישן באַרג. אָדער אַ טייך, אָדער אַ וואַלד, אָדער אַ פעלד.״

„ביסטו טאַקע אַזאַ גולם, אדער די מאַכסט זיך נאַריש" בורטשעט קראַפּ. „איך מיין דאך דאס ניט אַזוי. איין פאָלק באַליידיקט דאס אַנדערע" —

„אויב אַזוי, האָב איך דאָ ניט וואָס צו טאָן", ענטפערט טיאָדען, „איך פיל זיך לחלוטין ניט באַליידיקט."

„מען קאָן דען מיט דיר ריידן, ווי מיט אַ מענטשן, די פערדישער מח?", ווערט קראַפּ ברוגז. „וועגן דעם אויב דו ביסט באַליידיקט, אדער ניט, פרעגט דיר דאך קיינער ניט."

„אויב אַזוי, קאָן איך דאך געוויס גיין אַהיים", שפּאַרט זיך טיאָדען איין, און אַלע לאַכן זיך פונאַנדער.

„בהמה איינע, דאס מיינט מען דאך דאס פאָלק, ווי אַ גאַנצן כלל, דאס מיינט מען די מלוכה" — שרייט מילער.

„מלוכה, מלוכה" — טיאָדען טוט אַ ביטולדיקן קנאַק מיט די פינגער און פינטלט ביטערע צו — פעלד־זשאַנדאַרן, פאָליציי, שטייערן, אַט דאס איז אייער מלוכה. אויב דו מיינסט טאַקע דאס, קומט דיר דאך אַדאַנק אין נאָז."

„אמת", זאָגט קאַט, „דאס ערשטע מאָל האָסטו געזאָגט אַ ריכטיקע זאַך, טיאָדען. מלוכה און היימלאַנד, צווישן די ביידע זאַכן איז אַ גרויסער חילוק."

„אָבער זיי האָבן דאך אַ נאָענטע שייכות איינער צום אַנדערן", מיינט קראַפּ. „קיין היימלאַנד אָן אַ מלוכה איז דאך ניט פאַראַן."

„דו ביסט גערעכט, אָבער דערמאָן זיך, אַז מיר אַלע זיינען דאָך גאָר פּשוטע מענטשן. און אין פראַנקרייך זיינען דאָך ס׳רוב מענטשן אויך אַרבעטער, בעלי־מלאכות אָדער קליינע אָנגעשטעלטע. פאַרוואָס אייגנטלעך זאָל אַ פראַנצויזישער שלאָסער אָדער שוסטער אונז וועלן טאָן שלעכטס? ניין, דאָס זיינען נאָר די רעגירונגען. ביז איך בין געקומען אַהער, האָב איך נאָך קיינמאָל קיין פראַנצויז אין די אויגן ניט געזען, און מיט דעם גרעסטן טייל פון די פראַנצויזן איז אויך מסתמא דאָס זעלבע. באַ זיי פרעגט מען פונקט אַזוי וויניק, ווי באַ אונז."

„איז פאַרוואָס האַלט מען בכלל מלחמה?“ פרעגט טיאַדען.
קאַט קוועטשט מיט די פּלייצעס. „ס'זיינען בלי־ספק פאַראַן מענטשן, וועמען דער קריג לוינט זיך.“

„נו, איך באַלאַנג געוויס ניט צו די־ אָ,“ לאַכט טיאַדען ביטער.

„דו ניט, און קיינער ניט פון אונז.“

„ווער דען?“, שטייט טיאַדען צו. „דעם קיסער ברענגט ער דאָך אויך ניט קיין נוצן. אים פעלט דאָך סיי־ווי גאָרנישט.“

„זאָג דאָס ניט,“ קלערט אים קאַט אויף, „קיין מלחמה האָט ער נאָך ביז איצט ניט געהאַט. און יעדער חשובערער קיסר מוז פירן לכל־הפּחות כאָטש איין קריג, אַניט ווערט ער ניט באַרימט. טו נאָר אַ קוק אין דיינע שול־ביכער.“

„גענעראַלן ווערן אויך באַרימט דורך מלחמות,“ זאָגט דעטערינג.

„נאָך באַרימטער פון די קיסרים,“ באַשטעטיקט קאַט.

„געוויס זיינען נאָך אין דעם אַריינגעמישט אַנדערע פאַר־שוינען, וואָס ווילן אַרויסשלאָגן ריוח פון קריג,“ וואָרטשעט דעטערינג.

„מיר דאַכט, אַז גיכער ווי אַלץ איז דאָס אַ מין קרענק,“ זאָגט אַלבערט. „קיינער וויל ניט קיין מלחמה, און מיטאַמאָל פּלאַצט זי דאָך אַרויס. מיר האָבן דעם קריג ניט געוואָלט, די אַנדערע טענהן דאָסגלייכן — און ניט געקוקט אױף דעם אַלעמען, איז אַ האַלבע וועלט פאַרוויקלט אין דעם.“

„ווי האַקן אָבער מער שקרים, ווי מיר,“ זאָג איך. „דער־מאָנט זיך נאָר אָן די פלוג־בלעטלעך, וואָס די געפאַנגענע האָבן געהאַט בא זיך ווי דאָרטן איז געזאָגט געוואָרן, אַז מיר פרעסן בעלגישע קינדער. מען האָט געדאַרפט אויסהיינגען אָט יענע, וואָס שרייבן אַזעלכע זאַכן. זיי זיינען דאָס די אמתע שולדיקע.“

מילער הייבט זיך אויף. „יעדנפאַלס איז בעסער, וואָס די מלחמה קומט פאַר דאָ, קוקט נאָר אָן די חרובע און צעריסענע פעלדער!“

„דאָס איז אמת," גיט אים טיאַדען געדעכט. „אָבער נאָך בעסער וואָלט געווען, ווען ס'וואָלט גאָר ניט געווען קיין קריג."

ער גייט אַוועק שטאָלץ, ווייל ער האָט ווי נויטיק איז, איינ־געקנעלט מיט אונז, מיט די געבילדעטע.

אַלבערט לייגט זיך צו אין גראָז און זאָגט פאַרדראָסיק: „בעסער איז שוין גאָרניט צו ריידן וועגן דעם גאַנצן ענין."

„מיטן ריידן וועלן מיר מיי־ווי גאָרנישט אויספירן," גיט אויך קאַט צו.

ווי אַ צוגאָב צו אונזערע צרות מוזן מיר נאָך צוריק אָפּ־געבן אונזערע נייע בגדים און צוריק אַרופשלעפּן אויף זיך די פאַרטשאַבעטע שמאַטעס. די גוטע בגדים זיינען נאָר געווען פאַר פּאַראַד.

* * *

אָנשטאָט רוסלאַנד, טרייבט מען אונז ווייטער אויף פראָנט. אויף אונזער וועג גייען מיר דורך אַ שיטערן וועלדל מיט צעשאָ־סענע בוימער און מיט צעריסענער ערד. אין עטלעכע ערטער זיי־נען פאַראַן מוראדיקע גריבער. „דער רוח זאָל דאָס נעמען, אָט דאָס הייסט אַריינגעקלאַפּט," זאָג איך צו קאַטן.

„מינע־וואַרפערס," ענטפערט ער און ווייזט אינדערהויך."

אויף די צווייגן הייגגען הרוגים. אַ נאַקעטער זעלנער ליגט פאַרטשעפּעט אין אַ צווייגן־געפלעכט, אויף זיין קאָפּ איז אָנגעטאָן דער קיווער, אָבער אַחוץ דעם האָט ער אויף זיך גאָרנישט. נאָר אַ העלפט פון אים זיצט אויבן, אַ גוף אָן פיס.

„וואָס באַטייט דאָס?" פרעג איך.

„די מינע האָט אים אַרויסגעשטופּט פון זיינע קליידער," וואָרטשעט טיאַדען.

קאַט זאָגט: „ס'איז אַ מאָדנע זאַך, מיר האָבן דאָס שוין אַ פּאָר מאָל צוגעזען. ווען אַזאַ מינע טוט אַ זעץ, ווערט מען פּשוט אַרויסגעשטופּט פון די קליידער. דאָס איז צוליבן לופט־דרוק."

איך זוך ווייטער. ס'איז טאַקע אַזוי. דאָ הייגען צעריסענע מונדירן, דאָרטן זעט מען אַ בלוטיקע קאַשע, וואָס אַמאָל זיינען דאָס געווען מענטשלעכע איברים. אָט ליגט אַ קערפּער, מיט איין פוס אָנגעטאָן אין אַן אונטערהויז, און אויפן האַלדז איז נאָך געבליבן דער קאָלנער פון מונדיר. אַחוץ דעם איז ער נאַקעט, זיינע בגדים הייגען אויף די צווייגן. בײדע אָרעמס זיינען ווי אַרויסגעשרויפט געוואָרן פון לייב. איינעם פון זיי האָב איך געזען אין די קוסטעס מיט אַ צוואַנציק טריט ווייטער.

דער מת ליגט אויפן פּנים. די ערד אונטער אים איז שוואַרץ פון בלוט. דאָס גראָז אונטער זיינע פיס איז צעריבן, עס שיינט, אַז דער פּאַרוואונדיקטער האָט זיך שטאַרק געצאַפּלט.

„איין קלייניקייט,‟ מאַך איך צו קאַט.

„אַ גראַנאַט־שפּליטער אין בויך איז אויך וואָס ווערט,‟ ענטפערט ער, ציענדיק מיט די פּלייצעס.

„נאָר ניט צעקראַכן ווערן,‟ וואָרנט אונדז טיאַדען.

מסתמה האָט דאָס גאָר ניט לאַנג פּאַסירט, דאָס בלוט איז נאָך פריש. ווייל אַלע, וועמען מיר זעען דאָ, זיינען שוין טויט, האַלטן מיר זיך ניט אויף, מיר מעלדן וועגן דעם אין נאָענטסטן סאַניטאַרן־פּונקט. סוף־כל־סוף איז דאָך ניט אונדזער אויפגאַבע אָפּצונעמען אַ שטיקל אַרבעט בײַ די דאָזיקע טרעגערס.

* * *

עס איז נייטיק אַרויסצושיקן אַ פּאַטרול, כּדי אויסצוגעפינען, ווי ווייט עס ציען זיך דעם שונאס פּאָזיציעס. אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין אורלויב האָב איך עפּעס אַ מין שולד־געפיל לגבי מיינע חברים, און דעריבער רוף איך זיך אַרויס מיטצוגיין מיטן פּאַטרול. מיר ריידן אָפּ דעם פּלאַן, קריכן דורך די דראָטן און גייען זיך דערמאָלט פונאַנדער, כּדי ווייטער צו פרווון אײנציקווײז. אין אַ ווײלע אַרום געפין איך אויס אַ פּלאַטשיקן טרעכטער, און וועלכן איך קריך אַריין. פון דאַנען לוג איך אַרויס.

דער גאַנצער שטח ווערט באַשאָסן דורך קוילן־וואַרפּערס.

דאָס פייער פּענזלט פון אַלע זייטן, אַפילו ניט צו שטאַרק, אָבער דאָך געפערלעך גענוג, און מען דאַרף זיך היטן צו אָפּן אַרומצושטעלן דאָס פּעקל ביינער.

עס פליט אויף אַ שירעם־ראַקעט, און דער גאַנצער שטח ווערט אָפּגעגאָסן מיט אַ בלאַסן ליכט. נאָכדעם, ווי עס פאַרלעשט זיך, ווערט עס נאָך טונקעלער. בײַ אונז אין גראָבן האָט מען דערציילט, אַז איצט שטייען קעגן אונז שוואַרצע זעלנער. דאָס איז ניט גוט, מען קאָן זיי שלעכט דערזען, אַחוץ דעם זײַנען זיי זייער פלינקע אויסקוקער. אָפּטמאָל זײַנען זיי אָבער מאָדנע ניט־באַרעכנט; — אַזוי האָבן קאַט און קראָפּ איינמאָל אַראָפּגעשאָסן אַ שוואַרצן פּאַטרול, ווייל יענע זײַנען זייער להוט אָף סיגאַרעטן און האָבן גערויכערט. קאַט און אַלבערט האָבן זיך געצילעוועט אין די גלימערנדיקע פּינטעלעך פון די סיגאַרעטן.

דערבײַ לעבן מיר שלאָגט אײַן אַ קליין גראַנאַטל. איך האָב גאָרניט געהערט, ווי ער קומט, און איך דערשרעק זיך שטאַרק. צוגלײַך כאַפּט מיך אָן אַ משוגענער פּחד. איך בין דאָ אַליין און כמעט גאָר אָן הילף אין אַרומיקן חושך, — אפשר קוקן מיך שוין נאָך פון אַ טרעכטער אַ פּאָר פרעמדע אויגן, און אַ האַנט־גראַנאַט ליגט שוין גרייט מיך צו טרעפן און צערייסן. איך פּרוּוו זיך אויסגלייכן. דאָס איז ניט מײַן ערשטער פּאַטרול, און אויך ניט קיין באַזונדערש געפערלעכער. אָבער איצט, נאָכן אורלויב, איז דאָס פאַר מיך דער ערשטער, און דערצו איז מיר נאָך די געגנט פרעמד.

איך רייד זיך אליין אײַן, אַז מײַן אויפרעקונג האָט ניט קיין גרונט, אַז אין דעם אַרומיקן חושך לאַקערט קיינער נישט, ווייל אַניט וואָלט מען דאָך ניט געשאָסן אַזוי פלאַך איבער דער ערד.

אומזיסט. אין אַ ווילדן געמיש זשווזשען מיר אין מח די געדאַנקען — איך הער די וואָרנענדיקע שטים פון מײַן מאַמען, איך זע, ווי די רוסן מיט די פלאַטערנדיקע בערד שפּאַרן זיך אָן די גראַטעס. איך שעל מיר אָף אַ וואונדערלעך בולטן אופן פאַר אַ זעלנער־קרעמל מיט שטילכלעך, אַ קינאָ ערגעץ אין וואַלאַנסיען, אין מײַן אײַנבילדונג זע איך פּײַנלעך און מוראַדיק, ווי עס

גלאָצט מיר אַנטקעגן לאַקערנדיק און גרויזאַם אַ מויל פון אַ הארמאט, און וואוהין איך דריי ניט מיין קאָפּ, שטייט מיר דער האַרמאַט אַליין אַנטקעגן: איך בין אינגאַנצן אויסגעוויקט פון שוויס.

איך ליג נאָך אַליין אין מיין מולטער. איך טו אַ קוק אַפן זייגער; עטלעכע מינוטן זיינען ערשט אַוועק, מיין שטערן איז פארשוויצט, מיינע אויגן זיינען נאַס, די הענט ציטערן, און איך פרייך שטיל. דאָס איז מיך געווים באַפאַלן אַ שטאַרקער פּחד, אַ מין הינטישע, טויט־שרעק אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ און צו פּויזשען ווייטער.

מיין שפּאַנונג פאַרוואַנדלט זיך אין דעם איין פאַרלאַנג, ליגן צו בלייבן. מיינע גלידער זיינען אָנגעקלעפּט צו דער ערד, איך מאַך אַן אומזיסטיקן פּרואוו: — זיי ווילן זיך ניט אָפּקלעפּן. איך דריק זיך צו דער ערד, איך קאָן ניט קריכן פאָרויס, איך באַשליס צו בלייבן ליגן.

אָבער עס פאַרכאַפּט מיך תּיכּף אַן אַנדער כוואַליע, אַ כוואַליע פון בושה, חרטה און אויך פון ווילן ראַטעווען מיין לעבן. איך טו זיך אַביסל אַ הייב, כּדי זיך אַרומצוקוקן. איך קוק אַזוי שאַרף אַריין אין דעם חושך, אַז מיינע אויגן נעמען ברענען. אַ ראַקעט הייבט זיך אויף; — איך טופּע זיך ווייטער איין.

איך האָב אויסצושטיין אַ משוגענעם, ווילדן קאַמף, איך וויל אַרויס פון מולטער, און איך גליטש זיך ווייטער אַריין אַהין, איך זאָג זיך: „די מוזט דאָס טאָן, עס רעדט זיך דאָך ניט וועגן עפּעס אַ נאַרישן פּוסטן באַפעל, עס האַנדלט זיך דאָך וועגן דיינע חברים,״ — און באַלד אַן ענטפער: „וואָס גייט דאָס מיך אָן, איך לעב דאָך נאָר איין מאָל אַף דער וועלט״ —

דאָס מאַכט אַליין דער אורלויב, פאַרטיידיק איך זיך מיט אַ ביטערניש. אָבער איך גלויב אַליין ניט אין דעם, איך דערפיל, אַז איך האָב מער קיין כּח ניט, איך הייב זיך פאַמעלעך אויף און שפּאַר זיך אָן אַף די הענט, איך ציי דעם רוקן, ווי אַ שלאַנג, און איצט ליג איך שוין האַלב אַפן ראַנד פון טרעכטער.

מיטאמאָל דערהער איך א רעש און כ'צי זיך צוריק. צווישן די קלעפּ הערט מען נאָך פאַרדעכטיקע גערוישן. איך הער זיך איין; — דאָס גערויש טראָגט זיך הינטער מיר. דאָס זיינען אונזערע. זיי גייען דורכן גראָבן. איצט הער איך אויך פאַרשטיקטע שטימען. לויטן קול קאָן דאָס זיין קאַט, דער וואָס רעדט איצט.

מיט איין מאָל שטראָמט מיך דורך אַן אויסטערלישע וואַרימקייט. אָט די שטימען, די עטלעכע, שטילע ווערטער, די גנבישע טריט אין גראָבן הינטער מיר, רייסן מיך מיט איין זעץ אַרויס פון דער מוראדיקער איינזאַמקייט, פון טויט־שרעק. זיי באַטייטן מער, ווי מיין לעבן, די דאָזיקע שטימען, זיי באַטייטן מער, ווי א מאַמעס צערטלעכקייט און ווי פּחד, זיי זיינען דאָס שטאַרקסטע און דאָס באַשיצנדיקסטע, וואָס מען קאָן זיך בכלל פאָרשטעלן; דאָס זיינען די שטימען פון מיינע חברים.

איך בין שוין ניט מער אַ ציטערדיק שטיקעלע לעבן אליין אין דעם חושך — איך באַלאַנג צו זיי און זיי צו מיר, מיר האָבן אַלע די גלייכע מורא און דאָס גלייכע לעבן, מיר זיינען פאַרקניפּט איינער מיטן אַנדערן מיט פּשוטע און פאַרפּלאָנטערטע פעדים. עס ווילט זיך מיר איינגראָבן מיין פּנים אין זיי, אין די פּאָר ווערטער, וועלכע האָבן מיך געראַטעוועט און וועלכע וועלן מיר נאָך ביישטיין.

* * *

מיט גרויס פאַרזיכט כאַפּ איך זיך אַריבער איבערן ראַנד און פּויזשע ווי א וואָרים ווייטער. איך שלעפּ זיך אַף אַלע פיר; עס גייט גוט, איך מעסט מיט די אויגן די ריכטונג, קוק זיך אַרום און מערק זיך אָן דאָס בילד פון דעם האַרמאַטן־פייער, כדי איך זאָל קאָנען געפינען דעם וועג צוריק. נאָכדעם פּרוּוו איך זיך פאַרבינדן מיט די אַנדערע.

איך האָב נאָך אַלץ פּחד, אָבער דאָס איז אַ שכלדיקער פּחד, אַן אויסטערליש פאַרשטאַרקטע פאַרזיכטיקייט. די נאכט איז ווינטיק, און שאָטנס וואַקלען זיך אַהין און צוריק בא יעדן אויפ־

פלאַקערן פון אַ שאָס. צוליב דעם זעט מען אי צו ווייניק, אי צו פיל. אָפּט ווער איך, ווי פאַרשטיינערט, אָבער ס׳איז נאָך אַלץ ניט דאָס. אָט אַזוי פּויזשע איך אַוועק אַ היפּשן מהלך פאָרויס און איך פאַרקירעווע אָף צוריק. די פאַרבינדונג האָב איך ניט געפונען. וואָס נעענטער איך קום צו אונזער גראָבן, אַלץ זיכערער בין איך, און אַלץ גיכער פּויזשע איך. איצט וואָלט זיך דאָך שוין לחלוטין ניט שיקן, מען זאָל מיך דערשיסן.

אַ נייער שרעק נעמט מיך מיטאַמאָל דורך. איך דערקען ניט מער דעם וועג. שטיל גליטש איך זיך אַריין אין אַ טרעכטער, און פּרוּוו זיך פון דאָרטן אָריענטירן. ס׳איז שוין אַסך מאָל פאַרגעקומען, אַז מען איז מיט שמחה אַריינגעשפּרונגען אין אַן אַקאָפּע, און נאָכדעם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז ניט די ריכטיקע.

איך הויב זיך ווייטער אָן צוצוהערן. איך ווייס נאָך אַלץ ניט, וואו איך בין. דער פלאַנטער פון די טרעכטערס און גריבער פירט מיך גאָר אַראָפּ פון ריכטיקן וועג, און פון אויפרעגונג ווייס איך שוין בכלל ניט, וואוהין איך זאָל זיך פאַרנעמען. אפשר פּויזשע איך גאָר פּאַראַלעל מיט אונזערע אַקאָפּעס, דעמאָלט וועט דאָך גאָר קיינמאָל דערצו קיין סוף ניט נעמען. דעריבער פאַרקערעווע איך זיך נאָכאַמאָל.

די פאַסקודנע שירעם-ראַקעטעס! מיר שיינט, אַז זיי שיינען שעהנלאַנג; איך קאָן קיין באַוועגונג ניט מאַכן, אַניט — וועלן תיכּף אָנהויבן פּייפן גראַנאַטן אַרום מיך.

אָבער עס לאָזט זיך ניט אַנדערש, איך מוז אַרויס. איך קריך פאַרוועדטס מיט הפסקות, פּויזשע הינטערוויילעכס און צעשנייד זיך די הענט אָן די שפּיציקע שפּליטערס, וואָס זיינען שאַרף, ווי גאָל-מעסערס. אַנדערעמאָל שיינט מיר, אַז דער הימל ווערט אויפן האָריזאָנט אַביסל ליכטיקער, אָבער דאָס איז נאָר אַן איינרעדעניש. איך זע אָבער איין, אַז איצט גיי איך אויפן טויט.

אַ גראנאט שלאגט איין. תיכּף קומען אן צוויי אַנדערע. און אזוי הויבט זיך דאס אן. א פייער־אנפאל. קוילן־ווארפערס קנאקן. לעת־עתּה איז ניטא קיין אַנדער אויסוועג, ווי נאר בלייבן ליגן. עס שיינט, אז דא קומט אן אטאקע. אומעטום הייבן זיך ראקעטעס, אן אופהער.

איך ליג פארדרייט אין א גרויסן טרעכטער, די פיס ווייקן זיך אין וואסער ביזן בויך. ווען די אטאקע וועט זיך אנהויבן וועל איך אינגאנצן זיך אריינווארפן אין וואסער, וויפיל ס'וועט זיך נאר לאזן, כּדי ניט דערשטיקט צו ווערן, דאס פּנים וועל איך איינגראבן אין קוים. איך וועל מוזן זיך פארשטעלן פאר א מת.

מיטאמאָל דערהער איך, ווי דאָס פייער ווערט אריבער־געהייבן. תיכּף גליטש איך זיך אַראָפּ אונטערן וואסער, דעם קיווער פאַרדרוק איך אינגאַנצן אַפן קאַרק, די מויל שטעל איך אַרויס נאָר אַף אזוי פיל, כ'זאָל קאָנען עטעמען.

איך ליג אָן באַוועגונג; — ווייל ערגעץ הויבט שוין אָן עפּעס צו בראזגען, מען רוקט זיך און מען טראמפּלט אַלץ נעענ־טער, — אַלע נערוון אין מיר ווערן אָנגעצויגן, דאָס בלוט ווערט פאַרקילט. דאָס בראזגען איבער מיך דערווייטערט זיך, די ערשטע טרופּע איז שוין אוועק. מיין מח ענטפערט נאָר איין געדאַנק: וואָס וועסטו טאָן, אויב עמיץ וועט אריינשפּרינגען צו דיר אין טרעכטער?— איך טו א גיכן ריס מיין מעסער, נעם אים פעסט אָן און גראָב מיין האַנט ווייטער איין אין בלאָטע. אין קאָפּ האַמערט מיר א געדאַנק, אַז ווי נאָר עמיץ שפּרינגט אַריין, וועל איך תּיכּף שטעכן, אים תּיכּף דורכשניידן דעם גאָרגל, כּדי ער זאָל ניט קאָנען שרייען, אַנדערש קאָן מען דאָ גאָרנישט מאַכן, ער וועט זיך אויך איבערשרעקן, פּונקט אזוי ווי איך, און שוין פון שרעק אַליין וועלן מיר אַרופאלן איינער אַפן אַנדערן, דעריבער מוז איך זיין דער ערשטער.

איצט הויבן אן אונזערע באטארייעס שיסן. אַ גראנאט שלאָגט איין גאר ניט ווייט פון מיר. בא דעם געדאַנק, אז איך וועל

פאלן פון די אייגענע קוילן, ווער איך גאר משוגע. און ווילד: איך שילט און סקריפע מיט די ציין אין דעם קויט; דאָס איז אן אויסברוך פון גרימצארן, ווען ער שטילט זיך איין, הויב איך אָן קרעכצן און קלאגן.

עס דערגרייכט צו מיר דאס רייסן פון האנט=גראנאטן. אויב אונזערע מאכן א קאנטער=אטאקע, בין איך באפרייט. איך דריק צו דעם קאפ צו דער ערד און הער טעמפע דונערס, ווי ס'וואלטן אופגעריסן געווארן פעלזן — און איך הייב זיך ווייטער אוף, כדי צו הערן די גערוישן פון אויבן.

די קוילן=ווארפערס שטעפן. איך ווייס, אז אונזערע דראט=פארצוימונגען זיינען פעסט און כמעט ניט=באשעדיקט; — א טייל זייערער איז אנגעלאדן מיט הויכן עלעקטרישן שטראם. די ביקסן=שיסערייַ וואקסט זיך פאנאנדער. זיי קומען ניט דורך, זיי מוזן אָפּטרעטן צוריק.

איך דריי זיך פּ נדאסניי צוזאמען, אנגעשטריינגט ביז גאר. דאס בראזגען און טרעטן דערנעענטערט זיך. צווישן דעם בראזג הערט זיך א דורכדרינגענדיקער יאמער. מען באשיסט זיי, די אטאקע איז אפגעשטויסן.

* * *

דערווייל איז שוין אַביסל ליכטיקער געוואָרן. איבער מיך טראָגן זיך האַסטיקע שפּריזן. די ערשטע אוועק. אַנדערע קומען. דאָס קנאַקן פון די קוילן=ווארפערס הערט גאָר ניט אוף. איך וויל זיך איבערדרייען, אין דערזעלביקער רגע טוט עפּעס אַ קלאַפּ, און צו מיר אין טרעכטער פאַלט אַריין א קערפּער, קייקלט זיך אַראָפּ, ליגט אַף מיר — איך טראכט נישט, איך קלער נישט — איך שטעך ווילד אַריין מיין מעסער און איך פיל נאָר, ווי דאָס לייב טוט זיך א צאַפּל, נאָכדעם ווערט עס אָפּגעלאָזן און פאלט צוזאמען, ווי אַ ליידיקער זאַק. ווען איך קום צו זיך, שפיר איך, אז מיין האַנט איז קלעפּיק און נאַס.

ער כאָרכלט. עס דאַכט מיר אוים, אַז ער ברומט, אַז יעדער אָטעם זיינער איז אַ ווילדער געשריי, אַ דונער — אָבער

דאָס שלאָגן נאָר אַזוי טומלדיק מײַנע אויערן, מיר ווילט זיך אים צוהאַלטן די מויל, ז׳ פאַרשטאָפּן מיט בלאָטע, אים נאָכאַמאָל אַרײַנשטעכן דאָס מעסער, ער זאָל שטיל ווערן, ווײַל ער וועט מיך דאָך אַרויסגעבן; אָבער איך בין שוין אַף אַזוי פיל ניכטער און כ׳בין פלוצלונג אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז איך קאָן מער בשום אופן ניט אויפהייבן די האַנט אַף אים.

איך פאַרקריך אין דעם ווײַטסטן ווינקל און בלײַב דאָרטן ליגן, מיט די אויגן אומבאַוועגלעך אײַנגעריסן אין אים, דאָס מעסער פעסט אײַנגעקלאַמערט, גרייט ווײַטער אים צו שטעכן, ווי נאָר ער וועט זיך אַ ריר טאָן. — אָבער לויט זײַן כאָרכלען הער איך, אַז ער וועט שוין מער גאָרנישט טאָן.

איך זע אים אומקלאָר. אײַן פאַרלאַנג ברענט אין מיר, אַרויסצוקומען פון דאַנען. ווען דאָס וועט ח״ו ניט געשען, וועט שפּעטער ווערן צו ליכטיק; איצט אַפילו איז דאָס שוין אויך ניט לײַכט. אָבער ווען איך פּרוּאוו אויפהייבן דעם קאָפּ, זע איך, אַז דאָס איז אוממעגלעך. דאָס פײַער פון די קוילן־וואַרפערס קאָסיעט דעם גאַנצן שטח אַזוי, אַז איידער איך וועל נאָך באַוויזן אַ שפּרונג צו טאָן, וועל איך שוין דורכגעלעכערט ווערן, ווי אַ זיפּ.

איך פּרוּאוו אַביסל אַרויסשטעלן מײַן קאַסקע, כּדי צו זען, ווי הויך איבער דער ערד עס פאַלן די שאָסן. אין אַ רגע אַרום ווערט ער מיר דורך אַ קויל אַרויסגעריסן פון האַנט. דאָס הייסט, אַז דאָס פײַער לייגט זיך נידעריק איבער דער ערד. און איך בין ניט גענוג ווײַט פון דעם שונאס פּאָזיציע, כּדי ניט געמערקט און ניט אַראָפּגעשאָסן צו ווערן בײַ מײַן ערשטן פּרוּאוו צו אַנטלויפן.

עס ווערט אַלץ ליכטיקער. איך וואַרט זשעדנע אַף אונזער אַטאַקע. מײַנע הענט זײַנען שוין ווײַס געוואָרן בײַ די קנעכלעך, אַזוי שטאַרק דריק איך זיי צוזאַמען אין מײַן תּפילה, אַז דאָס פײַער זאָל זיך אָפּשטעלן און מײַנע חבֿרים זאָלן שוין קומען.

אַ רגע נאָך אַ רגע גייט אַוועק. איך פּועל ניט בײַ זיך אַפילו נאָך איין קוק צו טאָן אַף דאָס טונקעלע געשטאַלט פון

מײַן שכן. אין גרױס אָנשטרענגונג קוק איך פֿאַרבײַ אים און כ'וואַרט, כ'וואַרט. די האַרמאַטן זשומען, עס איז אַ מין שטאָלענע נעץ, זײ הערן גאָר ניט אױף.

איך טו אַ קוק אױף מײַן בלוטיקע האַנט און כ'דערפֿיל אַ פֿלוצלינגדיקן עקל. איך רײַב אײַן די הױט מיט קױט, איצט איז די האַנט בלאָטיק, זעט מען לכל־הפּחות מער ניט דאָס בלוט.

די שיסערײַ שטילט זיך ניט אָפּ. בײדע זײַטן גיבן פֿײַער. באַ אונדז האַלט מען מיך שױן מסתּמא לאַנג פֿאַר אומגעקומען.

* * *

ס'איז שױן העלער, גראָער באַגינען. דאָס כאָרכלען דערטראָגט זיך נאָך. איך האַלט זיך צו די אױערן, אָבער כ'מוז באַלד צוריק אַוועקנעמען די פֿינגער, װײַל אַ ניט קאָן איך אױך די אַנדערע געררױשן ניט הערן.

דאָס אַנטקעגנדיקע געשטאַלט נעמט זיך רירן. איך דערשרעק זיך און קוק ניט װילנדיק אַהין. איצט קאָן איך שױן מײַנע בליקן מער פֿון אים ניט אָפּרײַסן. דאָ ליגט אַ מענטש מיט קלײנע װאָנצעלעך, זײַן קאָפּ איז אַראָפּגעזונקען אױף אַ זײַט, אַן אָרעם איז האַלב געבױגן, איבער אים ליגט אָפּגעהלשט דער קאָפּ. מיט דער אַנדערער האַנט האַלט ער זיך פֿאַר דאָס פֿאַרבלוטיקטע האַרץ.

ער איז טױט, רײד איך צו זיך, ער מוז זײַן טױט, ער פֿילט שױן מער גאָרנישט; נאָר דער קערפּער לעבט נאָך. אָבער ער פּרוּװט נאָך אױפֿהײבן דעם קאָפּ, דאָס קרעכצן שטאַרקט זיך אױף אַ רגע, נאָכדעם פֿאַלט דער שטערן װײַטער אַראָפּ אױפֿן אָרעם. ער גוססט, אָבער טױט איז ער נאָך ניט. איך טו זיך אַ רוק צו אים, בלײַב ליגן, שפּאַר זיך אָן אױף די הענט, פּױזשע װײַטער, כ'וואַרט אָפּ — װײַטער, אַ שױדערלעכער, לאַנגער װעג פֿון דרײַ מעטער. צום סוף בין איך שױן לעבן אים.

ער עפֿנט די אױגן. װי עס שײַנט, האָט ער מיך געהערט צוקריכנדיק, און ער קוקט מיך איצט אָן מיט אַן אױסדרוק פֿון אומבאַשרײַבלעכן גרױל. דער גוף איז אומבאַװעגלעך, אָבער אין די אױגן באַװײַזט זיך אַן אױסטערלישער אימפּעט, און אױף אַ רגע

טו איך אַ טראַכט, אַז זיי ווילן פאַרמאָגן אַף אַזוי פיל כּח, כּדי אַ רים צו טאָן נאָך זיך דעם גאַנצן גוף אַף אַ מהלך פון הונדערטער קילאָמעטערס מיט איין שטופּ. איצט איז ער שטיל, לחלוטין רואיק, זיין כאָרכלען האָט אופגעהערט, אָבער די אויגן שרייען, ברומען, אין זיי האָט זיך דאָס גאַנצע לעבן צונויפגעשמאָלצן אין אַן אומגעוויינטלעכער אָנשטריינגונג צו אַנטלויפן, אין אַ געוואַלטיקן חיהשן שרעק פאַרן טויט, פאַר מיר.

איך טו אַ פאַל אַף די עלנבויגנס, און מיינע געליינקעוון קנאַקן. „ניין, ניין,“ שעפּטשע איך.

די אויגן גייען מיר נאָך. כּל־זמן זיי קוקן מיר נאָך, בין איך ניט בכּח זיך אַ ריר צו טאָן.

זיין האַנט פאַלט פאַמעלעך אַראָפּ פון ברוסט. נאָר אַף אַ קליין שטיקעלע פאַלט זי אַראָפּ, אָבער די דאָזיקע באַוועגונג שוואַכט אָפּ דעם אימפּעט פון די אויגן. איך בויג זיך צו, שאָקל מיטן קאָפּ און שעפּטשע: „ניין, ניין, ניין,“ איך הייב אוף אַ האַנט, איך מוז אים ווייזן, אַז כ׳וויל אים נאָר באַהילפיק זיין, און כ׳טו אים אַ גלעט איבערן שטערן.

בעת איך הייב אוף מיין האַנט, קוקן די אויגן זי נאָך, זיי פאַרלירן איצט זייער אומבאַוועגלעכקייט, די וויעס לאָזן זיך טיפער אַראָפּ, די שפּאַנונג לאָזט אָפּ. איך קנעפּל אים אוף דעם קאָלנער און מאַך צורעכט די אומבאַקוועמע לאַגע פון קאָפּ.

די ליפּן זיינען האַלב־אָפן, זיי מיען זיך צו געשטאַלטן ווערטער. די ליפּן זיינען אויסגעטריקנט. מיין פלעשל איז ניטאָ, איך האָב עס ניט מיטגענומען. אָבער אין דער בלאָטע אונטן אין טרעכטער איז פאַראַן וואַסער. איך קריך אַראָפּ, שפּרייט אַרויס מיין נאָז־טיכל, און שעפּ מיט דער האַנט אין דעם אָן דאָס געלע וואַסער פון דאָרטן.

ער זופּט דאָס אויס. איך ברענג נאָך. נאָכדעם קנעפּל איך אָפּ זיין מונדיר, כּדי אים צו פאַרבאַנדאַזשירן, אויב ס׳וועט זיך לאָזן. בכל אופן מוז איך דאָס טאָן, כּדי יענע, אויב זיי וועלן מיך כאַפּן, זאָלן זען, אַז איך האָב אים געוואָלט העלפן, און זיי זאָלן מיך ניט שיסן. ער פּרוּווט זיך אָפּוועְרן, אָבער זיין האַנט

איז צו שוואַך דערצו. דאָס העמד איז צוגעקלעפּט צו דער וואונד און לאָזט זיך ניט אָפּרוקן אָן אַ זײַט, ס'איז צוגעקנעפּלט פון הינטן. איך מוז דאָס צעשניידן.

איך זוך מיין מעסער און געפין עס ווידער. אָבער ווען איך הויב אָן צו שניידן דאָס העמד, עפענען זיך זיינע אויגן פונדאָסניי, און עס באַוויַזט זיך אין זיי ווייטער דאָס געשריי און דער משוגענער אויסדרוק, אַזוי אַז איך מוז זיי אים צוהאַלטן און איך שעפּטשע: „איך וויל דיר דאָך העלפן, קאַמראַד, קאַמראַד, קאַמ־ראַד, קאַמראַד — ,„ חזר איך מערערע מאָל איבער דאָס וואָרט, כּדי ער זאָל דאָס פאַרשטיין.

דריי אָפענע וואונדן זיינען אויף דער ברוסט. איך פאַרדעק זיי מיט מיינע באַנדאַזשן, דאָס בלוט שטראָמט אונטער זיי, איך דריק זיי פעסטער צו, און ער קרעכצט.

דאָס איז אַלץ, וואָס איך קאָן טאָן. איצט מוזן מיר וואַרטן, וואַרטן.

* * *

די שרעקלעכע שעהן. — דאָס כאָרכלען הויבט זיך ווייטער אָן — ווי לאַנגזאַם אַ מענטש שטאַרבט! ווײַל איך ווייס, אַז מען קאָן אים שוין ניט ראַטעווען. איך האָב זיך דאָס אַפּילו געפּרואווט איינריידן, אָבער שפּעטער איז די האָפענונג צערונען געוואָרן אונ־טער זיינע גסיסה־קרעכצן. ווען איך וואָלט בעתן קריכן ניט געהאַט פאַרלאָרן מיין רעוואָלווער, וואָלט איך אים דערשאָסן. דערשטעכן אים קאָן איך ניט.

מיטיקצייט ווערן מיינע געדאַנקען מטושטש. אַ ווילדער הונגער מאַטערט מיך, איך וויין זיך שיעור ניט פאַנאַנדער, אַזוי שטאַרק וויל איך עסן, אָבער איך קאָן גאָרנישט טאָן. אַסך מאָל שעפּ איך אַיין פאַרן גוסס וואַסער און איך טרינק אַליין אויך דערפון.

דאָס איז דער ערשטער מענטש, וועמען איך האָב דערהרגעט מיט מיינע אייגענע הענט, ווײַל איך זע דאָך איין, אַז דאָס האָב איך געבראַכט אַף אים דעם טויט. קאַט און קראַפּ און מילער

האָבן שוין נים איינמאָל געזען, ווי זיי האָבן עמיצן דערשטאָכן, אַלע האָבן דאָס שוין דורכגעמאַכט, באַזונדערש אין געפּעכט פּנים־אל־פּנים. —

אָבער יעדער זיפץ זיינער צעררייסט מיר מיין האַרץ. אַט דער גוסס האַלט אין די הענט אַ נים־געזעענעם מעסער, מיט וועלכן ער קוילעט מיך: די שעהן און מיינע געדאַנקען.

איך וואָלט דעם מייערסטן פּרייז באַצאָלט, כּדי ער זאל נאָר בלייבן לעבן. עס איז זייער שווער דאָ צו ליגן און זיין גע־נויט אים צו זען און צו הערן.

באַטאַג, אַרום דריי אַזייגער, שטאַרבט ער.

איך עטעם אויף, אָבער נאָר אויף אַ קורצער צייט. עס איז מיר שווער אריבערצוטראָגן די שטילקייט, שווערער ווי דאָס פּרייער־דיקע קרעכצן. איך וואָלט וועלן, אַז דאָס כאָרכלען זאל גאָר נים האָבן אויפגעהערט, אַט דאָס פּאַרהעקערטע, הייזעריקע כאָרכלען, וואָס האָט זיך דערטראָגן אַמאָל פּייפנדיק שטיל און אַמאָל היי־זעריק און הויך.

דאָס, וואָס איך טו, האָט קיין זין נים. אָבער איך מוז האָבן עפּעס אַן אַרבעט. איך לייג דעם מת נאָכאַמאָל איבער, כּדי ער זאל ליגן באַקוועמער, אויב אפילו ער פילט שוין מער סיי ווי נישט. איך מאַך אים צו די אויגן. זיי זיינען ברוין, דאָס האָר איז שוואַרץ, פון די זייטן אַביסל געקרייזלט.

די מויל אונטער די וואָנצעס איז פול און ווייך; די נאָז איז לייכט געבויגן, די הויט — ברוינלעך, זי זעט איצט מער נים אויס אַזוי אַשפּאַרביק, ווי פריער, בעת זיין לעבן. איין מאָמענט זעט דאָס פּנים אויס כמעט, ווי געזונט; — אָבער באַלד פאַר־וואַנדלט זיך דאָס אין איינעם פון יענע פרעמדע מתים־פּנימער, וואָס כ'האָב שוין אַזוי פיל געזען, און וואָס זיינען אַלע גלייך.

זיין ווייב טראַכט איצט געוויס וועגן אים; זי ווייס נים, וואָס ס'איז געשען. ער זעט אויס ווי אַ מענטש, וואָס האָט אָפט גע־שריבן צו זיין ווייב; — זי וועט נאָך איצט אויך באַקומען פון אים בריוו — מאָרגן, אין אַ וואָך אַרום, — אפשר נאָך אין אַ חודש

אַרום אויך אַ פאַרבלאָנדזשעטן בריוו. זי וועט אים לייענען, און ער וועט צו איר אַרויסריידן פון דעם בריוו.

מיר ווערט אַלץ ערגער, איך קאָן שוין מער ניט איינ־האַלטן מיינע געדאַנקען. ווי זעט דען אייגנטלעך אויס אַט די פרוי? אַזוי ווי די מאָגערע ברונעטין פון יענער זייט קאַנאַל? האָט זי דען איצט ניט קיין שייכות צו מיר? אפשר באַלאַנגט זי מיר איצט צוליב דעם, וואָס ס'איז געשען! ווען קאָנטראַרעק וואָלט איצט געזעסן לעבן מיר! וואָלט מיין מאַמע מיך איצט געזען. — ווען איך וואָלט בעסער זיך אַריינגעקלאַפּט אין מח, ווי איך זאָל גיין צוריק, וואָלט דער געשטאָרבענער בלי־ספק נאָך געקאָנט לעבן אַ דרייסיק יאָר. ווען ער וואָלט אין פאַרביילויפן זיך פאַר־נומען צוויי מעטער מער אַף לינקס, וואָלט ער איצט געזעסן אין בלינדאַזש צווישן אייגענע און וואָלט געשריבן אַ נייעם בריוו צו זיין ווייב.

ווען איך זאָל אָבער אַזוי טראַכטן, וועל איך ווייט ניט קו־מען; וויל דאָס איז דאָך דער גורל פון אונז אַלעמען; וואָלט קעמעריך געהאַלטן זיין פוס מיט צען סאַנטימעטער מער אַף רעכטס, וואָלט האַיע זיך אַריבערגעבויגן אַף פאָרנט מיט פינף סאַנטימעטער מער —

* * *

די שטילקייט וואַקסט זיך פאַנאַנדער. איך הויב אָן ריידן, און ריידן מוז איך. „חבר, איך האָב דיך ניט געוואָלט דער־הרגענען. ווען דו וואָלסט איצט נאָכאַמאָל אַריינשפּרינגען אַהער, וואָלט איך דאָס ניט געטאָן, ווען דו וואָלסט נאָר אויך מיר קיין שלעכטס ניט געוואָלט טאָן. אָבער ביז דעמאָלט ביסטו פאַר מיר נאָר געווען אַ געדאַנק, אַ קאָמבינאַציע, וואָס האָט געלעבט אין מיין מח און האָט אַרויסגערופן אַ באַשלוס; — דערשטאָכן האָב איך אַט די קאָמבינאַציע. איצט זע איך ערשט, אַז דו ביסט אויך אַ מענטש, פונקט ווי איך. איך האָב נאָר געטראַכט וועגן דיינע האַנט־גראַנאַטן, וועגן דיין באַגנעט און דיין ביקס; — איצט זע איך דיין ווייב און דיין פנים, און דאָס בשותּפותדיקע אין אונז. זיי

מיר מוחל, חבר! מיר זעען דאָס שטענדיק איין צו שפּעט. פאַר־וואָס זאָגט מען אונז ניט, ווען דעם, אז איר זייט אויך אַזעלכע אומגליקלעכע, ווי מיר זיינען, אז אייערע מאַמעס ציטערן אויך איבער אייך, פּונקט אזוי ווי אונזערע, און אַז מיר האָבן דעם־זעלביקן שרעק פאַרן טויט און דיזעלביקע גסיסה און דיזעל־ביקע יסורים. — זיי מיר מוחל, חבר, ווי אזוי האסטו געקאָנט זיין מיין שונא? ווען מיר וועלן אוועקוואַרפן אונזער וואָפן און אונזערע מונדירן, וואלסטו דאָך אויך געקאָנט זיין מיינער אַ ברודער, פּונקט אזוי ווי קאַט און ווי אַלבערט. איך גיב דיר אָפּ צוואַנציק יאָר פון מיין לעבן, חבר, נעם זיי און הייב זיך אויף, — נעם נאָך מער, ווייל איך ווייס דאָך ניט, וואס איך זאל בכלל דערמיט טאָן.״

ס׳איז שטיל. דער פראָנט איז רואיק, נאָר די ביקסן טראַ־סקען, קוילן פליען אן אופהער, מען שיסט ניט גלאַט אזוי אין דער וועלט אַריין, נאָר מען צילעוועט זיך שאַרף אין אלע זייטן. איך קאָן ניט אַרויס פון גראָבן.

„איך וועל שרייבן צו דיין ווייב״, זאָג איך האסטיק צום טויטן, „איך וועל איר שרייבן, איך וויל, זי זאל זיך דורך מיר דער־וויסן וועגן דעם, איך וועל איר זאָגן אַלץ, וואס איך זאָג דיר, איך וויל ניט, זי זאל ליידן, איך וועל איר העלפן, איר, און דיינע עלטערן, און דיין קינד —

זיין מונדיר איז נאָך האַלב אָפּגעשפּיליעט. מען קאָן דאָרטן לייכט געפינען דאָס טענטל־בוך. אָבער איך קווינקל זיך דאָס צו עפענען. דאָרטן ליגט דאָס ביכל מיט זיין נאָמען. כּל־זמן איך ווייס ניט, ווי ער האָט געהייסן, קאָן איך אים נאָך אפשר פאַר־געסן, די צייט וועט פאַרווישן דאָס בילד. זיין נאָמען אָבער איז אַ טשוואָק, וואס וועט זיך איינבויערן אין מיר און וועט שוין קיינמאָל ניט אַרויס. דער נאָמען וועט בכח זיין שטענדיק פאַר מיר אַלץ אופצולעבן, אַלץ פונדאסניי אַרויסצורופן אין מיר.

איך האַלט דאָס ביכל אין האַנט און קאָן זיך ניט באַ־שליסן. מיטאַמאָל פאַלט עס אַראָפּ און עפנט זיך. עס פאַלן אַרויס

פון דארטן עטלעכע בילדער און בריוו. איך קלייב זיי צוזאמען און וויל זיי ווייטער אװעקלייגן, אבער איך בין אינגאנצן פאר־צווייפלט פון דעם דרוק איבער מיך, פון דער גאנצער אומבא־שטימטער לאגע מיינער, פון הונגער און סכנה, פון די שעהן מיטן מת. איך וויל שוין גיכער מאכן א סוף צו דער אומבא־שטימטקייט און פארגרעסערן דעם פיין, אט אזוי ווי מען שטעכט אריין א פינגער אין אן אומדערטרעגלעך ווייטוענדיקער וואונד. שוין גאר ניט טראכטנדיק וועגן דעם, וואס ס'וועט זיין.

די בילדער זיינען פאטאגראפיעס פון א פרוי און פון א קליין מיידעלע, שמאלינקע ליבהאבער־פאטאגראפיעס, אין הינטער־גרונט — א וואנט מיט קריך־געוויקסן. דערביי ליגן בריוו. איך נעם זיי ארויס און פרואוו זיי לייענען. דאס רוב פון זיי פארשטיי איך ניט, ס'איז זיי שווער צו לייענען, און איך פארשטיי זייער ווייניק פראנצויזיש. אבער יעדעס ווארט, וואס איך באגרייף, דרינגט מיר אריין, ווי א קויל אין הארצן — ווי א מעסער אין לייב —

מיין מח איז פארטומלט. אבער אזוי פיל פארשטיי איך נאך, אז איך טאר צו די מענטשן ניט שרייבן, ווי איך האב פריער געטראכט. ס'איז אוממעגלעך. איך באטראכט נאכאמאל די בילדער; דאס זיינען געוויס ניט קיין נגידים. ווען איך וועל שפעטער עפעס פארדינען, קאן איך זיי צושיקן אביסל געלט, זיי זאלן ניט וויסן, ווער דאס האט געשיקט. אן דעם געראנק כאפ איך זיך אן, דאס איז, לכל־הפחות, אויך א שטיקל אנהאלט. אט דער מת איז פארבונדן מיט מיין לעבן, דעריבער מוז איך טאן און צוזאגן אלץ, כדי זיך צו ראטעווען; ניט איבערקלערנדיק גיב איך זיך א נדר, אז פון איצט אן וויל איך לעבן נאר פון זיינעט־וועגן און פון זיין משפחהוועגן, — מיט שוים אף די ליפן רייד איך צו אים, און גאר טיף אין מיין הארצן איז פארבארגן א האפענונג, אז דערמיט קויף איך זיך אויס, און אז צוליב דעם וועל איך נאך אפשר ארויסקומען פון דאנען. א שאלקהאפטיקייט, שפע־טער קאן מען זיך דאך נאך וועגן דעם מישב זיין. און דעריבער

עפן איך אויף דאס ביכל און לייען פאמעלעך: זשעראר דיוואל, דרוקער.

מיט דעם טויטנס בלײַפֿעדער שרײַב איך אן זײַן אדרעס אף א קאנווערט און לייג אלץ אף גיך צוריק אין זײַן רעקל.

איך האב דערהרגעט דעם דרוקער זשעראר דיוואל. איך מוז ווערן א דרוקער, פלאנטערן זיך מיר אין קאפ צעשויבערטע געדאנקען, א דרוקער ווערן, א דרוקער —

* * *

שפעטער ווער איך רואיקער. מײַן פחד האט קיין יסוד ניט געהאט. דער נאמען מאכט מיך מער ניט משוגע. דער אנפאל גייט אריבער. „חברי", זאג איך צו מײַן טויטן שכן, אבער איצט זאג איך דאס מוטיק. „הײַנט דו, מארגן איך. אבער ווען איך וועל ארויס גאנץ פון דאנען, חבר, דעמאלט וועל איך קעמפן קעגן אט דאס, וואס האט אונז בײַדן צעקלאפט: דיר דאס לעבן — און מיר? — אויך דאס לעבן. איך זאג דיר דאס צו, חבר. דאס טאר שוין נאכאמאל ניט געשען."

די זון־שטראלן פאלן שוין באלכסון. איך בין אפגעטעמפט פון מאטקייט און פון הונגער. דער נעכטן איז פאר מיר, ווי א נעפל, איך האף שוין ניט מער, ארויסצוקומען פון דאנען. עס רוקט זיך אן דער בין־השמשות. עס שײַנט מיר, אז די צײַט גייט גיך. נאך א שעה. וואלט איצט געווען זומער, וואלט נאך געווען דרײַ שעה ביז נאכט. איצט איז נאך א שעה.

מיטאמאל הויב איך אן צו ציטערן, אז ס'זאל עפעס ווײַטער ניט געשען, וואס זאל מיר שטערן. איך טראכט מער ניט וועגן דעם טויטן, ער איז מיר איצט אינגאנצן גלײַכגילטיק. עס קומט אין מיר אויף די זשעדנעקייט צום לעבן, און קעגן דעם פארזינקט אלץ, וואס איך האב זיך פריער פארגענומען, כדי עס זאל מיר ווײַטער ניט טרעפן קיין צרה, פלאפל איך מעכאניש: „איך וועל טאן אלץ, אלץ, וואס איך האב דיר צוגעזאגט" — אבער איך ווייס שוין, אז כ'וועל דאס ניט טאן.

פלוצלונג פאלט מיר אײַן א געדאנק, אז מײַנע אייגענע חברים קאנען אף מיר שיסן, ווען זיי וועלן מיך זען קריכנדיק;

זיי ווייסן דאך נישט. ווי נאר עס וועט מעגלעך זיין, וועל איך שוין אנהויבן שרייען, כדי זיי זאלן מיך דערקענען. איך וועל בלייבן ליגן פאר דער אקאפּע אזוי לאנג, ביז זיי וועלן מיר ענטפערן.

דער ערשטער שטערן באווייזט זיך. דער פראנט איז שטיל. איך עטעם אויף און רייד פון אופרעקונג מיט זיך אליין: „איצט טו נאר ניט אפּ קיין שטות, פויל — נאר רואיק, רואיק, דעמאלט ביסטו געראטעוועט, פויל." עס ווירקט אף מיר בעת איך רוף זיך אן באם נאמען, איך האב עפּעס א געפיל, ווי אן אנדערער וואלט מיר באפוילן.

דער חושך וואקסט זיך פאנאנדער. איך בארואיק זיך ביס־לעכווייז, איך ווארט פארזיכטיק אויס, ביז עס הייבן זיך ארוף די ערשטע ראקעטעס. דעמאלט קריך איך ארויס פון דעם טרעכטער. דעם טויטן האב איך פארגעסן. פאר מיר ליגט אויסגעשפּרייט די נאכט און דאס בלייך־באלויכטענע פעלד. איך געפין מיט די אויגן א גרוב; אין דער רגע, ווען דאס ליכט פארלעשט זיך, שופּ איך אין דעם אריין, איך טאפּ ווייטער מיין וועג, געפין נאך א גרוב, בויג זיך, פויזשע ווייטער.

איך קום אלץ נעענטער. באם ליכט פון א ראקעטע דערזע איך, ווי בא דער דראט־וואנט באוועגט זיך עפּעס, און כ'בלייב ליגן שטיל. ווען נאך א ראקעטע שיסט ארויף, זע איך ווייטער דאסזעלביקע, דאס זיינען געוויס חברים פון אונזער אקאפּע. אבער איך היט זיך ניט ארויסצוגעבן, ביז איך דערקען אונזערע קיווערס. דעמאלט טו איך א געשריי.

באלד באקום איך אן ענטפער. מען רופט מיך באם נאמען: „פויל—פויל" —

איך רוף ווייטער. דאס זיינען קאט און אלבערט, וועלכע זיינען שוין ארויס מיך זוכן מיט א געצעלט־לייוונט.

„ביסט פארוואונדיקט?"

„ניין, ניין —"

מיר קריכן אריין אין גראבן. איך בעט עסן און שלינג דאס אראפּ אין איין אטעם. מילער גיט מיר א סיגארעטל. איך

דערציייל בקיצור, וואס מיט מיר איז געשען. ס'איז ניט קיין נייס: אזוינס פארלויפט זיך זייער אפט. דאס איינציק נייע איז נאר די נאכט־אטאקע. אבער קאט איז שוין איינמאל אפגעלעגן הינטערן רוסישן פראנט גאנצע צוויי מעת־לעת, ביז ער האט זיך געקאנט דורכשלאגן.

ווען דעם טויטן דרוקער דערציייל איך גארנישט.

אף מארגן אבער האלט איך זיך שוין מער ניט איין. איך מוז דאס דערציילן קאטן און אלבערטן. זיי בארואיקן מיך. „די קאנסט דא גארנישט מאכן. וואס האסטו דען געוואלט אופטאן? דערצו איינגנטלעך ביסטו דאך דא!"

איך בין בארואיקט דורך זייערע דיבורים און געטרייסט דורך זייער נאענטקייט. וואס פאר א שטותים איך האב דאס צוזאמענגעבריוט דארטן, אין טרעכטער.

„גיב נאר א קוק אהין," זאגט קאט.

הינטערן וואל שטייען עטלעכע פון אונזערע בעסטע שי־סערס. זיי שטייען מיט זייערע ביקסן גרייט, און מיט שפאקטיוון קוקן זיי אויס דעם אנטקעגנליגנדיקן סעקטאר. פון צייט צו צייט הערט זיך א שאס.

מיר הערן אויסרופן. „געטראפן!" — „האסט געזען, ווי ער איז אופגעשפרונגען?" סערזשאנט ערליך קוקט זיך גאוהדיק ארום און טראגט אריין צו זיך אין ביכל נאך א פונקט. ער פארנעמט היינט דעם ערשטן ארט אין דער רשימה, ווייל ער האט דריי מאל שוין געטראפן אין ציל.

„וואס זאגסטו דערצו?" פרעגט קאט.

איך שאקל צו מיטן קאפ.

„ווען אים וועט ווייטער אזוי אפגליקן מיטן שיסן, וועט ער היינט אוונט האבן אין קנאפלאך מיט א בענדל מער," זאגט קראפ.

„אָדער ער וועט ווערן וויצע־פעלדפעבל,“ לייגט קאַט צו.
מיר קוקן זיך איבער. „איך וואָלט דאָס ניט געטאָן,“ זאָג איך.

„עס איז נאָך גוטס“, זאָגט קאַט, „וואָס דו זעסט דאָס לכל־הפחות איצט איין.“

סערזשאַנט ערליך גייט ווייטער צו צום וואַל. די קאָלבע פון זיין ביקס הויבט זיך אָן דרייען אין אַלע זייטן.

„איצט זעסטו שוין, אַז קענען דעם־אָ איז דאָס, וואָס ס'האָט מיט דיר פּאַסירט, גאַרניט ווערט די רייד“, זאָגט אַלבערט.

איצט פאַרשטיי איך שוין אַליין ניט, וואָס דאָס איז מיט מיר נעכטן געווען.

„דאָס איז געשען צוליב דעם, וואָס איך האָב אַזוי לאַנג געמוזט ליגן מיט אים“, זאָג איך. מלחמה בלייבט מלחמה.

עלריכס ביקס טראַסקעט קורץ און טרוקן.

10.

מיר האָבן באַקומען אַ פיין שטיקל אַרבעט. זאַלבעאַכט מוזן מיר אָפּהיטן אַ דאָרף, וואָס די איינוואוינער האָבן פאַרלאָזן, וויל ער איז געבליבן אין דער אמתער פייער־ליניע.

דער עיקר מוזן מיר אופּפּאַסן דעם פּראָוויאַנט־לאַגער, וועלכער איז נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעליידיקט. שפּייז מוזן מיר זיך אַליין באַזאָרגן פון דעם, וואָס דאָ איז פאַראַן. די אַרבעט איז פאַר אונז, ווי געוואונטשן, — דאָ איז פאַראַן אונזער גאַנצע גרופּע, קאַט, אַלבערט, מילער, טיאַדען, לעער, דעטערינג. היאַע איז טויט. אָבער דאָס איז נאָך אַ גרויס גליק, ווייל אַלע אַנדערע גרופּעס האָבן געהאַט גרעסערע אבידות.

פאַר אַ בלינדאַזש קלייבן מיר אויס אַ קעלער, אין וועלכן אַ טרעפּ פירט אַראָפּ תיכף פון גאַס. דער אַריינגאַנג איז באַשיצט דורך אַ בעטאָן־וואַנט.

מיר האָבן דאָ ווייטער אַ געלעגנהייט אויסצורוען ניט נאָר די ביינער נאָר אויך די נשמה. און אַזעלכע געלעגנהייטן נוצן מיר

אויס; ווייל אונזער מצב איז צו פארצווייפלט, כּדי מיר זאָלן לאַנג בּלייבּן סענטימענטאל. דאָס איז מעגלעך נאר כּל־זמן עס איז נאָך ניט אינגאנצן שלעכט. און אונז בּלייבּט ניט איבּער קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר צו קוקן מיט אָפענע אויגן. מיר מוזן אַזוי זאכלעך זיין, אַז אַנדערעמאָל גרוילט מיך, ווען אין מיין מח פארבּלאָנ־דזשעט אַף אַ רגע, נאר אַ געדאנק פון דער פריערדיקער צייט, פון פאר דער מלחמה. ער בּלייבּט דאָרטן אָבּער ניט לאַנג.

מיר מוזן זיך בּאציען צו אונזער לאַגע לייכט, ווי ס'איז נאר מעגלעך. דעריבּער נוצן מיר אויס יעדע געלעגנהייט דערצו, און זייט בּאַ זייט מיטן גרויל שטייט די נארישקייט, און זיי גייען אריבּער איינס אין דאָס אַנדערע אוממיטלבּאר, גרוזאם, אָן איבּערגאנגען. מיר קאָנען גארניט אַנדערש, מיר ווארפן זיך אין דעם אריין מיט לב־ונפש. איצט ארבּעטן מיר אויך מיט גרויס התמדה, כּדי צו שאפן אַן אידיליע, פארשטייט זיך, אַן אידיליע פון פרעסן און שלאָפן.

קודם־כּל בּעטן מיר אויס דעם גאנצן קעלער מיט מאטראצן, וואָס מיר שלעפּן צוזאמען פון די פארלאָזענע הייזער. אַ זעלנער בּראקירט אויך ניט צו זיצן אַף ווייכס. נאָר אינמיטן קעלער בּלייבּט אַ ליידיקער ארט. נאָכדעם בּאזארגן מיר פאר זיך קאָל־דרעס און פערינעס, אַלץ פּרעכטיקע ווייכע זאכן. אין דארף איז דאָס אַלץ געווען פאראַן. איך גיי מיט אַלבּערטן אַ מאהאגאניע־בּעט, וואס ליגט זיך צוזאמען, מיט אַ חופּה פון בּלאָע זייד איבּער דעם, און מיט אַ שפּיצן־פאָרהאנג. בּאם אריבּערבּריינגען דאס בּעט שוויצן מיר, ווי די בּיבּערס, אָבּער מען קאָן דאָך אַזאַ מין זאַך ניט דורכלאָזן און נאָך איצט ווען עס וועט געוויס אין אַ פּאר טעג ארום שוין צעשמעטערט ווערן פון די קוילן.

איך מיט קאטן מאַכן אַ קליינעם שפּאציר איבּער די הייזער. אין אַ ווילע ארום האבּן מיר שוין אַ טוץ אייער און צוויי פונט פארהעלטענישמעסיק פרישע פּוטער. מיטאמאָל, בּעת מיר געפינען זיך אין אַ שטוב, טוט עס אַ שמארקן זעץ, אַן אייזערנער אויוון פליט מיט שטורעם פארבּיי אונז, און ניט ווייט פון אונז בּויערט ער דורך די וואנט און פארשווינדט. צוויי לעכער זיינען געבּליבּן

אין וואנט. דער אויוון קומט פון דעם אַנטקעגנדיקן הויז, וואו ס'האט אדיינגעשלאָגן א גראנאט. „געהאט מזל," שמייכלט ביטער קאט, און מיר נישטערן ווייטער. מיטאמאל שפּיצן מיר אָן די אויערן און נעמען שטעלן גרויסע טריט. מיר בלייבן שטיין, ווי פארכישופט: אין א קליין שטעלכל דרייען זיך ארום צוויי לעבעדיקע יונגע חזירימלעך. מיר רייבן זיך די אויגן און טוען ווייטער א קוק אהין: זיי שטייען נאָך דאָרטן אינדערמיטן, דאָס זיינען טאקע אָן שום ספק צוויי חזירימלעך.

איצט וועלן מיר זיך שוין צוגרייטן אַ גרויסארטיקע וועטשערע! בערך פופציק טריט פון אונזע רבלינדאזש שטייט אַ קליין הייזעלע, וואו ס'זיינען איינקווארטירט געווען אָפיצירן. דאָרטן אין קיך איז פאַראַן אַ גרויסע פּליט מיט צוויי בראָט=פאנען, מיט טעפּ און מיט קעסלען. אַלץ איז דאָ, עס שטייט אַפילו אַ שטעלכל, וואָס איז פול אָנגעפּאקט מיט אָנגעהאקטן האָלץ — אַן אמת פּאַרכשופטע הייזל פון אַ קינדער=מעשהלע.

פון אינדערפרי אָן שטייען שוין צוויי מאַן אין פעלד און זוכן קארטאפליעס, בוריקעס און יונגע אַרבעסלעך. מיר האָבן שוין גבירישע אַפּעטיטן, מיר לאַכן זיך אויס פון די קאָנסערוון פונם פּראָוויאנט=לאַגער, מיר ווילן אַמאָל טועם זיין אַ פרישע זאך. אין אונזער שפּייז=קאמער ליגן שוין צוויי קעפּלעך בלומען=קרויט.

די חזירים זיינען אָפּגעקוילעט. דאָס האָט קאַט געטאָן, צו דעם געבראָטנס ווילן מיר נאָך מאַכן פּאַמפּעשקעס. מיר געפינען נִיט קיין טארטקע פאר די בולבעס. אָבער דערצו האָבן מיר באַלד אויך אַ מיטל. אין אַ בלעכענעם דעקל קלאַפּן מיר מיט טשוועקעס דורך אַ סך לעכלעך, און מיר שטייען שוין און רייבן. דריי פון אונז טוען אָן גראָבע הענטשקעס, כדי זיך נִיט צו צעדראַפּען די פינגער באם רייבן, צוויי אנדערע שיילן די קארטאפל, און די ארבעט גייט זייער גיך.

קאַט גרייט צו דאָס חזיר=פליש, די בוריקעס, אַרבעס און קרויט. צו דעם בלומען=קרויט גרייט ער אפילו צו אַ ווייסע זופּ. איך באַק פּאַמפּעשקעס, צו פיר מיטאמאָל. אין צען מינוטן אַרום לערן איך זיך אויס אזוי קונציק אַרומצודרייען די פאַן, אַז די

פּאַמפּעשקעס, וואָס זיינען שוין אַף איין זייט פּאַרטיק, טוען אַ פלי אינדערהויך, דרייען זיך איבער אינדערלופטן און פאַלן צוריק אַריין אין פאַן. די חזירימלעך ווערן אָפּגעבראָטן גאַנצערהייט. אַלע שטייען אַרום זיי אין התפּעלות, ווי אַרום אַ מזבח.

דערווייל זיינען געקומען געסט, צוויי ראַדיאָ=טעלעגראַפיסטן, וועלכע ווערן ברייטהאַרציק איינגעלאַדן צום עסן. זיי זיצן אין צימער, וואו עס שטייט אַ קלאַוויר. איינער שפּילט, דער צווייטער זינגט „באַם טייך וועזער." ער זינגט דאָס מיט געפיל, אָבער מיט אַ האַרטער סאַקסישער אויסשפּראַך. פונדעסטוועגן רירט אונז דאָס זייער.

מיר הייבן אָן צו מערקן, אַז עס וועט עפּעס געבן. פון די אויסקוק=באַלאָנען האָט מען דערזען דעם רויך, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן פון אונזער קיכען, און מען הייבט אונז אָן צו באָמבאַרדירן מיט די קליינינקע שראַפּנעלן, וועלכע שיטן זיך זייער נידעריק איבער דער ערד און מאַכן אָן אַ חורבן מיט זייערע שפּריצנדיקע שפּליטערס. דאָס פייפן ווערט אַלץ נעענטער, אָבער מיר קאָנען דאָך ניט לאָזן פאַלן אונזער עסן. די חברה דערלאַנגט פייער. אַ פּאָר שפּליטערס פליען אַריין מיט אַ טומל דורכן קיכן=פענסטער. מיר זיינען שוין באַלד פאַרטיק מיטן געבראַטנס. אָבער באַקן די פּאַמפּעשקעס ווערט שוין איצט שווערער. עס נעמט אַזוי געדיכט האָגלען, אַז די שפּליטערס פּאַטשן אָן אויפהער איבערן וואַנט פון הויז און פליען אַריין דורך די פענסטערן. יעדעס מאָל, ווען איך הער אַ שראַפּנעל פייפנדיק, טופּע איך זיך איין מיט דער פאַן פּאַמפּעשקעס אין האַנט. ווען עס הערט אויף, שטעל איך זיך אַוועק און באַק ווייטער.

אונזערע געסט הערן אויף שפּילן — אין קלאַוויר איז אַריינגעפלויגן אַ שפּליטער. מיר זיינען שוין איצט כמעט פאַרטיק און גרייטן זיך צו מאַכן פּיס. נאָכן קומעדיקן קלאַפּ לויפן שוין צוויי פון אונז, מיט טעפּ געקעכץ אין די הענט דעם מהלך פון די פופציק מעטער ביזן בלינדאַזש. מיר זעען, ווי זיי פאַרשווינדן.

אַ נייער שאָס. אַלע בויגן זיך איין, און נאָכדעם לויפן שוין אַרויס נאָך צוויי מאַן מיט גרויסע טעפּ אויסגעצייכנטן קאַווע אין

די הענט, און זיי באַווייזן נאָך צו דער רעכטער צייט צו דערגרייכן דעם בלינדראַוש.

איצט כאַפּן קאַט און קראַפּ דעם עיקר: די גרויסע פאַן מיט די ברוינע אויסגעבראַטענע חזירימלעך. אַ פּיפּערײַ, אַ טופּען זיך, און זיי לויפן שוין אויך, ווי משוגע איבער די פּופּציק מעטער פרייען שטח.

איך - פאַרענדיק נאָך באַקן מײַנע לעצטע פיר פּאַמפּעשקעס דערבײַ מוז איך צוויי מאָל זיך לייגן אַף דער ערד — אָבער ס'איז ניט קיין קלייניקייט, מיט פיר פּאַמפּעשקעס מער, דאָס איז דאָך מיין באַליבטער מאכל.

נאכדעם כאַפּ איך דאָס בלעך מיט דעם באַרג געבעק און פאַרלאָז דאָס הייזל. אַרום זשיפּעט און זשווישעט און טראַסקעט, און איך לויף אין איין אָטעם, מיט בײדע הענט צודריקנדיק, דאָס בלעך צום האַרצן. איך בין שוין כמעט אָנגעקומען, און דאָ וואַקסט זיך דאָס פייפן אַלץ פאַנאַנדער, איך פלי, ווי א הירש, די שפּליטערס פּאַטשן איבערן מויער . זוכנדיק א באַדעקונג, דריק איך זיך צו דער בעטאָן=וואַנט, נאכדעם קוויץ איך אַראָפּ מיט טייוולאָנישער געשווינדקייט דעם טרעפּ, מײַנע עלנבויגנס זײַנען צעקלאַפּט ווי אַן עפּל, אבער פונדעסטוועגן האָב איך אפילו קיין איין פּאַמפּעשקע ניט פאַרלאָרן..

צוויי אַזייגער זעצן מיר זיך עסן. עס פאַרציט זיך ביז זעקס. ביז האַלב זיבן טרינקען מיר קאַווע — אָפיצירישע=קאַווע פון פּראָוויאַנט=לאַגער — און רויכערן דערבײַ אָפיצירישע ציגאַרן און סיגאַרעטן — אַלץ פון פּראָוויאַנט=לאַגער. פונקט האַלב זיבן הויבן מיר אָן עסן וועטשערע. צען אַזייגער וואַרפן מיר אַרויס דורך דער טיר די ביינער פון די חזירימלעך. דערנאָך טרינקען מיר קאָניאַק און ראָם, אַלץ פון דעם געבענטשטן פּראָוויאַנט=לאַגער, און צום סוף רויכערן מיר ווײַטער לאַנגע, גראָבע ציגאַרן מיט פאַרשנירטע בײַכער. טיאַדען קלאָגט זיך, אַז ס'פעלט נאָר איין זאַך: נקבות פון אָפיצירישע בתי=זונות.

שפּעט אינאָוונט דערהערן מיר אַ מיאַוקען. באַם אַרײַנגאַנג זיצט אַ קליין, גראָ קעצל. מיר באַקומען זי אַריין און קאָרמען

איר. צוזועענדיק, ווי דאָס קעצל עסט, באַקומען מיר פונדאַסניי אַפּעטיט. מיר לייגן זיך שלאָפן קייענדיק.

אַ נאַכט האָבן מיר ניט קיין גוטע. מיר האָבן אַריינגעפּאַקט אין זיך צופיל פעטע אכילות. פליש פון א יונג געבראָטן חזירל ווירקט שלעכט אפן מאָגן. אין בלינדאַזש הערשט אַ גרויסע באַוועגונג: לויטער מען גייט און מען קומט. איך אליין בין נייען מאָל אפן וועג. ארום פיר אַזייגער באַטאָג שלאָגן מיר דעם רעקאָרד: אַלע עלף מאַן, באַלעבאַטים און געסט, זיצן שוין אין דרויסן.

ברענעדיקע הייזער שטייען אינדערנאַכט, ווי פאקלען. גראַנאַטן פייפן און שלאָגן איין. איבערן וועג פליען מוניציע-אַבאַזן. דער פּראָוויאַנט-לאַגער איז פון איין זייט אופגעריסן. צולהכעיס די שפּליטערס, קלייבן זיך דאָרטן די אָבאָז-סאָלדאַטן אַרום, פונקט ווי אַ מחנה בינען, און זיי שלעפן דאָס ברויט. מיר לאָזן זיי. וואָלטן מיר געפּרואווט זיך אנטקעגנשטעלן, וואָלטן מיר זיכער געכאַפּט אין די ציין. דעריבער טוען מיר אַנדעריש. מיר דערקלערן זיי, אז מיר זיינען דער פּאַטרול, און אזוי ווי מיר ווייסן, וואָס דאָרטן טוט זיך, ברענגען מיר זיי די קאָנסערוון און בייטן דאָס אויס אַף יענע זאַכן, וואָס פעלן אונז. ווהס פאר א באַטרעף דאָס האָט שוין — היינט-מאָרגן וועט דאָך דאָס סוי-ווי אַלץ אוועק מיטן רויך. מיר אַליין עסן גאַנצע טאָוולען שאָקאָלאַד פון דעפּאָ. קאַט זאָגט, אז דאָס איז א גוט מיטל צו א לייזן מאָגן. —

בערך צוויי וואָכן גייען אַזוי אוועק אין עסן, טרינקען און ליידיקגיין. דאָס דאָרף ווערט בהדרגה פאַרטיליקט אונטער די גראַנאַטעס, און מיר פירן אַ גליקלעך לעבן. כל-זמן עס איז נאָך פאַראַן א טייל פון פּראָוויאַנט-לאַגער, איז אונז אַלץ גלייך, און אונזער איינציקער וואונטש איז, דאָ זיך צו דערוואַרטן אפן סוף פון קריג.

טיאַדען איז איצט געוואָרן אַזוי גרויסאַרטיק, אַז די ציגאַרן רויכערט ער שוין אויס נאָר ביז צום העלפט. ער דערציילט מיט גאוה, אז אזוי איז ער פון שטענדיק איינגעוואוינט. קאַט איז אויך

שטאַרק האָפֿערדיק, ווי נאָר ער באַווייזט זיך אינדערפֿרי אויפֿצובאַפֿן, שרייט ער שוין: „עמיל, בריינגט אַהער קאַוויאַר און קאַווע.” בכלל זיינען מיר געוואָרן שטאַרק אַריסטאָקראַטיש, יעטווידער האַלט דעם אַנדערן פֿאַר זיין בוריש, רעדט צו אים מיטן לשון „איר” און גיט אים אַרבעט. „קראַפּ, עפּעס בייסט מיר אונטערן פֿוס, כאַפּט אָקאָרשט די כנהי”, מיט די ווערטער ציט ער צו אים אויס די פֿוס, ווי אַ באַלערינע, און אַלבערט כאַפּט אָן די פֿוס און שלעפּט אים אַרויף די טרעפּ. „טיאַרען!” — „וואָס?” — שמעלט זיך, ווי געהעריק, טיאַדען, און מען זאָגט ניט: „וואָס”, נאָר „צום באַפֿעל” — פֿאַרשטאַנען?”

אין אַכטאָג אַרום באַקומען מיר אַ באַפֿעל אַוועקצוגיין אויס מיטן גן־עדן. מיר פֿאָרן אָפּ אין צוויי גרויסע משא־אויטאָמאָבילן, וועלכע זיינען פֿול אָנגעפּאַקט מיט ברעטער. און אַף דעם פּאַק איך מיט אַלבערטן נאָך אַרויף אונזער הימל־בעט מיט דער זיידענער חופּה, מיט די מאַטראַצן און מיט די שפּיצן־פֿאָרהאַנגלעך, צוקאָפּנס פֿון בעט לייגן מיר אַוועק זעקלעך מיטן בעסטן פּראָוויאַנט. פֿון צייט צו צייט רירן מיר אָן די זעקלעך און מיר קוועלן אָן פֿון שמחה, בעת מיר דערפֿילן די אַלע טיי־וואורשטן די שאַכטלען מיט די לעבער־וואורשט, די קאָנסערוון, די ציגאַרן־קעסטלעך. יעדער איינער האָט באַ זיך אַזאַ מין אָנגעפּאַקטן זאַק.

איך און קראַפּ האָבן נאָך אַחוץ דעם אַרויסגעראַטעוועט צוויי רויטע פּלישענע לען־שטולן. די שטולן שטייען אין בעט, און מיר זיצן אין זיי און הוסטן אונטער חשובדיק, אַזוי ווי אין אַ טעאַטער־לאָזשע. אָט אַזוי קוקן מיר אַראָפּ אַף דער געגנט, זיצנדיק אינדערהויך.

אַף אונזער אויטאָ שטייט אויך אַ פּאָפּוגיי־שטייג, וואו מיר האָבן איינפּלאַצירט די קאַץ. מיר האָבן זי מיטגענומען און זי ליגט פֿאַר איר פּליוש־שאָלעכין און מרוקעט הנאהדיק.

פּאַמעלעך ציען זיך די אויטאָס איבערן שליאַך. מיר זינגען. הינטער אונז ווערט אונטער די שראַפּנעלן חרוב דאָס פֿאַרלאָזענע דערפֿל.

* * *

אין עטלעכע טעג אַרום שיקט מען אונז ווייטער אָפּצוראַמען אַ שטעטל. אַפן וועג אַהין טרעפן מיר די אַנטלויפנדיקע איינוואוינער, וועלכע מען האָט פון דאָרטן אַרויסגעשיקט. זיי שלעפּן מיט זיך זייער האָב־און־גוטס, אַנדערע אַף פורלעך, אַנדערע אַף קינדער־וועגלעך, און אַנדערע — אַפן רוקן. זייערע געשטאַלטן זיינען געבויגן, זייערע פּנימער — פול צער, פאַרצווייפלונג, פאַריאָגטקייט און הכנעה. די מאַמעס טראָגן זייערע קינדער אַף די הענט, אָפטמאָל פירט אַן עלטערע מיידעלע די קלענערע קינדער, וועלכע שלעפן זיך פאַרמאַטערט און קוקן זיך כּסדר אום. אַנדערע קינדערלעך טראָגן מיט זיך ליאַלקעס. זיי גייען אונז פאַרביי שטיל, ניט אַרויסלאָזנדיק קיין זיפץ.

מיר גייען אין אַ פולער קאָלאָנע, ווייל מיר זיינען זיכער, אַז די פּראָוואַנציאַציע וועלן דאָך ניט שיסן אין אַ דאָרף, וואו עס זיינען נאָך פאַראַן זייערע אייגענע פּויערים. אָבער שוין אין אַ פּאָר מינוטן אַרום הויבט די לופט אָן צו וואָיען, די ערד נעמט ציטערן, עס דערטראָגן זיך קולות — אין די לעצטע רייען האָט איינגעשלאָגן אַ גראַנאַט. מיר לויפן זיך פאַנאַנדער און לייגן זיך אויס אַף דער ערד, אָבער אין דער רגע דערפיל איך, ווי יענע שפּאַנונג, וועלכע ווייזט מיר שטענדיק אינסטינקטיוו אָן בעת אַ סכנה, וואָס מען דאַרף טאָן, לאָזט מיך אָפּ, מיט אַ ווערגנדיקן, מאַטערדיקן פחד קומט אין מיר אויף אַ געדאַנק „דו ביסט אַ פאַרפאַלענער" — און אין דעם צווייטן מאָמענט טוט מיר שוין אַ זעץ איבערן לינקן פוס אַ פייערדיקע בייטש. איך הער, ווי אַלבערט שרייט, ער ליגט לעבן מיר.

„לויפן, אַלבערט, לויפן!" שריי איך ניט מיט מיין קול, ווייל איך זע, ווי מיר ליגן ניט־באַשיצט אין פרייען פעלד.

ער הייבט זיך וואַקלדיק אויף און לויפט. איך לויף נאָך אים; מיר מוזן אַריבערשפּרינגען אַ צוזאַמענגעפלאָכטענעם פּלויט פון קוסטעס, וואָס איז העכער פון אונז. קראָפּ כאַפּט זיך אָן פאַר די צווייגן, איך נעם אים אָן פאַרן פוס, ער טוט אַ געשריי, כּדי זיך אויפצומונטערן, איך שטופּ אים אונטער, ער פליט אַריבער. מיט

איין שפּרונג בין איך שוין הינטער אים און איך פאַל אַריין אין אַ טייך, וואָס געפינט זיך הינטערן פּלויט.

אונזערע פּנימער ווערן אינגאַנצן פאַרוויקלט מיט וואַסערגעוויקסן און פאַרקויטיקט מיט זומפּ, אָבער דער שוץ איז אַ גוטער. דעריבער לאָזן מיר זיך אַראָפּ אין וואַסער ביזן האַלז צו. ווען אַ גראַנאַט טוט אַ פּייף, טונקען מיר זיך אָפּ מיטן קאָפּ אונטערן וואַסער.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך שוין אַראָפּגעלאָזן און אַרויפֿגעהייבן אַמאָל צוועלף, האָב איך שוין מער קיין כּח ניט. אַלבערט קרעכצעט אויך: „לאָמיר אַוועק פון דאַנען, אַניט וועל איך זיך מער ניט קאָנען האַלטן."

„און וואָס פאַר אַן אָרט האָט מען דיר אַריינגעשאָסן!"

פרעג איך.

„דאַכט זיך, אַז באַם קני."

„קאָנסטו נאָך לויפן?"

„מיר שיינט, אַז יאָ —"

„אויב אַזוי לאָמיר לויפן."

מיר לויפן געבויגן לייגנ=אויס דעם גראָבן פּאָשע וועג. דאָס פייער יאָגט אונז נאָך. דער וועג פירט צו דעם מוניציע=לאַגער. ווען זי וועט זיך נאָר איינגעבן אויפצורייסן דעם לאַגער, דעמאָלט וועט שוין פון אונז אויך קיין געדעכעניש ניט בלייבן. דעריבער בייטן מיר אוים אונזער פּלאַן און מיר לויפן באַלכסון איבערן פעלד.

אַלבערט הויבט זיך אָן פּאַמעלעכער באַוועגן. „דו לויף, איך וועל דיך אָניאָגן," זאָגט ער און לייגט זיך.

איך כאַפּ אים אָן פאַרן אָרעם און טרייסל אים אויף. „הייב זיך אויף, אַלבערט, ווען דו לייגסט זיך איצט אַוועק, וועסט שוין מער ניט קאָנען זיך אויפהייבן. קום, איך וועל דיך אונטערהאַלטן."

מיר דערשלעפּן זיך צו אַ קליינעם בלינדאַזש. קראָפּ לייגט זיך אַנידער, און איך פאַרבאַנדאַזשיר אים. די קויל זיצט אַביסל העכער איבערן קני. נאָכדעם באַטראַכט איך מיין אייגענע צרה. מיינע הויזן זיינען פאַרבלוטיקט, אויך דער אָרעם איז אין בלוט. אַלבערט פאַרבאַנדאַזשירט מיינע וואונדן. ער קאָן שוין מער ניט

רירן זיין פוס, און מיר וואונדערן זיך, ווי האָבן מיר זיך דער־שלעפּט אהער. דאס האט אונז דער פּחד געטריבן, אויב מען וואָלט אונז אפילו אַראָפּגעשאָסן די פיס, וואָלטן מיר אויך גע־לאָפן — אף די קלומפּעס.

איך האָב נאך אביסל כח צו פּרואוון, און איך רוף צו אַ פאַרבײַפאָרנדיקע פור, וועלכע נעמט אונז מיט. די פור איז פול מיט פארוואונדיקטע. דאָרטן זיצט אויך אַ סאניטאר, וועלכער מאַכט אונז אַן אײַנשפּריצונג קעגן פאַרקראַמפּט ווערן.

אין פעלד־לאַזאַרעט באַקומען מיר אויך די מעגלעכקייט צו ליגן אין נאָענטער שכנות. מען גיט אונז דאָרטן אַ שיטערע גע־קעכץ, וואָס מיר זופן אויס זשעדנע, אָבער מיט ביטול, ווייל מיר האָבן דאָך שוין געזען בעסערע צייטן. מיר עסן דאָס נאָר, ווייל מיר זײַנען שטאַרק הונגעריק.

„נו, אַלבערט, איצט קומען מיר אַהיים,“ זאָג איך.

„לאָמיר האָפן,“ ענטפערט ער. „איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, וואָס מיר איז.“

די ווייטיקן שטאַרקן זיך. די באַנדאַזשן ברענען ווי פייער מיר זופן אָן אופהער אײן גלאָז וואסער נאך דער אַנדערער.

„ווי הויך איבער מײַן קני גרייכט דער שאָס?“ פרעגט קראָפּ.

„לכל־הפּחות אַ צען סאַנטימעטער, אַלבערט“, ענטפער איך. אינדערעמתן איז דאָס ניט מער, ווי דרײַ.

„דאָס האָב איך זיך שוין פאַרגענומען“, זאָגט ער אין אַ ווײַלע אַרום, „אַז קוים שנײַדן זיי מיר אַרויס אַ ביין, נעם איך זיך דאָס לעבן. איך וויל ניט בלײַבן לעבן קיין קאַליקע.“

אזוי ליגן מיר מיט אונזערע מחשבות און וואַרטן.

* * *

אינאָוונט טראָגט מען אונז צום שעכט־בײַנקל. איך דער־שרעק זיך און באַקלער אַף גיך, וואָס איך זאָל טאָן; ווײַל ס'איז דאָך אַ באַוואוסטע זאַך, אַז די דאָקטוירים אין די פעלד־לאַזאַ־רעטן שנײַדן מיט אַ לייכט האַרץ. בײַ דעם גרויסן אָנשוואוס פון פאַרוואונדיקטע איז דאָך אַראָפּשנײַדן אַסך פּשוטער, ווי דאָס

קאָמפּליצירטע היילן און פּאַרלאַטען. איך דערמאָן זיך אָן קעמעריך. איך וועל זיך בשום אופן ניט לאָזן באַטויבן, און ווען ס'וועט מיר אַפילו אויסקומען זיי צו שפּאַלטן די מחות.

עס גייט גוט. דער דאָקטאָר זאָנדירט אין וואונד אַזוי לאַנג, אַז מיר ווערט פינסטער אין די אויגן. „מאַכט נאָר ניט קיין אָנשטעל", שרייט ער אָן אויף מיר און קריכט ווייטער אין וואונד. די אינסטרומענטן בליאַשטשען אין דאָס בלענדנדיקע ליכט, ווי חיות-רעות. די יסורים זיינען ניט צו דערטראָגן. צוויי לאַזאַרעט-זעלנער האַלטן מיך פעסט בא די אָרעמס, אָבער מיר גיט זיך דאָך איין ארויסצורייסן איין האַנט, און איך וויל שוין מיט איר אַריינפאָרן דעם דאָקטאָר אין די שפּאַקולן, אָבער ער דערזעט דאָס און שפּרינגט אָפּ. „כלאָראָפּאָרמירט דעם חברה-מאַן!" שרייט ער, שטאַרק אין כעס.

איך באַרואיק זיך. „זייט מיר מוחל, הער דאָקטאָר, איך וועל קיין פּיפּס ניט געבן, אָבער איך בעט אייך, כלאָראָפּאָרמירט מיך ניט."

„יאָ, יאָ", וואָרטשעט ער און נעמט זיך ווייטער צו זיינע כלים. ער איז אַ בלאָנדער יונגערמאַן, אַרום דרייסיק, מיט עקל-דיקע גאָלדענע שפּאַקולן און מיט אַ פּנים, וואָס איז פול מיט צייכנס פון דועלן. איך מערק, אַז ער איזדיעקעוועט זיך איצט איבער מיך, ער ריעט זיך גלאַט אַזוי אין מיין וואונד און כאַפּט אַ גנבישן קוק אַף מיך איבער זיינע שפּאַקולן. איך האַלט זיך פעסט, איך וועל גיכער פגרן, איידער ער וועט דערהערן אַ מוק פון מיר.

ער האָט ארויסגענומען פון מיין וואונד אַ שפּליטער און וויזט מיר דאָס. ווי עס שיינט, איז ער צופרידן פון מיין האַלטן זיך, ער קוקט מיך אָן און זאָגט: „מאָרגן וועט איר שוין אָפּפאָרן אַהיים." נאָכדעם ווער איך איינגעגיפּסט. ווען איך בין שוין ווייטער צוזאַמען מיט קראָפּן דערצייל איך אים, אַז מסתמא וועט מאָרגן אָנקומען אַ לאַזאַרעט-צוג.

„מיר מוזן בעטן דעם סאַניטאַר-פעלדפעבל, ער זאל אונז איינפּלאַצירן צוזאַמען.

עס גיט זיך מיר איין מכבד צו זיין דעם פעלדפעבל מיט א פאָר פון מיינע ציגארן, ער באשמעקט זיי און פרעגט: „האָסטו נאָך אַזעלכע פון דעם מין?"

„ס'זיינען נאָך פאַראַן אַפּולע", זאָג איך, „און מיין חבר", איך ווייז אָן אַף קראַפּ, „האָט נאָך אויך אַסך. מיר וואָלטן אייך דאָס וועלן צוזאַמען מאָרגן דערלאַנגען פונם פענסטערל פון דעם לאַזאַרעט=צוג."

ער פאַרשטייט אַן עסק, טוט נאָך א צי מיט די נאָזלעכער און זאָגט: „ס'איז געמאַכט."

באַנאַכט קאָנען מיר אַף קיין איין מינוט ניט איינשלאָפן. אין אונזער פּאַלאַטע שטאַרבן זיבן מאַן. איינער זינגט מיט א קול פון א באַק אַ גאַנצע שעה צייט קלויסטער=געזאַנגען, ביז ער הויבט אָן כאָרכלען. א צווייטער איז פאַר דער גסיסה ארויס פון בעט און צוגעפּויזשעט צום פענסטער. ער ליגט פאַרן פענסטער, אזוי ווי ער וואלט וועלן צום לעצטן מאל ארויסקוקן אַף דער וועלט —

* * *

אונזערע טראַג=בעטלעך שטייען אפן וואקזאל. מיר וואַרטן אפן צוג. ס'רעגנט, און איבערן וואקזאל איז ניטא קיין דאך. צו= גערעקט זיינען מיר מיט דינע קאלדרעס. מיר ווארטן שוין צוויי שעה.

דער פעלדפעבל פאַסט אונז אוף, ווי א געטרייע מאַמע. איך פיל זיך אפילו זייער ניט גוט, אבער פון אונזער פלאַן זאג איך זיך דאך ניט אפּ. בלאַחר=יד לאז איך אים זען די פּעקלעך, און איך דערלאַנג אים אַ ציגאַר, אַן אדערוף. דערפאַר דעקט אונז דער פעלדפעבל אַריבער מיט אַ געצעלט=לייוונט.

„אַלבערט", דערמאַן איך זיך, „אונזער הימל=בעט און די קאַץ —"

„און די ווייכע לען=שטולן", לייגט ער צו.

יאַ, די לען=שטולן פון רויטן פּליש. אין די אוונטן זיינען מיר אין זיי געזעסן, ווי די מאַגנאַטן, און האבן אפילו געמאַכט אַ פּלאַן, זיי צו פאַרדינגען אַף שעהן. א סיגארעט א שעה.

ס'וואלט געווען אַ גוט געשעפט און מיר וואלטן געמאכט א לעבן.

„אלבערט", דערמאן איך זיך ווייטער, „און אונזערע זעקלעך אכילה"?

עס ווערט אונז אומעטיק. מיר וואלטן דאס איצט גאנץ גוט געקאנט געברויכן, ווען דער צוג וואלט אפגעגאנגען מיט א טאָג שפעטער, וואלט אונז קאט בלי־ספק אויסגעפונען און גע־בראכט די פעקלעך."

ווי פארשאלטן מיר זיינען, אין אונזער מאגן פליאשקעט זיך ארום אַ שיטער מעל־געקעכץ, אין דער צייט, וואס אין אונזערע זעקלעך ליגט געבראטענע חזיר־פלייש. אבער מיר זיינען אַזוי אפגעשוואכט, אז מיר קאנען זיך אפילו ניט מאַכן צוליב דעם קיין צו גרויסע שברי־לב.

ווען צום סוף קומט שוין אן דער צוג, זיינען די טראג־בעטלעך אינגאַנצן דורכגענעצט. דער פעלדפעבל ארדנט איין אזוי, אז מיר זאלן אריינפאַלן אין דעמזעלביקן וואגאן. אין צוג איז פאַראַן אַ גאנצע מחנה בארימהארציקע שוועסטערן. קראפן לייגט מען אוועק אין אן אונטערשטן בעטל, מיך הייבט מען אַרויף אפן בעטל איבער אים.

„וואס טוט איר דען?" רייסט זיך פלוצלונג אראפ פון מיינע ליפן.

„וואס איז?" פרעגט די שוועסטער.

איך ווארף נאך אַ קוק אפן בעט. עס איז אויסגעבעט מיט שניי־ווייסע לייוונטענע ליילעכער. מיין העמד אבער איז שוין זעקס וואכן ניט געוואשן.

„קאנט איר דען ניט ארופקריכן?" פרעגט די שוועסטער מיט אַ פארזארגטן קול.

„איך קאן", זאג איך, און שוויים גיסט זיך פון מיר, „אבער נעמט דאך פריער אוועק דאס בעטציייג."

„פארוואס?"

איך קום זיך אַליין פאר, ווי א דבר־אחר. און דא זאל איך מיך לייגן? — „עס וועט דאך —" איך קווינקל זיך.

„אַ קאַפּעליע שמוציק ווערן?״ מונטערט זי מיך אויף. „דאָס מאַכט ניט אויס, וועלן מיר דאָס נאָכדעם ווייטער אויס־וואַשן.״

„ניין, ניט דאָס — ״, זאָג איך אין גרויס אויפרעקונג. מיינע כּחות זיינען צו שוואַך אויסצוהאַלטן אָט די קולטור־אַטאַקע.

„דערפאַר, וואָס איר זייט געלעגן אין די אַקאַפּעס, מעגן מיר נאָך אויסוואַשן אייער לײלעך״, זאָגט זי ווייטער.

איך קוק זי אָן, זי איז יונג און יאַדערדיק, און פריש אויס־געצוואָגן. זי שיינט, ווי שוין אַלץ אַרום, עס ווילט זיך פּשוט ניט גלויבן, אַז דאָס איז אייגנטלעך ניט נאָר פּאַר אַפּיצירן, מען פילט זיך עפּעס ניט געמיטלעך און מען שרעקט זיך אַפילו אַ קאַפּעליע.

די שוועסטער פּיניקט מיך אָבער, ווי אַ תּליון, זי שטייט צו, איך זאָל אַלץ זאָגן. „איך מיין דאָס״ — איך דערריד ניט, זי מוז דאָך פאַרשטיין, וואָס איך מיין.

„וואָס מיינט איר?״

„איך מיין די ליין״, שריי איך פאַרצווייפלט אַרויס.

זי לאַכט. „זיי דאַרפן דאָך אויך אַמאָל לעבן אַ גוטן טאָג.״

איצט איז מיר שוין אַלץ איינס. איך קריך אַריין אין בעט און דעק מיך צו.

עמיצנס פינגער שאַרן איבער דער קאָלדרע. דער פעלד־פעבל. ער כאַפּט די ציגאַרן און ציט אָפּ.

אין אַ שעה אַרום פאָרן מיר אָפּ.

* * *

באַנאַכט כאַפּ איך זיך אויף. קראָפּ רירט זיך אויך. דער צוג גליטשט זיך שטיל איבער די שינעס. עפּעס לאָזט זיך דאָס גאָרניט באַנעמען מיטן שכל: אַ בעט, אַ צוג, מען פאָרט אַהיים. איך שעפּטשע: „אַלבערט!״

„יאָ — ״

„ווייסטו, וואו דאָ איז דער אָפּטריט?״

„מיר דאַכט, די אַנטקעגנדיקע טיר רעכטס.״

„איכ'ל זען." ס'איז פינסטער, איך טאפ דעם ראנד פון בעט און איך בין בדעה פאָרזיכטיק זיך אראָפּצולאָזן. אָבער מיין פוס געפינט נים קיין אָנשפאר, איך גליטש זיך ווייטער, און מיט רעש פאל איך אראָפּ אף דער פּאָדלאָגע.

„איינגעזונקען!" — זידל איך זיך אויס.

„האָסט זיך צעמזיקט?" פרעגט קאט.

„האָסט דאָס גאַנץ גוט געהערט דאכט זיך", וואָרטשע איך אין כעס, „מיין קאָפּ — "

א טירל אין הינטערשטן וואַנט פון וואגאָן עפנט זיך. עס קומט אריין די שוועסטער מיט אַ ליכט אין דער האנט און דער־זעט מיך.

„ער איז אראָפּגעפאלן פון בעט — "

זי נעמט אָן מיין פולס און באטאפּט מיר דעם שטערן.

„איר האָט אָבער נים קיין היץ."

„ניין — ", בין איך מסכים.

„האָט זיך אייך עפּעס געחלומט?", פרעגט זי.

„לערך אזוי", מייד איך אוים א גראדן ענטפער. איצט הויבט זי ווייטער אָן צו שטעלן קשיות. זי קוקט מיך אָן מיט אירע בלישטשעדיקע אויגן, זי איז אזוי ריין און וואונדערלעך, און איך קאָן איר נים זאָגן, וואָס איך וויל.

מען הייבט מיך ווייטער ארוף. א שיינע געשיכטע, ווי גאר זי וועט אוועקגיין, מוז איך תיכף פונדאָסניי פּרואוון אראפּקריכן. וואָלט זי געווען אן עלטערע פרוי, וואָלט איך איר שוין געזאָגט, אבער זי איז דאך אזוי יונג, העכסטנס פינף־און־צוואנציק, כ'איז נישט צו מאכן, איך קאָן דאס איר נים זאגן.

דאָ קומט מיר אָבער אַלבערט צוהילף, ער שעמט זיך נים, און סוף־כל־סוף איז ער דאָך אויך נים דער באטראָפענער. ער טוט איר אַ רוף. זי קערט זיך אום. „שוועסטער, ער האָט גע־וואָלט" — אָבער אַלבערט ווייס שוין אויך נים מער, ווי מען דאַרף זיך אויסדריקן לייטיש. צווישן זיךריידן מיר וועגן דעם גאָר פשוט, מיט איין וואָרט, אָבער דאָ, צו אַזא דאַמע — —

מיטאַמאָל דערמאָנט ער זיך אַף דער שול־צײַט, און ער פֿאַרענ־
דיקט אַף גיך: „ער וויל ארויסגיין, שוועסטער.״

„אַזוי,״ זאָגט די שוועסטער, „דערצו אָבער דאַרף ער דאָך
ניט קריכן פֿון בעט מיט אַ פֿאַרגיפּסטער פֿוס. וואָס ווילט איר
דען?״ ווענדט זי זיך צו מיר.

איך בין דערשראָקן אַף טויט: ווײַל איך האָב קיין ידיעה
ניט אין דעם, ווי מען רופֿט אָן אָט די זאכן. די שוועסטער
קומט מיר צוהילף:

„קלײן אָדער גרויס?״

איך האָב זיך ניט, וואו צו באַגראָבן פֿון חרפּה. איך שווײַג
שטאַרק און זאָג פֿאַרשעמט: „נו, נאָר קלײן״ —

נאָך געהאַט, לכל־הפּחות, אַבּיסל מזל.

איך באַקום אַ פֿלעשל. אין עטלעכע שעה אַרום בין איך
שוין מער ניט דער איינציקער, און אינדערפֿרי זײַנען מיר שוין
דערמיט אויך אײַנגעוואוינט און מיר זאָגן אָן בושה אַלץ, וואָס
מיר ווילן.

דער צוג פֿאָרט פּאַמעלעך. אַנדערעמאָל שטעלט ער זיך אָפּ,
און די נעשטאָרבענע ווערן ארויסגעטראָגן. ער בלײַבט אָפֿט שטיין.

* * *

אַלבערט האָט היץ. מיר גייט עס נישקשהדיק, איך האָב
אַפֿילו אַבּיסל ווייטיקן, אָבער דאָס ערגסטע איז, וואָס אונטער מײַן
גיפּס־באַנדאַזש זײַנען נאָך פֿאַראַן לײַז. עס בײַסט מוראדיק, און
אויסקראַצן קאָן איך זיך ניט.

גאַנצע טעג ליגן מיר אין דרעמלען. פֿאַר די פֿענצטערן
ציט זיך שטיל פֿאַרבײַ די לאַנדשאַפֿט. אַף דער דריטער נאַכט
קומען מיר אָן אין אַן אָרט, וואָס הייסט הערבעסטאַל. איך דער־
וויס זיך פֿון דער שוועסטער, אַז אַלבערטן וועט מען צוליב זײַן,
כּסדר זיך פֿאַרגרעסערנדיקער היץ, צופֿירן ביז דער נאָענטסטער
סטאַנציע און אים דאָרטן לאָזן אין שפּיטאָל. „ווי ווײַט פֿאָרט דער
צוג?״ פֿרעג איך.

„ביז קעלן.״

„אַלבערט,“ זאָג איך, „ווייסט זען, אַז מיר וועלן בלייבן צוזאַמען.“

בעת די שוועסטער גייט פונדאַסניי צו אונז צו, האַלט איך מיט אַלע כּחות איין מיין אָטעם און צי אים צוריק אין זיך, אין קאָפּ. מיין פּנים ווערט אופגעבלאָזן און רויט. די שוועסטער שטעלט זיך אָפּ. „האָט איר יסורים?“

„יאָ,“ קרעכץ איך, „מיטאַמאָל באַקומען.“

זי דערלאַנגט מיר אַ טערמאָמעטער און זי גייט ווייטער. איך האָב אָבער געהאַט אַ גוטן רבין — קאַטן, און איך ווייס זייער גוט, וואָס מען דאַרף טאָן. די דאָזיקע זעלנערשע טערמאָמעטערס זיינען ניט פאַר אונז, געניטע סאָלדאַטן. ס'איז דאָך גאָר פון די לייכטע זאכן אַרופצוטרייבן דאָס קוועקזילבער און דאָס נאָכדעם איינצוהאַלטן אין דעם רערל, ס'זאָל ניט אַראָפּפאַלן צוריק.

איך לייג אַרונטער דעם טערמאָמעטער אונטערן אָרעם, מיטן קעפּל אַראָפּ, און איך שנעל אָף אים מיטן פינגער. נאָכדעם דריי איך אים אַריבער נאָך אויבן. אַזוי אַרום דערגרייך איך 37,9. דאָס איז נאָך אָבער ווייניק. איך וואַרעם דעם קוועקזילבער אָן מיט אַ שוועבעלע, אָף אַזאַ אופן דערגייט ער ביז 38,7.

ווען די שוועסטער קומט צוריק, הויב איך אָן פרייבן און שווער עטעמען, גלאָץ אָף איר מיט די אויגן, דריי זיך אומרואיק אַרום און שעפּטשע: „מער קאָן איך שוין ניט אויסהאַלטן—“

זי שרייבט מיך איין אין אַ רשימה.

צוזאַמען מיט אַלבערטן טראָגט מען מיך אויך אַרויס פון וואַגאָן.

* * *

מיר ליגן אין אַ קאַטוילישן שפּיטאָל, אין איין צימער. מיר האָבן געהאַט אַ באַזונדערן מזל, ווייל די קאַטוילישע שפּיטאָלן האָבן אַ שם מיט דער גוטער באַהאַנדלונג און גוטן קעסט. דער שפּיטאָל איז אינגאַנצן פאַרנומען מיט קראַנקע פון אונזער צוג.

אַ סך פֿאלן זײנען זײער ערנסטע. הײנט באַקוקט מען אונז נאָך נישט, װײל עס פֿעלן דאָקטױרים. דורכן קאָרידאָר פֿירט מען אָן אופֿהער די פֿלאַטשיקע װעגלעך — אַף די גומיע־רעדער, און שטענדיק ליגט דאָרטן עמעצער.

די נאכט איז זײער אַן אומרואיקע. קײנער קען נישט שלאָפֿן. באַגינען דרעמלען מיר אַביסל אײן. איך כאַפּ זיך אױף, װען ס'איז שױן ליכטיק. די טיר איז אָפֿן, און פֿון קאָרידאָר הער איך שטימען. די אַנדערע װאַכן אױך אױף. אײנער, װאָס ליגט דאָ שױן זינט עטלעכע טעג, דערקלערט אונז, װאָס דער מער איז: „איבער אונז אין קאָרידאָר דאַװנען די שװעסטער יעדן פֿרימאָרגן. דאָס איז זײער פֿרימאָרגן־תּפֿילה. זײ עפֿענען די טיר אַהער, כּדי מיר זאָלן באַקומען אונזער חלק.”

געמײנט איז דאָס געװיס גוט, אָבער אונז ברעכן די בײנער, און די קעפּ טוען װײ.

„אַזאַ מין חזירסטװע,” זאָג איך, „גראַד איצט, װען מען האָט קױם מיט צרות אײנגעדרעמלט.”

„דאָרטן איבן ליגן געװײנטלעך די לײכטערע קראַנקע, און דעריבער מאַכן דאָס די שװעסטער אַף אַזאַ אופֿן,” דערקלערט מיר יענער.

אַלבערט קרעכצט. איך װער אופּגערעקט און טו אַ געשרײ: „רואיק זײט, איר דאָרטן!”

אין אַ מינוט אַרום קומט אַרײַן אַ שװעסטער. אין אירע װײס־שװאַרצע בגדים זעט זי אױס, װי אַ קאַװע־היטעלע. „פֿאַרמאַכט דאָך די טיר, שװעסטער,” זאָגט עמעצער.

„דאָרטן דאַװנט מען, דעריבער איז די טיר אָפֿן”, ענטפֿערט זי.

„מיר װילן נאָך אָבער שלאָפֿן —”

„דאַװנען איז בעסער, װי שלאָפֿן,” זי שמײכלט אומשולדיק. „עס איז שױן זיבן אַזײגער.”

אַלבערט קרעכצט װײטער. „מאַכט צו די טיר!” גײ איך אַרױס פֿון די כּלים.

זי איז צעטומלט, זי קאָן גאָר אַזאַ מין עקשנות נישט פֿאַר־

שטיין. „דאָרטן דאַוונט מען דאָך פאַר אייך אויך."
„אַלץ איינס! פאַרמאַכט די טיר!"

זי גייט אַרויס און לאָזט די טיר אָפן. דאָס געזאַנג דערטראָגט זיך ווייטער. איך ווער אײַנגאַנצן אויסער זיך און שריי: „איך צייל ביז דריי. אויב ס'וועט ביז דעמאָלט ניט אויפהערן, וואַרף איך, וואָס כ'וועל נאָר כאַפּן."

„איך אויך," מאַכט נאָך עמיץ.

איך צייל אָפּ ביז פינף. נאָכדעם כאַפּ איך אַ פלאַש, צילעווע זיך אָן און טו זי אַ שלײַדער דורכן טיר אין קאָרידאָר אַרויס. די פלאַש צעפּליצט זיך אין טויזנט שערבלעך. די תּפילה ווערט איבערגעריסן. עס לויפט אַרײַן אַ גאַנצע מחנה שוועסטער און — אַלע זידלען זיך, אַף וואָס די וועלט שטייט.

„די טיר מאַכט צו!" שרייען מיר.

זיי טראָגן זיך אָפּ. די פרייערדיקע שוועסטער גייט אַרויס די לעצטע. „אַפּיקורסים," שיפּעט זי, אָבער די טיר פאַרמאַכט זי דאָך.

אונזער נצחון.

* * *

מיטיק־צײַט קומט דער לאַזאַרעט־אינספּעקטאָר און מאַכט אַ סקאַנדאַל. ער שרעקט אונדז מיט טורמע און מיט אַנדערע וואָיליטיקן. אָבער אַ לאַזאַרעט־אינספּעקטאָר איז דאָך, ניט געקוקט אַף זײַן לאַנגן שווערד און אַף זײַנע פּאַגאָנעס, ניט מער, ווי אַ באַאַמטער, פּונקט אַזוי ווי אַ פּראָוויאַנט־אינספּעקטאָר, און פאַר אונדז, זעלנער, איז ער אַ קנאָפּער מאַכער. דעריבער לאָזן מיר אים זיך אויסריידן. וואָס קאָן ער שוין אונדז טאָן —

„ווער האָט געוואָרפן די פלאַש?" פרעגט ער.

נאָך איידער איך האָב צײַט זיך צו באַטראַכטן, אויב איך זאָל זיך מודה זײַן, זאָגט שוין עמיץ „איך!"

עס הייבט זיך אויף א קראנקער מיט א פארקאָלטנטער באָרד. אַלע ווילן שוין וויסן, פארוואָס ער האָט זיך ארויסגערופן.

„איר?"

„יאָ. איך בין אין בעם געוואָרן, וואָס מען האָט אונז אומ־נישט אופגעוועקט, און כ'האָב פארלאָרן דעם שכל. איך האָב ניט געוואוסט, וואָס כ'האָב געטאָן." ער לייענט דאָס אַלץ אָפּ, ווי פון א בוך.

„ווי הייסט איר?"

„דערגאנצונג־רעזערוויסט יאָזעף האמאכער."

דער אינספעקטאר גייט אוועק.

אַלע זיינען נייגעריק. „פארוואָס האָסטו זיך עפּעס ארויס־גערופן? דו האָסט דאָך דאָס ניט געוואָרפן!"

ער שמייכלט ביטער. „דאָס מאכט ניט אויס. איך האָב א לגאָטע־פאפיר."

מיר פארשטייען. ווער עס האט א לגאָטע־פאפיר, דער מעג שוין טאָן, וואָס ער וויל.

„יא," דערציילט ער, „איך האָב געכאפט א שאס אין קאפּ, און מען האָט מיר געגעבן אַן אַטעסטאט, אז פון צייט צו צייט בין איך צומישט און איך ווייס אליין ניט, וואָס איך טו. זינט דעמאָלט קאָן מען מיט מיר גאָרנישט מאַכן. מען טאר מיך ניט רייצן, דער אינספעקטאָר וועט שוין טאנצן. און ארויסגערופן האָב איך זיך צוליב דעם, ווייל כ'האָב געהאַט הנאה פון דער מעשה מיטן ווארפן. ווען זיי עפענען מאָרגן ווידער די טיר, וועלן מיר ווייטער ווארפן."

איצט גייען מיר שוין אָפּ זיכער. וויבאלד יאָזעף האמאכער איז צווישן אונז, קאָנען מיר זיך דרייסטן אָפּ אַלץ.

עס קומען שוין אָן די שטילע, פלאַטשיקע וועגלעך, כּדי אונז אָפּצופירן.

די באַנדאַזשן זײַנען אָנגעקלעפּט צו דער הויט. מיר שרײַען, ווי די ווילדע אָקסן.

* * *

אין אונזער אָפּטייל ליגן אַכט מאַן. די האַרבסטע פאַרוואונדונג איז בײַ פּעטערן, — אַ יונגנמאַן מיט שוואַרצע געגרײַזלטע האָר — ער האָט אַ שווערן שאָס אין די לונגען. פראַנץ וועכטער, וואָס ליגט לעבן אים, האָט אַ צעשאָסענעם אָרעם, וועלכער זעט אין אָנהויב גאָר ניט שטאַרק שלעכט אויס. אָבער אַף דער דריטער נאַכט הויבט ער אָן שרײַען, מיר זאָלן גיכער אַרײַנרופן עמיצן, ווײַל אים דאַכט זיך, אַז ער לויפט אָפּ מיט בלוט.

איך דערלאַנג אַ שטאַרקן קלונג. די נאַכט-שוועסטער קומט ניט. פאַרנאַכט האָט זי געהאַט מיט אונדז אַסך האָרעוואַניע, ווײַל מען האָט אונדז אַלעמען איבערגעבונדן, און מיר האָבן צוליב דעם געהאַט גרויסע ווייטיקן. איינער האָט געוואָלט, זי זאָל אים איבערלייגן זײַן פוס דווקא אַזוי, דער צווייטער — אַנדערש, דער דריטער האָט געפאָדערט וואַסער, דער פערטער האָט געמאָנט זי זאָל אים איבערטרייסלען זײַן קישן; — די באַלייבטע אַלטעטשקע האָט שוין צום סוף גענומען אומגעדולדיק וואָרטשן און אַרויסגייענדיק, האָט זי אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר. איצט קלערט זי מסתמא, אַז ס'זײַנען ווייטער אונדזערע משוגעתן, און דעריבער קומט זי ניט.

מיר וואַרטן אָפּ. אין אַ ווײַלע אַרום זאָגט פראַנץ: „קלינג ווייטער."

איך קלינג נאָכאַמאָל. זי לאָזט זיך נאָך אַלץ ניט זען. בײַנאַכט איז אַף אונדזער גאַנצן פליגל פאַראַן נאָר איין שוועסטער, אפשר איז זי פאַרנומען אין אַנדערע צימערן. „ביסטו זיכער, פראַנץ, אַז דו בלוטיקסט טאַקע?" פרעג איך. „אַניט וועלן מיר ווייטער כאַפּן אַ פאַרציִע."

„ס'איז נאַס. קאָן קיינער פון אײַך ניט מאַכן קיין ליכט?"

דאָס קאָן מען אויך ניט. דאָס קנעפּל איז בײַ דער טיר, און קיינער קאָן זיך ניט אופהייבן. איך האַלט דעם פינגער אַזוי לאַנג אַפן גלעקל, ביז ער הערט אינגאַנצן אויף צו קלינגען. מענלעך, אַז די שוועסטער איז איינגעשלאָפן. זיי האָבן אַזוי פיל אַרבעט, און פאַרן טאָג האַרעווען זיי זיך איבער. דערצו נאָך די שטענדיקע תּפילות.

„זאָלן מיר ווייטער וואַרפן פלאַשן?" פרעגט יאָזעף האַמאַכער מיטן לגאַמנעם פּאַפּיר.

„דאָס וועט זי דערהערן נאָך ווייניקער, ווי דאָס גלעקל."

צום סוף עפנט זיך די טיר. די אַלטע לאָזט זיך אַרײַן, קײַענדיק אַף בײדע באַקן. בעת זי זעט די געשיכטע מיט פראַנצן, ווערט זי אומרואיק און זאָגט: „פאַרוואָס האָט קיינער גאָרנישט געזאָגט?"

„מיר האָבן צעריסן דעם גלאָק. גיין קאָן דאָך קיינער ניט."

ער האָט שטאַרק געבלוטיקט און מען בינדט אים איבער, אינדערפרי זעען מיר זײַן פּנים, עס איז געוואָרן שפּיציקער און געלער. נעכטן אָוונט האָט ער נאָך אויסגעזען במעט, ווי געזונט. איצט קומט שוין צו אונז עפּעטער אַרײַן אַ שוועסטער.

* * *

צו פראַנץ וועכטער קערן זיך שוין מער ניט אום זײַנע פריערדיקע כּחות. אין איינעם אַ טאָג פירט מען אים גאָר פון אונז אַוועק און ער קומט מער ניט צוריק צו אונז. יאָזעף האַמאַכער ווייס וואָס דאָס באַטײַט. „מיר וועלן אים שוין מער ניט באַקומען צו זען. זיי האָבן אים אָפּגעפירט אין שטאַרב־צימער."

„וואָס איז דאָס אַזוינס?" פרעגט קראָפּ. „דאָס איז דאָס קלײנע צימערל אין עק פליגל. ווען עמיץ האַלט שוין נאָענט בײַם סוף, טראָגט מען אים אַריבער אַהין. דאָרטן שטייען נאָר צוויי בעטן. אומעטום רופט מען דאָס שטאַרב־צימער."

„אָבער פאַרוואָס טוען זיי דאָס?"

„דעמאָלט האָבן זיי נאָכדעם ניט אַזוי פיל אַרבעט. עס איז באַקוועמער, ווײַל עס ליגט אַפן וועג צום טויטן־צימער. אפשר

טוען זיי דאָס אויך צוליב דעם, כּדי אין די פּאַלאַטעס זאָל מען ניט זען, ווי עמיץ שטאַרבט. בעת עמיץ ליגט אַליין, קאָן מען אים אויך בעסער אופּפּאַסן."

"אָבער ער גופא?"

יאָזעף קוועטשט מיט די פּלייצעס. "נו, דאָס רוב מערקט ער דאָס שוין אַליין גאָרניט."

"און יעדער איינער ווייס וועגן דעם?"

"געוויס, ווער ס'איז דאָ שוין אַ לענגערע צייט, דער ווייס דאָס."

* * *

נאָכמיטיק ווערט פראַנץ וועכטערס בעטל פאַרנומען דורך אַ ניי־אַנגעקומענעם. אין אַ פּאָר טעג אַרום נעמט מען שוין אויך דעם נייעם אַרויס פון דער פּאַלאַטע. יאָזעף טוט אַ מאַך מיט דער האַנט. עס קומען און גייען נאָך עטלעכע.

אַנדערעמאָל קומען צו די קראַנקע זייערע קרובים. זיי זיצן אויף די בעטלעך און וויינען, אָדער זיי ריידן שטיל און עפּעס ווי פאַרשעמט. איינע אַן אַלטעשקע וויל בשום אופן ניט אַוועקגיין, אָבער זי קאָן דאָך ניט בלייבן נעכטיקן. אויף מאָרגן פעדערט זי זיך שוין גאָר פרי צוקומען, אָבער פונדעסטוועגן פאַרזאַמט זי, ווייל בעת זי גייט צו צום בעטל, ליגט שוין דאָרטן אַן אַנדערער. זי מוז איצט גיין אין טויטן־צימער. די עפּל, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט, גיט זי אונז אָפּ.

דער קליינער פּעטער ווערט אויך אַלץ ערגער און ערגער. זיין טעמפּעראַטור־צעטל צוקאָפּנס איז פאַרשריבן מיט אומעטיקע ציפערן, און איין טאָג פאַרט צו זיין בעט צו דאָס פלאַטשיקע ווע־געלע. "וואוהין?" פרעגט ער.

"אין פאַרבינד־צימער."

מען הייבט אים אַרויף אויפן וועגל. אָבער די שוועסטער טוט אָפּ אַ גרויסן פעלער: כּדי צו פאַרשפּאָרן נאָך אַ גאַנג, נעמט

זי אַראפּ פון העקל זיין ראָק און לייגט אים אויך ארויף אפן ווענגל. פעטער פארשטייט תיכּף, וואס דאס באַטייט, און ער וויל זיך צוריק אַראפּקייקלען. „איך בּלייב דא!"

זיי האלטן אים פעסט צו. ער שרייט הייזעריק פון צעשאסענע לונגען ארויס: „איך וויל ניט גיין אין שטארבּ-צימער."

„מיר גייען אָבער אינם פארבּינד-צימער."

„מאַ צוואס דארפט איר מיין רעקל?" מער קאן ער שוין ניט ריידן. ער שעפּטשעט נאר הייזעריק, אין גרויס אופרעקונג: „כ'וויל בּלייבּן דאָ!"

זיי ענטפערן נישט און פירן אים אַרויס. פארן טיר פּרואווט ער זיך אַ הייבּ טאָן, זיין שווארצער, גרייזלדיקער קאפּ ציטערט, די אויגן זיינען פול מיט טרערן. „איך קום נאך צוריק! איך קום נאך צוריק!", שרייט ער צו אונז.

די טיר פארמאכט זיך. מיר זיינען אלע שטארק געריהרט; אָבער מיר שווייגן. צום סוף זאגט יאזעף: „אַפולע האבן דאס שוין געזאגט. אַז מען פאלט שוין דארטן אַריין, קומט מען מער ניט אַרויס."

* * *

מען אָפּערירט מיך, און נאכדעם האלט איך צוויי טעג בּסדר אין איין בּרעכן. דער שרייבּער בּאם דאקטאר זאָגט, אז מיינע בּיינער וואקסן זיך ניט צוזאַמען. בּאַ נאך עמיצן זיינען זיי יא צונויפגעוואקסן. אָבער ניט, ווי נויטיק איז; עס קומט אויס נאכאמאָל צו בּרעכן. ווילדע יסורים!

צווישן די ניי-געקומענע זיינען פאראן צוויי סאָלדאטן מיט פלאטשיקע פיס. בּעתן בּאקוקן די קראנקע, שטעלט זיך דער עלטסטער דאָקטאָר בּאַ זיי אָפּ מיט אַ בּאַזונדערער הנאה. „דאס וועלן מיר שוין אויסהיילן" זאָגט ער, „מיר'ן מאכן אַ קליינע אָפּעראציעלע, און איר וועט אוועק פון דאנען מיט געזונטע פיס. פארשרייבּט זיי, שוועסטער"

נאָך זיין אַוועקגיין וואָרנט זיי דער אַלץ־ווייסנדיקער יאָזעף, לאָזט זיך ניט שניידן! דאָס איז דעם אַלטנס משוגעת. ער איז גליקלעך, בעת ער כאַפּט עמיצן צו אָפּערירן. ער וועט אייך שניידן אייערע פּלאַטשיקע פיס, און איר וועט טאַקע באמת לויז ווער פון זיי; דערפאַר אָבער וועט איר באַקומען אַזעלכע פיס, אַז איר וועט שוין אייער גאַנצן לעבן מוזן גיין אַף קוליעס.‟

„וואָס זאָלן מיר אָבער טאָן?‟ פרעגט איינער.

„איר מוזט זאָגן, אַז איר ווילט ניט! איר ליגט דאָ, כּדי זיך אויסצוהיילן פון אייערע וואונדן, אָבער ניט פון אייערע פלאַטשיקע פיס! איצט גייט איר אַרום, אָבער ווען איר וועט שוין ליגן אונטערן אַלטנס מעסער, זייט איר קאַליקעס אַף אייביק. ער דאַרף האָבן קראַליקעס פאַר זיינע פּרואוון, די מלחמה איז פאַר אים ווי געוואונטשן, ווי שוין פאַר אַלע דאָקטוירים. אַף דער סטאַנציע וואַלגערט זיך שוין אַ גאַנצער טוץ מענטשן, וואָס ער האָט מיט זיין אָפּערירן געמאַכט פאַר קאַליקעס. אַנדערע ליגן דאָ שוין צוועלעכע יאָר, פון דעם פערצענטן און דעם פופצענטן יאָר. עטלעכע מאָל אין יאָר כאַפּט ער זיי פונדאַסניי, שניידט זיי ווייטער, און דעמאָלט איז ער שוין זיכער, אַז ס'וועט זיך איינגעבן. היט זיך דעריבער, ווען איר ווילט ניט, טאָר ער אייך ניט שניידן.‟

„מענטש איינער,‟ זאָגט איין פלאַטשיק־פיסיקער מיט אַ מידן קול, „שוין בעסער פאַרלירן די פיס, איידער דעם שאַרבן. ווער ווייס, וואָס עס וואַרט, בעת מען גייט ווייטער אַרויס אַפן פראָנט? זאָלן זיי מיט מיר טאָן, וואָס זיי ווילן, אַבי איך זאָל נאָר צוריקקומען אַהיים. שוין בעסער אַ קאַליקע, איידער גאָר אַ מת.‟

דער צווייטער, אַ יונגערמאַן אין אונזער עלטער, וויל דאָס אָבער ניט. אַף מאָרגן לאָזט דער אַלטער ביידן אַראָפּפירן און ער רעדט צו זיי מיט גוטן און מיט בייזן אַזוי לאַנג, ביז זיי גייען איין אַף דער אָפּעראַציע. וואָס זאָלן זיי דען טאָן. — זיי זיינען דאָך נאָר פּשוטע זעלנער, און ער איז אַ גרויסער אדון. ווען מען ברענגט זיי צוריק אַריין, זיינען זיי פאַרגיפּסט און כלאָראָפאָרמירט.

* * *

אלבערטן ווערט ערגער. מען פירט אים אפּ און מען אַמפּוטירט אים. די גאַנצע פוס ביז אויבן אַרויף ווערט אים אַראָפּגענומען. איצט רעדט ער כמעט מער נישט. איינמאָל זאָגט ער נאָר, אַז ווען ער וועט צוריק באַקומען זיין רעוואָלווער, וועט ער זיך דערשיסן.

עס קומט אָן אַ נייער טראַנספּאָרט פאַרוואונדיקטע. אין אונזער צימער ווערן איינפּלאַצירט צוויי בלינדע. איינער פון זיי איז נאָך גאָר אַ יונגינקער מוזיקער. בעת די שוועסטערן ברענגען אים עסן, האַלטן זיי בא זיך קיינמאָל נית קיין מעסער; ער האָט שוין איינמאָל בא אַ שוועסטער אַרויסגעריסן אַ מעסער. אָבער נית געקוקט אויף דער גאַנצער פאָרזיכטיקייט, געשעט דאָך עפּעס. באַם אָוונט-עסן רופט מען די שוועסטער אויף אַ רגע אַוועק פון זיין בעט, און זי לאָזט דערווייל אויף זיין טיש דעם טעלער מיטן גאָפּל. ער דערטאַפּט דעם גאָפּל, כאַפּט אים און שטעכט אים מיט זיין גאַנצן כח אַריין אין האַרצן צו זיך, נאָכדעם כאַפּט ער אַ שוך און קלאַפּט דערמיט אויפן שטיל, כדי די שפּיצן זאָלן וואָס טיפער אַריין. מיר שרייען געוואַלד, און דריי מאַן מוזן זיך מיט אים ראַנגלען, כדי אָפּצונעמען בא אים דעם גאָפּל. די טעמפּע ציינדלעך זיינען שוין געווען טיף אַריינגעדרונגען. די גאַנצע נאַכט זידלט ער אונז און שילט, און קיינער קאָן נית איינשלאָפן. אינדערפרי באַקומט ער ספּאַזמעס.

עס ווערן באַפרייט עטלעכע בעטן. עס גייען אַוועק אַסך טעג אין ווייטיק און אין פחד, אין קרעכצן און אין כאָרכלען. די שטאַרב-צימערן נוצן אויך נישט מער, זיי סטייען נית, און אין די נעכט שטאַרבן שוין מענטשן אויף אונזערע אויגן. דער טויט קומט נאָך גיכער, ווי די שוועסטערן באַוויזן די קראַנקע אַריבערצולייגן.

אין איינעם אַ טאָג ווערט די טיר אויפגעפּראַלט, עס קייקלט זיך אַריין דאָס פלאַטשיקע וועגל, און אויף אים זיצט מיט זיין צעשויבערטן געגרייזלטן קאָפּ, דער שוואַרצער פּעטער. ער איז

בלאָס, אויסגעדאַרט, אָבער מלא־שמחה. אַ שוועסטער פירט אים מיט אַ שטראַלנדיק פּנים צו זיין פריערדיק בעטל. ער האָט זיך צוריק אַרויסגעדראַפּעט פון שטאַרב־צימער, מ׳יר האָבן געמיינט, אַז ער איז שוין לאַנג טויט.

ער קוקט זיך אַרום: „נו, וואָס זאָגט איר איצטער?“

און אַפילו יאָזעף מוז צוגעבן, אַז ער זעט דאָס צום ערשטן מאָל.

* * *

עטלעכע פון אונז דערלויבט מען זיך אויפצוהייבן. איך באַקום אויך קוליעס אַף אַרומצוהינקען, אָבער איך באַנוץ זיך ווייניק דערמיט; איך קאָן ניט אַריבערטראָגן אַלבערטס בליק, בעת איך הינק איבערן צימער. ער קוקט מיר נאָך מיט אַזעלכע מאָדנע אויגן. דעריבער גנבע איך זיך אַפּטמאָל אַרויס אין קאָרידאָר — דאָרטן קאָן איך זיך באַוועגן פרייער.

מיט אַ שטאָק נידעריקער ליגן מענטשן מיט שאָסן אין בויך, אין רוקן און אין קאָפּ, און מיט אַראָפּגעשניטענע איברים. אין רעכטן פליגל ליגן ווידער געביס־שאָסן, פאַרסמטע מיט גאַז, שאָסן אין נאָז, אין די אויערן, אין האַלז. אין לינקן פליגל — בלינדע און מיט דורכגעשאָסענע לונגען, שאָסן אין געזעס, אין די געלענקען, אין די נירן, אין מאָגן, אין די געשלעכטס־טיילן. דאָ דערוויסט מען זיך ערשט, אין וואָס פאַר אַ גרויסער צאָל ערטער פון מענטשלעכן קערפּער עס קאָן אָנטרעפן די קויל.

צוויי מאָן שטאַרבן פון מאָרד־ליימונג. די הויט ווערט אַשפאַרביק, די גלידער ווערן שטייף, נאָר די אויגן לעבן נאָך אַ לאַנגע צייט. אַנדערע ליגן אין שטייפע באַנדאַזשן, און פון דער זייט בעט הייגען אַראָפּ שווערע געוויכטער. איך זע געדערים־וואונדן, וועלכע זיינען שטענדיק פאַרמיסטיקט. דער שרייבער פון דעם דאָקטאָר ווייזט מיר רענטגען־אויפנאַמען פון צעשמעטערטע היפטן־ביינער, קניען און פּלייצעס.

מען קאָן דאָס גאָר ניט באַגרייפֿן, ווי אַזוי איבער אַט די אַלע צעריסענע גופים באַוועגן זיך נאָך מענטשלעכע פּנימער, אין וועלכע דאָס לעבן גייט זיך ווייטער זיין אַלטעגלעכן גאַנג. און דאָס איז דאָך נאָר ניט מער, ווי איין=איינציקער לאַזאַרעט, נאָר איין=איינציקע סטאַנציע. — עס זיינען דאָך פֿאַראַן הונדערטער טויזנטער אַזעלכע אין דייטשלאַנד, הונדערטער טויזנטער אין פֿראַנקרייך, הונדערטער טויזנטער אין רוסלאַנד. אויב אַזוינס איז נאָך מעגלעך, איז דאָך נאַריש אין פּוסט אַלץ, וואָס ס'איז געשריבן געוואָרן, וואָס ס'איז געטאָן און גערעדט געוואָרן! ס'איז דאָך אַלץ שקר=וכזב, אַלץ איז דאָך אַזוי ניט וויכטיק, ווייבאַלד די טויזנטער=יאָריקע קולטור האָט ניט געקאָנט אָפּהאַלטן, אַז די אַלע שטראָמען בלוט זאָלן ניט פֿאַרגאָסן ווערן, אַז די אַלע הונדערטער טויזנטער גהנומס פֿון פּיין זאָלן אויפֿהערן עקזיסטירן. אין לאַזאַרעט דערזעט מען ערשט, וואָס דאָס הייסט מלחמה.

איך בין יונג, איך בין צוואַנציק יאָר אַלט; אָבער פֿון לעבן ווייס איך נישט מער, ווי נאָר יאוש, טויט, פּחד און צונויפֿקייטלונג פֿון זינלאָזער איבערפֿלאַכקייט מיט אַ תהום פֿון ליידן. איך זע, ווי פֿעלקער ווערן אויפֿגעהעצט איינס אויף דאָס אַנדערע, און זיי ממיתן זיך איינס דאָס אַנדערע שווייגנדיק, ניט=פֿאַרשטייענדיק, נאַריש, געהאָרכזאַם, אומשולדיק. איך זע, אַז די קלוגסטע קעפּ פֿון דער וועלט געפֿינען אויס אַלץ נייע וואָפֿן און נייע ווערטער כּדי דאָס אַלץ נאָך ראַפֿינירטער צו מאַכן און נאָך לענגער אויסצוציען. און צוזאַמען מיט מיר, זעען דאָס איין אַלע יונגעלייט פֿון מיין עלטער פֿון דער זייט, און פֿון יענער זייט, אין דער גאַנצער וועלט, צוזאַמען מיט מיר לעבט דאָס איבער מיין דור. וואָס וועלן טאָן אונזערע טאַטעס, ווען מיר וועלן זיך אַמאָל אויפֿהייבן און פֿאָדערן פֿון זיי דין=וחשבון? וואָס דערוואַרטן זיי פֿון אונדז, ווען ס'וועט אָנקומען אַ צייט, בעת קיין מלחמה וועט שוין מער ניט זיין? דורך גאַנצע יאָרן איז אונזער איינציקע אַרבעט געווען נאָר צו טויטן — דאָס איז געווען אונזער וויכטיקסטע שליחות אין לעבן. אונזער קענטשאַפֿט מיטן לעבן באַגרענעצט זיך נאָר מיטן טויט. וואָס וועט דען נאָך געשען? און וואָס וועט ווערן פֿון אונדז?

* * *

דער עלטסטער אין אונזער פּאַלאַטע איז לעוואַנדאָווסקי. ער איז שוין אַלט אַ יאָר פערציק, און ער ליגט אין שפּיטאָל צען חדשים צייט מיט אַ געפערלעכן שאָס אין בויך. ערשט פאַר די לעצטע וואָכן איז ער שוין אַזוי ווייט געקומען, אַז ער קאָן שוין אַביסל ארומהינקען, איינגעהאָרבעט אין דרייען.

זינט עטלעכע טעג איז ער שטאַרק אופגערעגט. זיין ווייב, וועלכע וואוינט אין אַ קליין שטעטעלע אין פּוילן, האָט אים גע־שריבן, אַז זי האָט שוין צוזאַמענגעקראַצט געלט אַף דער נסיעה, און אַז זי וועט קומען צו אים צו פאָרן.

זי איז שוין אונטערוועגס און יעדן טאָג קאָן זי קומען. לעוואַנדאָווסקי קאָן שוין גאָר מער ניט עסן, אפילו אַזאַ מאכל, ווי וואורשטעלעך מיט קרויט גיט ער אונז אויך אָפּ נאָכדעם, ווי ער פאַרזוכט פריער אַ פּאָר ביסנס. ער הינקט כסדר אַרום איבערן צימער מיטן בריוו אין האַנט, יעדער פון אונז קאָן שוין דעם בריוו אויסווייניק, ער איז שוין פאַרפלעקט פון די סך פינגער, וואָס האָבן זיך צו אים צוגערירט, און מען קאָן אים שוין כמעט מער ניט דורכלייענען. צום סוף קומט אָן דאָס, וואָס עס מוז קומען: לעוואַנדאָווסקי באַקומט היץ און מוז זיך ווייטער לייגן אין בעט.

ער האָט שוין זיין ווייב גאַנצע צוויי יאָר ניט געזען. פאַר דער צייט האָט זי געבאָרן אַ קינד, און זי פירט דאָס עופהלע מיט זיך. אָבער לעוואַנדאָווסקין פאַרנעמט גאָר אַן אַנדער געדאַנק. ער האָט געהאָפט צו באַקומען אַ דערלויבעניש זיך אויסצוגיין מיט זיין אַלטער, ווייל ס'איז דאָך קלאָר: זען זיך איז טאַקע אַ גוטע זאַך, אָבער בעת מען טרעפט זיך, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט, ווייטער צוזאַמען מיט דער ווייב, וויל מען דאָך נאָך עפּעס אויך, אויב עס לאָזט זיך נאָר.

שעהנלאַנג האָט לעוואַנדאָווסקי דאָס אַלץ ארומגערעדט מיט אונז, ווייל זעלנער צווישן זיך מאַכן דערפון ניט קיין סוד. קיין איינער זעט אויך אין דעם ניט אין קיין שום בייז. די יענע־

קע פֿון אונדז, וואָס מען לאָזט זיי שוין אַרויסגיין, האָבן אים אַפֿילו אויסגערעכנט אַלע אויסגעצייכנטע פּראָוואָרפּענע ווינקעלעך אין סקווערן און אַלייען, וווּ קיינער וואָלט אים ניט געשטערט. איינער האָט אַפֿילו געוווּסט וועגן אַ קליין צימערל.

אָבער דערפֿון וועט, ווי עס שיינט, גאָרנישט אַרויסקומען. לעוואַנדאָווסקי ליגט אין בעט און ברעכט זיך דעם מח. דאָס לעבן זיינס וועט אים מער ניט איינגיין, אויב ער וועט איצט מוזן דורכלאָזן די געלעגנהייט. מיר טרייסטן אים און זאָגן אים צו, אַז מיר וועלן זיך שוין מיען דעם ענין ווי עס איז איינצו־אָרדענען.

אין אַ טאָג אַרום באַווייזט זיך זיין ווייב, אַ קליין, מיאוס באַשעפֿעניש מיט אומרואיקע אייגלעך, ווי בײַ אַ צעשראָקן פֿייגעלע, אָנגעטאָן אין אַ מין שוואַרצער מאַנטיליע מיט שפּיצן און בענדער, אין גאָט ווייס, וווּ זי האָט אָפּגעירשנט אַזאַ מין שייַנדל.

זי פּרעפּלט עפּעס שטיל און שטעלט זיך אָפּ אין טיר. זי דערשרעקט זיך, בעת זי דערזעט זעקס מאַנסבילן.

„נו, מערע", זאָגט לעוואַנדאָווסקי, און זיין גאָרגל גייט אין גרויס אויפֿרעקונג אַרויף און אַראָפּ, „קאָנסט אַריינגיין, זיי וועלן דיר קיין בייז ניט טאָן."

זי גייט אַריין און גיט יעדערן פֿון אונדז די האַנט. נאָכדעם באַווייזט זי דאָס קינד, וואָס האָט בינו־לבינו אָנגעמאַכט אין די ווינדעלעך. פֿון איר גרויסן, מיט פּערל אויסגענייטן טעשל נעמט זי אַרויס אַ ריין ווינדל, כּדי פֿונדאַסניי צו פֿאַרוויקלען דאָס קינד. איצט איז שוין די ערשטע פֿאַרלאָרנקייט פֿאַרביי, און מאַן און ווייב הייבן אָן זיך דורכצושמועסן.

לעוואַנדאָווסקי איז זייער נערוועז, ער קוקט כּסדר אַריבער צו אונדז מיט אומגליקלעכע בליקן.

די צייט איז גראָד צוגעפּאַסט, דער דאָקטאָר איז שוין דאָ געווען, העכסטנס קאָן אַמאָל אַ שוועסטער אַריינקוקן אין אונדזער צימער. איינער פֿון אונדז גייט נאָך אַרום אַ קוק טאָן, וואָס עס הערט זיך. ער קומט אַריין צוריק און שאָקלט מיטן קאָפּ צו

לעוואַנדאָווסקן. „קיין לעבעדיק נפש איז ניט צו זען. זאָג איר דאָס, יאהאַן, און טו, וואָס דו דאַרפסט.“

זיי שמועסן צווישן זיך אַף זייער לשון, די פרוי רויטלט זיך און איז פאַרשעמט. מיר שמייכלען גוטמוטיק און מאַכן בי־טולדיק מיט די הענט, ווי איינער זאָגט: כ'ווייס, ס'איז פאַראַן, וועגן וואָס צו ריידן! זיי מעגן גיין צום טייוול, אַלע פאָראורטיילן, זיי זיינען צוגעטראכט געוואָרן פאַר אַנדערע צייטן, אָט ליגט דאָ דער סטאָליער יאָהאַן לעוואַנדאָווסקי, אַ צעקאַליעטשעטער זעלנער, און אָט איז זיין ווייב, ווער ווייס, ווען ער וועט זי ווידער זען, ער וויל זיך מיט איר באַהעפטן, זאָל ער דאָס טאָן, מילא.

צוויי מאַן שטעלן זיך אַוועק באַם טיר, כּדי אָפּצוהאַלטן די שוועסטערן, ווען זיי וועלן פאַרביייגיין, און זיי פאַרנעמען מיט עפּעס אַנדערש. זיי דאַרפן דאָ שטיין בערך אַ פערטל שעה.

לעוואַנדאָווסקי קאָן נאָר ליגן אַף אַ זייט, דעריבער שפּאַרט אים עמיץ אונטערן רוקן אונטער נאָך אַ פּאָר קישנס. אַלבערט באַקומט צו האַלטן דאָס קינד, נאָכדעם קערן מיר זיך אַביסל אָפּ, די שוואַרצע מאַנטיליע קריכט אַראָפּ אונטער דער קאָלדרע, און מיר נעמען זיך שפּילן סקאַט מיט טומל און מיט רעש.

דאָס שפּיל גייט גוט. מיר פאַרגעסן אינגאַנצן לעוואַנדאָווסקן. אין אַ ווײַלע אַרום הויבט דאָס קינד אָן געוואַלדעווען. אַלבערט פּרוּווט אים איינשטילן, ווּיגט אים אַף די הענט. נאָכדעם שורשעט עפּעס, און ווען מיר גיבן אַ קוק, דערזעען מיר שוין, ווי דאָס קינד ליגט ווייטער בײַ דער מאַמען און האַלט דאָס פלעשל אין מויל. אַלץ איז אַראָפּ כּשורה.

מיר פילן זיך איצט ווי איין גרויסע משפּחה, די פרוי איז אופגעמונטערט געוואָרן, און לעוואַנדאָווסקי ליגט מיט אַ פאַר־שוויצטן און שטראַלנדיקן פּנים.

ער עפנט דעם אויסגענייטן רידיקיול, און נעמט אַרויס אַ פּאָר גוטע וואורשטלעך. לעוואַנדאָווסקי נעמט אין האַנט דאָס מעסער אַזוי ווי מען נעמט אַ בוקעט בלומען, און ער צעשניידט די וואורשט אַף שטיקער. ער באַווייזט אַף אונז — און דאָס קליינינקע ווײַבעלע גייט פון איינעם צום אַנדערן, לאַכט צו אונז

און פארטיילט די וואורשט, איצט איז זי גאָר שענער געוואָרן. מיר רופן זי אָן מאַמעשי, און זי פרייט זיך און קלאַפּט אוף אונזערע קישנס.

* * *

אין עטלעכע וואָכן ארום הויבט מען מיך אָן יעדן טאָג פירן אינם ארטאפעדישן אַפּטייל. דאָרטן ווערט מיין פוס פעסט איינגעשנירט און באוועגט. דער ארעם איז שוין אויסגעהיילט.

פון שלאכט־פעלד קומען אָן אַלץ נייע טראַנספּאָרטן. די באנדאזשן, וואס מען מאכט אונז, זיינען שוין מער ניט פון שטאָף, איצט זיינען זיי פון ווייסן קרעפּ־פּאפּיר. עס פעלט אוים שטאָף.

דער אָרט, וואו אַלבערטס פוס איז געווען, פארהיילט זיך. די וואונד איז כמעט פארוואקסן. אין עטלעכע וואָכן ארום וועט מען אים שוין אָפּשיקן אין אַ פּראָטעזן־סטאַנציע. ער רעדט נאָך אַלץ ווייניק און ער איז אַסך ערנסטער, ווי פריער. אָפטמאל שלאָגט ער זיך איבער אין מיטן ריידן און קוקט פאר זיך מיט פארגלייזטע אויגן. ווען ער וואָלט ניט געווען צוזאַמען מיט אונז, מיט נאָך חברים, וואָלט ער שוין לאַנג געמאכט אַ סוף צו זיין לעבן. איצט אָבער האָט ער שוין אַריבערגעלעבט די ערגסטע צייט. אַנדערעמאָל קוקט ער זיך אַפילו צו צו אונזער סקאַט־שפּיל.

מען לאָזט מיך אָפּ אַהיים אַף צו דערהוילן זיך.

די מאַמע וויל מיך מער ניט אָפּלאָזן. זי איז אזוי שוואַך. עס איז איר נאָך ערגער, ווי דאָס לעצטע מאָל.

נאָכדעם רופט מיך ארוים מיין פּאָלק און איך פאָר ווייטער אָפּ אַפן פראָנט.

דאָס געזעגענען זיך מיט מיין פריינט אַלבערט קראָפּ פאלט מיר זייער שווער. אָבער אַ זעלנער געוואוינט זיך צו אַלץ.

11

מיר האָבן שוין פארלאָרן דעם חשבון פון די וואָכן. געקו־ מען אַהער בין איך אין ווינטער, און די גרודעס איינגעפראָרענע

ערד זיינען דעמאָלט געווען פּונקט אַזוי געפערלעך, ווי די שראַפּנעלן. איצט זיינען שוין די ביימער ווידער גרין. אונזער לעבן פאַרלויפט זיך צווישן פראָנט און באַראַקעס. מיר האָבן זיך שוין טיילווייז צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז דער קריג איז אויך אַ סיבה פון טויט, פּונקט אַזוי ווי קרעפס און טובערקוליאָז, ווי גריפּ און דעזינטעריע. די אופנים פון טויט זיינען נאָר פאַרשיידנאַרטיקער און גרויזאַמער, און עס זיינען אָפטער די פאַלן.

אונזערע געדאַנקען זיינען ווי ליים, וואָס ס'ווערט געקנאָטן דורך דעם אויסמויש פון די טעג — זיי זיינען גוט, בעת מיר האָבן אָפּרו, און זיי זיינען טויט, ווען מיר ליגן אין פייער. צעשאָסענע פעלדער אַרום אונדז און אין אונדז.

מיר האָבן געשאַפן אַ גרויסע פאַרברידערונג, וועלכע פאַראייניקט אין זיך אַן אָפּגלאַנץ פון דער חברשאַפט-אידייע, די פאָלקסלידער באַזינגען זי, פון דעם סאָלידאַריטעט-געפיל פון אַרעסטאַנטן און פון דעם אחדות פון צום טויט פאַרמשפּטע. דאָס אַלץ האָבן מיר צונויפגעשמאָלצן צו אַזאַ מין לעבנס-מדרגה. וועלכע טיילט זיך אויס אַפן הינטערגרונט פון דער גרויסער סכנה, פון דער אָנגעשטרענגטקייט און פאַרלאָזנקייט מיט דעם, וואָס יעדע געוואונענע רגע ווערט לייכטזיניק און איבערפלאַכיק דורך אונדז אויסגענוצט. ווען מען זאָל דאָס וועלן שאַצן, איז דאָס העלדיש און באַנאַל צוגלייך — אָבער ווער וויל דען דאָס טאָן?

דאָס ליגט אין דעם, למשל, וואָס טיאַדען זופּט געשווינד אויס פאַר דעם שונאס אַטאַקע זיין אַרבעס-געקעכץ, ווייל ווער ווייס, אויב ער וועט נאָך לעבן אין אַ שעה אַרום? מיר האָבן אַ צייט וועגן דעם זיך געאַמפּערט, אויב דאָס איז טאַקע ריכטיק. קאַט מיינט אַז ס'איז ניט ריכטיק, ווייל מען מוז זיך דאָך רעכענען דערמיט. וואָס אפשר וועט מען כאַפּן אַ שאָס אין בויך, און דעמאָלט, בעת דער מאָגן איז פול, איז אַזאַ שאָס אַסך געפערלעכער.

* * *

אָט איז די נאַרישע מעשה מיט דעטערינג.

זיין אומגליק איז געווען, וואָס ער האָט אין אײנעם אַ גאָרטן

דערזען אַ קאַרשן־בוים. מיר זײַ ען גראַד געקומען פֿון פֿראָנט, און דער קאַרשן־בוים איז געשטאַנען אין נאָענטער שכנות פֿון אונזער נײַער קוואַרטיר, אויף אַ קרײַצוועג, און אין אַ פֿאַרטאָג האָבן מיר אים פּלוצלונג דערזען. ער האָט ניט געהאַט קיין בלעטער, ער איז אינגאַנצן אָפּגעשאָטן געווען מיט בליטן.

פֿאַרנאַכט איז דעמערינג פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. ענדלעך איז ער געקומען און האָט מיטגעבראַכט אַ פּאָר צווײַגלעך מיט קאַרשן־בליטן. מיר האָבן זיך געוויצלט און געפֿרעגט אויב ער קלײַבט זיך ניט גײן אויסזוכן אַ כּלה. גאָרנישט ענטפֿערנדיק, האָט ער זיך געלייגט אין זײַן בעט. באַנאַכט האָב איך אים געהערט זיך פֿאַרנדיק, מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער פּאַקט זיך. איך האָב דערפֿילט, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַטיק, און בין צו צו אים. ער האָט זיך אָנגעשטעלט ווי ער וואָלט ליגן רואיק, און איך האָב אים געזאָגט: „מאַך ניט קיין נאַרישקײַטן, דעמערינג.“

„גאָר אַ נײַס — פּשוט, עס שלאָפֿט זיך מיר ניט —“

„וואָס עפּעס האָסטו געבראַכט די קאַרשן־צווײַגן?“

„איך וועל מוזן אָפּרײַסן נאָך קאַרשן־צווײַגן“, ענטפֿערט ער און פֿאַרהעקערט זיך — און אין אַ ווײַלע אַרום: „אינדערהיים האָב איך אַ גרויסן סאָד מיט קאַרשן. בעת מען קוקט אויף זיי אַראָפּ פֿון הײַשלאַק ווען זיי בליען, זעען זיי אויס, ווי איין גרויסער לײַלעך, אַזוי ווײַס זײַנען זיי. איצט איז די צײַט.“

„אפֿשר וועלן מיר באַלד באַקומען אורלויב. עס קאָן זײַן, אַז מען וועט דיך ספּעציעל אָפּלאָזן, ווײַל דו ביסט דאָך אַ לאַנדווירט.“

ער שטימט צו, אָבער איך פֿיל, אַז זײַנע געדאַנקען זײַנען גאָר אַנדערשוואו. בעת אַ פֿויער ווערט פֿון עפּעס אויפֿגעטרייסלט, באַקומט ער אַזאַ מערקווירדיקן אויסדרוק, אַ מין געמיש פֿון אַ קאַלב און אַ פֿאַרבענקטן גאָט, אידיאָטיש און טראַגיש צוגלײַך. כּדי אים אָפּצורײַסן פֿון זײַנע געדאַנקען, בעט איך בײַ אים אַ שטיקל ברויט. ער דערלאַנגט מיר תּיכּף. דאָס איז חשודיק, ווײַל געוויינטלעך איז ער זייער קאַרג. צוליב דעם שלאָף איך ניט אײַן

איך בלייב אוף, אָבער עס פּאַסירט ניט קיין זאַך, אינדערפרי איז ער ווי שטענדיק.

מסתּמא האָט ער באַמערקט, אַז איך היט אים. — אין אַ טאָג אַרום איז ער דאָך אַנטלאָפן. איך זע דאָס באַלד, אָבער איך זאָג קיינעם ניט וועגן דעם, כּדי אים צו לאָזן צייט, אפשר וועט אים דאָס מזל צושפּילן. מערערע זיינען שוין אַזוי אַנטלאָפן, איבער האָלאַנד.

באַם אויסרוף ווערט אָבער זיין פעלן חשודיק. אין אַ וואָך אַרום דערוויסן מיר זיך, אַז די פעלד־זשאַנדאַרן, די דאָזיקע מיאוּסע זעלנער־פּאָליציסטן, האָבן אים געפּאַקט. ער איז געגאַנגען מיטן וועג קיין דייטשלאַנד — דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ גרויסע נאַרישקייט — ער האָט די גאַנצע זאַך אָפּגעטאָן זייער נאַריש. יעדער האָט געקאָנט איינזען, אַז זיין אַנטלויפן איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך בייַנקעניש אַהיים און פון אויגנבליקלעכער נים־באַרעכנטקייט. אָבער וואָס פאַרשטייען דען קריגס־ריכטער, וואָס זיצן הונדערט קילאָמעטער ווייט פון פראָנט? — מער האָבן מיר וועגן דעטערינג גאָרנישט געהערט.

* * *

אונזערע אַקאָפּעס זיינען שוין פון לאַנג חרוב, מיר קאָנען אייגנטלעך קיין ריכטיקע פּאָזיציע־מלחמה מער ניט פירן, און אונזער פראָנט איז איצט באַוועגלעך. נאָך דער אַטאַקע און אונזער קאָנטר־אַטאַקע, בלייבט איבער אַ דורכגעריסענע ליניע און אַ פאַרביטערט געפעכט פון טרעכטער צו טרעכטער. די פאָדערשטע ליניע איז דורכגעבראָכן, און אומעטום אין די טרעכטערס האָבן זיך איינפלאַצירט גרופּעס.

מיר זיצן אין אַ טרעכטער, פון דער זייט זיינען ענגלענדער, זיי קלייבן זיך אַריין אין פלאַנג און ווילן אונז אָפּשניידן. מיר זיינען אַרומגערינגלט. זיך אונטערצוגעבן איז ניט לייכט, אַרום אונז הייבן זיך וואָלקנס נעפּל און רויך, קיינער וועט גאָרניט דערזען, אַז מיר ווילן זיך אונטערגעבן, אפשר ווילן מיר דאָס טאַקע ניט טאָן, אין אַזעלכע מאָמענטן ווייס מען דאָס אַליין אויך ניט גוט. מיר

הערן, ווי די אופרייסן פון די האַנט=גראַנאַטעס דערנענטערן זיך. אונזער קוילן=וואַרפער באַשיסט דעם פאָרעווישטן האַלב=קרייז, דאָס אָפּקיל=וואַסער אין דעם קוילנוואַרפער ווערט אויסגעדאַמפט, מיר דערלאַנגען זיך איינער דעם אַנדערן די קאַסטנס, יעדער איז אין דעם משתּין, און אַף אַזאַ אופן האָבן מיר ווייטער וואַסער און מיר קאָנען ווייטער שיסן. אָבער הינטער אונז פּלאַצן די גראַנאַטעס אַלץ נענטער. אין עטלעכע מינוטן אַרום זיינען מיר שוין פאַרלאָרן.

מיטאַמאָל הויבט אָן אַף אַ קליינעם מהלך פון אונז צו שטעפּן אַ צווייטער קוילן=וואַרפער. דער קוילן=וואַרפער שטייט אין שכונתדיקן טרעכטער, בערגער האָט אים געבראַכט צושלעפּן, און איצט הויבט זיך הינטער אונז אָן די קאָנטר=אַטאַקע, מיר ווערן באַפרייט און מיר פאַרבינדן זיך ווייטער מיט דער הינטערשטער ליניע.

אין אַ ווײַלע אַרום, בעת מיר ליגן שוין מער אָדער ווייני=קער גוט געשיצט, דערציילט איינער פון אונזערע עסן=טרעגערס, אַז מיט אַ פּאָר הונדערט טריט ווייטער ליגט אַ פאַרוואונדיקטער מיליטער=הונט.

„וואו?“ פרעגט בערגער.

יענער באַשרייבט אים דעם אָרט. בערגער וויל גיין, כּדי דעם הונט צו ברענגען, אָדער צו דערשיסן. פריער וואָלט ער זיך ניט געריסן דעם פעלץ צוליב אַזאַ מין זאַך, ער וואָלט געווים גע=ווען קליגער. מיר פּרוּוון אים אָפּהאַלטן. אָבער ווען ער רייסט זיך אַרויס פון אונז, לאָזן מיר אים לויפן און מיר זאָגן צו זיך: „משוגע געוואָרן!“ אָט די אָנפאַלן פון פראָנט=ווילדקייט קאָנען ווערן געפערלעך, ווען מען טוט דעם זעלנער ניט באַלד אַ וואָרף אָן דער ערד און מען האַלט אים ניט פעסט צו. און בערגער האָט אַ מעטער מיט אַכציק, ער איז דער גרעסטער און שטאַרקסטער אין אונזער ראָטע.

ער איז אינדעראמתן משוגע, ווייל כּדי צוצוקומען צום הונט, מוז ער דורכלויפן די פייער=ליניע; — אָבער אין אים האָט איינ=געשלאָגן אַ בליץ, יענער בליץ, וועלכער לאָקערט איבער אונזערע אַלעמענס קעפּ. בײַ אַנדערן דריקט זיך דאָס אויס אין דעם, וואָס

זיי הויבן אָן בושעווען, וואָס זיי אַנטלויפן, איינער איז געווען בא אונז, וואָס האָט זיך כּסדר געגראָבן אין דער ערד מיט הענט און פּיס און מיט די ציין.

מען סימולירט אויך זייער אָפט מיט די זאַכן, אָבער בעת מען סימולירט, איז דאָס שוין איינגנטלעך אויך אַ סימן, אַז ס'וועט באלד אָנכאַפּן. אין אַ ווילע ארום נעמט מען בערגערן אַראָפּ פון דער ליניע מיט אַ צעשמעטערטן געזעם, און איינער פון די יעניקע, וועלכע טראָגן אים אַראָפּ, באַקומט דערביי אַ קויל אין ליטקע.

* * *

מילער איז טויט. מען האָט אים פון גאר נאָענט אריינגעשאָסן אַ קויל אין בויך. ער האָט נאָך אַ האלב שעה געלעבט, איז געווען באם פולן שכל און האָט געהאט מוראדיקע ווייטיקן. פאַרן טויט האָט ער מיר איבערגעגעבן זיין טענטל־בוך און האָט מיר איבערגעלאָזט זיינע שיך, דיזעלביקע שיך, וואָס ער האָט בשעתו אָפּגעירשנט בא קעמעריך. איך טראָג זיי, ווייל זיי זיינען מיר ריכטיק אין מאָס. נאָך מיר וועט זיי באַקומען טיאַדען, איך האָב אים שוין צוגעזאָגט.

מיר האָבן מילערן באַגראָבן, אָבער לאַנג וועט אים ניט אויסקומען רואיק צו ליגן אין קבר. אונזערע ליניעס ווערן כּסדר אָפּגעוואָרפן צוריק. אַף יענער זייט זיינען פאַראַן צופיל פרישע ענגלישע און אַמעריקאַנער פּאָלקן. דאָרטן איז פאַראַן צופיל פליייש און ווייסע ווייצנמעל. און צופיל נייע האַרמאַטן. צופיל אַעראָפּלאַנעם.

מיר אָבער זיינען אויסגעדאַרט און אויסגעהונגערט. אונזער עסן איז אַזוי שלעכט און איז אַזוי פיל אויסגעמישט מיט כּלערליי סוראָגאַטן, אַז מיר ווערן דערפון קראַנק. די פאַבריקאַנטן אין דייטשלאַנד זיינען רייך געוואָרן — אונז צערייסט די דעזינטעריע די געדערים. די אָפּטריטן זיינען כּסדר געדיכט געפּאַקט, ס'וואָלט כּדאי געווען צו באַווייזן יענע לייט אין הינטערלאַנד אָט די גראָע, געלע, עלנטע, הכנעהדיקע פּנימער, די אויסגעקרימטע געשטאַלטן, בא וועמען די בויך־ספּאַזמעס קוועטשן ארויס דאָס גאַנצע בלוט

פון ליב, און וועלכע שמייכלען ביטער איינער צום אנדערן מיט פארקרימטע, נאָך פון ווייטיק ציטערנדיקע ליפּן: „עס לוינט זיך גאָרניט ווייטער אַרופּצוציען די הויזן —“

אונזער אַרטילעריע האָט זיך שוין אינגאַנצן אויסגעשאָסן — זי האָט צו ווייניק מוניציע געהאַט — און האַרמאַטן־ראָרן זיינען אַזוי אָפּגענוצט, אַז זיי אַרבעטן ניט ריכטיק, און זיי שיסן אין אונז גופא. מיר האָבן צו ווייניק פערד. אונזערע פרישע חיל'ות באַשטייען פון בלוט־אָרימע, אָפּגעשוואַכטע אינגלעך, וועלכע קאָנען אפילו ניט טראָגן די שווערע רענצלעך, נאָר אין זאַך קאָנען זיי: שטאַרבן, אין די טויזנטער. זיי פאַרשטייען לחלוטין גאָרנישט פון מלחמה, זיי גייען נאָר פאָרויס און לאָזן זיך אַראָפּשיסן, באַלד. ווי זיי זיינען אַראָפּ פון צוג, האָט איין אַיינציקער פליער אַראָפּ־געשאָסן גאַנצע צוויי ראָטעס זייערע, נאָך איידער זיי האָבן זיך געכאַפּט, אַז מען דאַרף זוכן ערגעץ באַדעקונג.

„דייטשלאַנד מוז שוין באַלד אויסגעליידיקט ווערן“, זאָגט קאַט.

מיר האָבן גאָר קיין האָפענונג ניט, אַז עס וועט אַמאָל נעמען אַ סוף. בכלל טראַכטן מיר ניט אַזוי ווייט אַוועק. מען קאָן כאַפּן אַ קויל און פאַלן טויט; מען קאָן פאַרוואונדיקט ווערן, און דעמאָלט איז דאָס לאַזאַרעט דער נאָענטסטער פונקט. און ווען מען שניידט די פוס ניט אַראָפּ אינגאַנצן, פאַלט מען פריער אָדער שפּעטער אַריין צו איינעם פון די שטאַב־דאָקטוירים, וועלכע טראָגן אין קנאָפּלאָך אַ קריגס־מעדאַל. „ניין“, זאָגט אַזאַ מין דאָקטאָר, „אַט די פוס איערע, וואָס איז אַביסל קירצער, איז קיין חסרון ניט. אויב איר זייט נאָר אַ דרייסטער יונג, דאַרפט איר דאָך דאָרטן קיין פיס ניט האָבן, איר וועט דאָך פון פראָנט ניט לויפן. איר טויגט זיך, מאַרש!“

קאַט דערציילט איינע פון די מעשׂות, וועלכע גייען אַרום דעם גאַנצן פראָנט, פון פלאַנדערן ביז צו די וואָגעזן — די מעשׂה וועגן דעם שטאַב־דאָקטאָר, וועלכער רופט אויס בעתן מושטירן נעמען, און ווען דער ארויסגערופענער שטעלט זיך פאַר אים, קוקט ער אים גאָר ניט אָן און זאָגט: „איר טויגט. אַ

פראָנט דאַרפן מיר סאָלדאַטן.״ פאַר אים שטעלט זיך אַוועק איינער מיט אַ הילצערנער פוס. דער דאָקטאָר זאָגט, ווי געזעגנטלעך: „טויג.״ — „און דאָ״, קאָט הייבט אויף זיין שטים, „זאָגט יענער צו אים: אַ הילצערנע פוס האָב איך שוין; אָבער ווען איכ׳ל איצט גיין אַפן פראָנט און מען וועט מיר דאָרטן אַראָפּשיסן דעם קאָפּ, וועל איך זיך לאָזן צומאַכן אַ הילצערנעם קאָפּ און ווערן אַ שטאַב־דאָקטאָר.״ — מיר זיינען אַלע שטאַרק צופרידן מיט דעם ענטפער.

די טאַנקעס, פון וועלכע מען האָט פריער חוזק געמאַכט, זיינען איצט געוואָרן אַ געפערלעך כלי־זין. זיי קייקלען זיך אין לאַנגע געפאַנצערטע שורות, און זיי פאַרקערפערן אין זיך דאָס גאַנצע גרויל פון דער מלחמה.

די האַרמאַטן, וועלכע פייערן אין אונז, זעען מיר בכלל ניט; די אַטאַקירנדיקע ליניעס ווידער, באַשטייען פון מענטשן, אַזוי ווי מיר, — אָבער אָט די טאַנקעס זיינען נאָר מאַשינעס, זייערע קייטן־סטיינגעס קייקלען זיך אָן אופהער, אַזוי ווי דער קריג אַליין, זיי זיינען די פאַרטיליקונג אַליין, גאָרנישט פילנדיק קריכן זיי אַריין אין די טרעכטערס, זיי דראַפּען זיך פון דאָרטן ארויס, אָן אָפּהאַלט, אַ פלאָט פון ברומעדיקע, רויך־שפייעדיקע פאַנצערס, שטאָלענע חיות, וואָס צעקוועטשן טויטע און פאַרוואונדיקטע און ווערן אַליין קיינמאָל ניט פאַרוואונדיקט — — פאַר זיי קאָרטשן מיר זיך צונויף אין אונזער אויסגעדאַרטער הויט, פאַר זייער אויסטערלישן כח ווערן אונזערע אָרעמס פאַרוואַנדלט אין שטרויע־לעך און אונזערע האַנט־גראנאטן אין שוועבעלעך.

גראַנאַטן, גאַז־קנוילן און טאַנק־פלאַטיליעס — צעקוועטשן, אויספרעסן, טויט.

דעזינטעריע, גריפ, טיפוס — דערווערגן, פאַרברענען, טויט.

אָקאָפּע, לאַזאַרעט, מאַסן־קבר — מער טויטן זיינען דאָך שוין בכלל ניט פאַראַן.

* * *

בעת איין אַטאַקע פאַלט אונזער לייטענאַנט בערטינק. ער איז געווען איינער פון יענע אויסגעצייכנטע פראָנט־אָפיצירן, וואָס גייען שטענדיק בראש פון זייער ראָטע אין אַלע שווערע סיטואַציעס. צוויי יאָר צייט איז ער שוין צוזאַמען מיט אונז, פאַר דער צייט איז ער נאָך קיינמאָל ניט געווען פאַרוואונדיקט, עפּעס האָט שוין געמוזט פּאַסירן.

מיר זיצן אין אַ טרעכטער און זיינען אַרומגערינגלט. צוזאַמען מיט די קנוילן פּולווער דערטראָגט זיך צו אונז דער עיפּוש פון אייל און קעראָסין. מיר דערזעען, ווי עס גייען צוויי מאַן מיט אַ פלאַם־וואַרפער, איינער טראָגט אַפן רוקן דעם קאַסטן, דער צווייטער האַלט אין די הענט דעם שפּריץ, פון וועלכן דאָס פייער קומט. ווען זיי וועלן שוין דערגיין אַזוי נאָענט, אַז זייער פייער וועט דערגרייכן צו אונז, זיינען מיר פאַרטיק, ווייל צוריק אָפּטרעטן קאָנען מיר ניט איצט.

מיר נעמען שיסן אין זיי. אָבער זיי קומען דאָך אַלץ נעענטער, און עס האַלט שוין שמאָל. בערטינק ליגט אויך מיט אונז צוזאַמען. ווען ער זעט, אַז מיר טרעפן ניט צוליב דעם, ווייל מיר מוזן זיך צופיל אויסבאַהאַלטן אונטער דאָס פייער, כאַפּט ער אַ ביקס, קריכט אַרויס פון טרעכטער און נעמט זיך צילעווען. ער שיסט אויס — און אין דערזעלביקער רגע טרעפט אים אַ קויל. אָבער ער בלייבט ליגן און צילעוועט זיך ווייטער — ער שיסט נאָכאַמאָל אויס; און ווען דער שאָס הילכט אָפּ, לאָזט בערטינק אַרויס דעם ביקס, זאָגט: „גוט", און קייקלט זיך אַראָפּ פון אויסווייניקסטן קאַנט פון טרעכטער. איינער פון די צוויי מיטן פלאַם־וואַרפער איז פאַרוואונדיקט, ער פאַלט, דער שפּריץ פאַלט אַרויס פון דעם אַנדערנס האַנט, דאָס פייער צעשפּריצט זיך אין אַלע זייטן, און דער זעלנער ווערט פאַרברענט.

בערטינק האָט באַקומען אַ שאָס אין האַרצן. אין אַ ווײַלע אַרום רייסט אים אַ שפּליטער אַראָפּ זיין מויל־ביין. און דערזעלביקער שפּליטער האָט נאָך כח צו צעשמעטערן בא לעערן די

היפט. לעער קרעכצט און שפּארט זיך אָן אָן די הענט, ער לויפט אינגאַנצן אָפּ מיט בּלוט, קיינער קאָן אים ניט העלפן, און אין אַ פּאָר מינוטן אַרום פאַלט ער צוזאַמען, ווי אַן אויסגעלויפן דיקטער לאָגל. וואָס נוצט אים דען איצט, וואָס ער איז אין שול געווען אַזאַ גוטער מאַטעמאַטיקער?

* * *

די חדשים גייען. דער זומער פון יאָר 1918 איז דער בּלוטיקסטער און דער שווערסטער. די טעג דערהייבן זיך אַזוי ווי גאָלדיק-בּלאָע מלאכים, אומדערגרייכבּאַר איבּערן קרייז פון פּאַרטיקונג. יעדער איינער ווייס, אַז מיר וועלן דעם קריג פאַרשפּילן. מען רעדט ניט קיין סך וועגן דעם, מיר טרעטן אָפּ צוריק, נאָך אָט דעם גרויסן אָנגריף וועלן מיר שוין מער ניט קאָנען גיין אין אַטאַקעס, מיר האָבּן מער ניט קיין מענטשן און ניט קיין מוניציע.
אָבּער די שלאַכטן ציען זיך ווייטער — די הריגהס ציען זיך ווייטער.

זומער 1918—קיינמאָל נאָך האָבּן מיר זיך ניט אַזוי שטאַרק געריסן צום לעבּן אין זיין נעבּעכדיק געשטאַלט, ווי איצט; די רויטע מאָן-בּלומען אָף די לאָנקעס אַרום אונז, די גלאַטינקע זשוקעלעך אָף די שטרויעלעך, די וואַרימע אָוונטן אין די האַלבּ-טונקעלע, קילע צימערן, די שוואַרצע, סודותדיקע בּוימער אינם בּין-השמשות-ליכט, די שטערנס און דאָס פליסן פונם וואַסער, די חלומות און דער לאַנגער, זיכער שלאָף — אָ, לעבּן, לעבּן, לעבּן!

זומער 1918—קיינמאָל איז נאָך ניט מער אַריבּערגעלעבּט געוואָרן, ווי אין דער רגע בּעתן אַרויסגיין אַפן פראָנט. עס זיינען אויפגעקומען ווילדע און אופהעצנדיקע קלאַנגען וועגן וואָפן-שטילשטאַנד און שלום, זיי צעטומלען אינגאַנצן די מחות און מאַכן דעם אַרויסגאַנג נאָך שווערער, ווי שטענדיק!
זומער 1918—קיינמאָל איז דאָס לעבּן אַפן פראָנט פאַר אונז ניט אַזוי בּיטער און גרוליק, ווי אין די שעהן פון קרייז-פייער, בּעת אונזערע בּלייכע פּנימער גראָבּן זיך אין דער ערד, און די

העׂנט זײַנען פֿאַרקראַמפּט צו אײן אײנציקן ווילדן: ניט! ניט! נאָך ניט איצט! נאָך ניט איצט, אין דער לעצטער רגע!

זומער 1918—דאָס ווינטל פֿון האָפֿענונג, וואָס ווײעט איבער די פֿאַרשרפֿעטע פֿעלדער, ווילדער ברען פֿון אומגעדולד, פֿון אַנטױשונג, ווײטיקדיקער ציטער פֿונם טויט, ברענענדיקע שאלה: פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס מאַכט מען נאָך ניט קײן סוף? און פֿאַרוואָס קומען זײ אויף, אָט די קלאַנגען וועגן סוף?

* * *

דאָ זײַנען פֿאַראַן אַזוי פֿיל פּליערס, און זײ פֿילן זיך אַלע אַזוי זיכער, אַז זײ מאַכן געיעגן אַף אײנצעלנע מענטשן, פּונקט ווי אַף האָזן. אַף אײן דײַטשן עראָפּלאַן קומט אויס לכל־הפּחות פֿינף ענגלישע און אַמעריקאַנער. אַף אײן אויסגעהונגערטן, אויסגעמאַטערטן דײַטשן סאָלדאַט קומט אויס פֿינף געזונטע, פֿרישע זעלנער פֿונם קעגנער. אַף אײן דײַטש ברויטל קומט אויס אַף יענער זײַט פּופּציק פּושקעס פֿלײש־קאָנסערוון. מען האָט אונז ניט צעשלאָגן, — מיר זײַנען בעסערע און געניטערע זעלנער; מיר זײַנען פּשוט צעקוועטשט און אַוועקגעשטופּט געוואָרן דורך דעם פֿיל גרעסערן כּח.

שוין עטלעכע וואָכן, ווי עס רעגנט — דער הימל איז גראָ, די ערד איז גראָ און צעשוואָמען, דער טויט איז גראָ. ווי נאָר מיר פֿאָרן אַרויס, עסט זיך שוין די נאַסקייט אײַן אין אונז דורך די מאַנטלען און בגדים, — און אַזוי גייט עס אויך די גאַנצע צײַט אַף דער פֿאָדערשטער ליניע. מיר טריקענען זיך גאָר קײנמאָל ניט אויס. ווער עס האָט נאָך שטיוול, וויקלט זײ אַרום מיט זעקלעך זאַמד, כּדי דאָס ליימיקע וואַסער זאָל ניט אַרײַנדרינגען. די ביקסן זשאַווערן, די בגדים ווערן פֿאַרהאַרטעוועט. אַלץ איז דורכגעווייקט, פֿון אַלץ טריפֿט אַ פֿײַכטע, געדיכטע ערד־מאַסע, אין די געלע זומפּיקע גריבער לויפֿן פֿאַרקרײַץ און פֿאַרקווער רויטע בלוט־ריטשקעלעך, און די טויטע און די פֿאַרוואונדיקטע פֿאַרזינקען אין זײ פּאַמעלעך.

איבער אונז רייסט דער שטורעם, פון דעם געמיש פון גראָ און געל רייסט דער שפליטער־האָגל אַרום די שפיציקע קינדישע יללות פון די געטראָפענע, און אין די נעכט קרעכצן צעריסענע לעבנס זיך מיט מאַטערנישן אויס זייער וועג צו דער אייביקער שטילקייט.

אונזערע הענט זיינען שטיקער ערד, אונזערע גופים זיינען ליים און אונזערע אויגן — רעגן־זומפן. מיר ווייסן שוין גארניט, אויב מיר לעבן נאָך.

נאָכדעם פאלט אריין א אַ דושנעקייט אין אונזערע טרעבטערס, אַזוי ווי אַ פייכטע, גליטשיקע שופן־חיה, און אין איינעם פון אָט די זומער־טעג פאלט אויך קאט, בעת ער נעמט אָפ זיין עסן. מיר זיינען ביידע אַליין, איך פארבינד זיין וואונד; זיין קני־ביין איז צעבראכן. די קויל איז אים אריין אין ביין, און קאט קרעכצט אין פארצווייפלונג: און גראד איצט — גראד איצט האָט דאָס געראַפט געשען.

איך טרייסט אים. „ווער ווייס ווי לאַנג עס וועט זיך נאָך ציען אט דאָס אומגליק! דערוויל ביסטו געראטעוועט —"

די וואונד לויפט אָפ מיט בלוט. איך קאָן קאטן ניט לאָזן אַליין, כדי צו לויפן ברענגען אַ טראָג־בעטל. איך ווייס אויך ניט וואו עס געפינט זיך אַ נאָענטער סאַניטאר־פונקט.

קאט איז ניט קיין שטארק שווערער; דעריבער פאַק איך אים אַרויף צו זיך אַפן רוקן און טראָג אים אַזוי צום פארבאנד־פונקט.

צוויי מאָל רוען מיר זיך אַפן וועג. ער האָט שטארקע ווייטיקן. מיר ריידן ניט קיין סך. איך האָב אָפגעקנעפלט דעם קאָלנער פון מיין רעקל און כ'אָטעם העפטיק, איך שוויץ, און מיין פנים איז אויפגעשוואָלן פון אָנשטריינגונג. פונדעסטוועגן שטיי איך צו, מיר זאָלן ווייטער גיין, ווייל דער אָרט איז אַ געפער־לעכער.

„גייען מיר ווייטער, קאט?"

„מען מוז דאָך, פויל."

„נו, גייען מיר."

איך הייב אים אוף, ער שטייט אַף זיין געזונטער פוס און שפּאַרט זיך אָן אַן אַ בוים, נאָכדעם נעם איך אָן פאָרזיכטיק די פאַרוואונדיקטע פוס, ער טוט זיך אַ רוק, און איך כאַפּ אַרום אויך דאָס קני פון געזונטן פוס.

אונזער וועג ווערט אַלץ שווערער. אַנדערעמאָל הערט זיך גאָר נאָענט דער פּייף פון אַ גראַנאַט. איך שטעל טריט גיך, ווי איך קאָן נאָר, ווייל דאָס בלוט פון קאַטס וואונד טריפט שוין אַראָפּ אַף דער ערד.

כדי אַריבערצוּוואַרטן די שיסעריי, וועלכע ווערט אַלץ שטאַרקער, לייגן מיר זיך אין אַ קליינעם טרעכטער. איך גיב קאַטן צו טרינקען טיי פון מיין זעלנער־פלאַש. מיר רויכערן ביידע איין סיגאַרעט. „זעסטו קאַט," זאָג איך אומעטיק, „איצט וועלן מיר דאָך צעשיידט ווערן."

ער קוקט מיך שווייגעדיק אָן.

„געדיינקסט נאָך, קאַט, ווי מיר האָבן רעקווירירט די גאַנז? און ווי דו האָסט מיך אַרויסגעטראָגן פון פייער, בעת איך בין נאָך געווען אַ יונג רעקרוטל און כ'בין צום ערשטן מאָל פאַר־וואונדיקט געוואָרן? דעמאָלט האָב איך נאָך געוויינט, קאַט, דאָס איז שוין געווען מיט דריי יאָר צוריק."

ער שאָקלט צו מיטן קאָפּ.

עס קומט אין מיר אוף אַ פחד צו בלייבן אַליין. ווען קאַט וועט אָפּגעשיקט ווערן, האָב איך דאָ שוין מער קיין איין פריינט ניט.

„קאַט, מיר מוזן זיך דאָך בכל־אופן זען, אויב אַפילו ס'וועט ווערן שלום איידער דו וועסט נאָך קומען אַהער צוריק."

„מיינסטו, אַז איכ'ל מיט מיין אַראָפּגעשאָסענעם פוס נאָך ווייטער קומען אַהער?" פרעגט ער ביטער.

„דו וועסט געזונט ווערן. דאָס געלייִנק איז דאָך גאַנץ."

„גיב מיר נאָך אַ סיגאַרעט," זאָגט ער.

„אפשר וועלן מיר שפּעטער זיך קאָנען צוזאַמען נעמען צו עפּעס, קאַט." — איך בין זייער אומעטיק, עס איז פּשוט אומ־מעגלעך, אַז קאַט, — קאַט, מיין פריינט, קאַט מיט די משופּע־

דיקע פלייצעס און מיט די שיטערע, ווייסע וואָנסן, קאַט, ווען איך קען גאָר אַף אַן אַנדער אופן, ווי ווען ניט איז אַנדערן אַף דער גאַרער וועלט, קאַט, מיט ווען איך האָב פאַרבראַכט די אַלע יאָרן — עס איז אוממעגלעך, אַז איך זאָל קאָטן מער שוין ניט זען.

„גיב מיר דיין אַדרעס פונדערהיים, וואָס עס זאָל ניט געשען. און אָט פאַרשרייב איך דיר מיין אַדרעס.

דעם צעטל לייג איך אַריין אין מיין בוזים־קעשענע. ווי פאַרלאָזן איך בין שוין איצט, כאָטש ער זיצט נאָך בא מיר. זאָל איך זיך ניט אַמאָל אויך אַריינשיסן אין פוס, כדי צו קאָנען בלייבן צוזאַמען מיט אים?

קאָט הויבט מיטאַמאָל אָן צו כאָרכלען, און ער ווערט גרין און געל. „לאָמיר גיין ווייטער," שטאַמלט ער אַרויס.

איך שפרינג אויף, מיטן ברענענדיקן פאַרלאַנג אים צו העלפן, איך כאַפּ אים אַרויף און נעם מיט אים לויפן, אָבער פאַרזיכטיק לויפן, כדי זיין פוס זאָל זיך צופיל ניט טרייסלען.

ווען איך קום שוין, צום סוף, זיך שטרויכלענדיק און פאַר־בייסן, אין סאַניטאַר־פונקט, איז מיר אין האַלז אויסגעטריקנט. פאַר די אויגן טאַנצן רויטע און שוואַרצע פּליאַמעס.

באַם אַריינגיין טו איך אַ פאַל אַף די קניען, אָבער איך האָב נאָך אַזוי פיל כח אין זיך, צו פאַלן צו דער זייט, וואו קאָטס געזונטע פוס איז. אין עטלעכע מינוטן אַרום הייב איך זיך פּאַ־מעלעך ווידער אויף. מיינע הענט און פיס ציטערן אומרחמנותדיק, איך מאַטער זיך שטאַרק, בעת איך וויל געפינען די פלאַש מיינע, כדי אַ זופּ צו טאָן. דערביי ציטערן מיר די ליפן. אָבער איך שמייכל — קאָט איז אַף אַן אָרט.

אין אַ ווײַלע אַרום דערטראָגט זיך אַ טומלדיקע כוואַליע רייד, און עסט זיך מיר איין אין געהער.

„די אַרבעט האָסטו זיך געוויס געקאָנט פאַרשפּאָרן," זאָגט אַ סאַניטאַר.

איך פאַרשטיי ניט, וואָס ער מיינט.

ער ווייזט אַף קאָטן. „ער איז דאָך טויט."

איך פֿאַרשטיי אים אַלץ ניט. „ער האָט אַ דורכגעשאָסענעם קני־בײן.“ זאָג איך.

דער סאַניטאַר קוקט זיך איין. „יאָ, דאָס אויך —“

איך קער זיך אום. מײַנע אויגן זײַנען אַלץ פֿאַרנעפּלט. דער שווייס איז מיר אויפֿגעקומען פֿונדאָסניי. זײַנע טראָפּנס לויפֿן מיר איבער די ווייעס. איך ווייש אָפּ דעם שווייס און טו אַ קוק אויף קאַטן. „געחלשט“ זאָג איך אויף גיך.

דער סאַניטאַר טוט אַ שטילן פֿייף: „איך ווייס עס בעסער. ער איז טויט. מיר קאָנען ניין אין געוואַט.“

איך שאָקל מיטן קאָפּ: „אויסגעשלאָסן! מיט צען מינוטן צוריק האָב איך מיט אים גערעדט. ער איז נאָר געחלשט.“

קאַטס הענט זײַנען וואַרים. איך כאַפּ אים אָן בײַ די פּלייצעס, כּדי אים אָפּצורייבן מיט טיי. איך דערפֿיל, ווי מײַנע פֿינגער ווערן נאַס. ווען איך נעם זיי אַוועק פֿון זײַן קאָפּ, זײַנען זיי בלוטיק. דער סאַניטאַר פֿייפֿט פֿון צווישן די ציין:

„זעסט —“

איך האָב דאָס גאָרניט געמערקט, ווי אַפֿן וועג האָט קאַט באַקומען אין קאָפּ אַ שפּליטער. דאָרטן איז נאָר אַ קליין לעכעלע, מסתּמא איז דאָס געווען אַ פֿיטשינקער, פֿאַרבלאָנדזשעטער שפּליטער. אָבער ס׳איז גענוג געווען.

קאַט איז טויט.

איך הייב זיך לאַנגזאַם אויף.

„ווילסטו מיטנעמען זײַן זעלנער־בּיכל און זײַנע זאַכן?“ פֿרעגט מיך דער יעפֿרייטער.

איך שאָקל מיטן קאָפּ, און ער גיט דאָס מיר אָפּ.

דער סאַניטאַר איז פֿאַרחידושט. „איר זײַט דאָך ניט קיין קרובֿים?“

ניין, מיר זײַנען ניט קיין קרובֿים. ניין, מיר זײַנען ניט קיין קרובֿים.

גיי איך דען? האָב איך נאָך טאַקע פֿיס? איך הייב אויף די אויגן, איך קוק זיך מיט זיי אַרום, איך דריי זיך מיט מײַנע פֿיס

אין אַ קרייז, אין אַ קרייז, ביז איך בלייב שטיין. אַלץ איז, ווי געווען. נאָר דער זעלנער סטאַניסלאַוו קאַטשינסקי איז געשטאָרבן.

נאָכדעם ווייס איך שוין מער גאָרנישט.

12.

ס'איז האַרבסט. פון די אַלטע זעלנער זיינען שוין ניט פיל געבליבן. איך בין דאָ דער לעצטער פון די זיבן מאַן פון אונזער קלאַס.

יעטווידער רעדט וועגן פרידן און וואָפן־שטילשטאַנד. אַלע וואַרטן. ווען ס'וועט זיך ווייטער גאָרנישט אויסלאָזן, וועלן זיי שוין מער ניט אויסהאַלטן, די האָפענונגען זיינען צו גרויס, זיי לאָזן זיך שוין מער ניט אָפּפּטרן, ניט אויפרייסנדיק. ווען ס'וועט קיין שלום ניט זיין, וועט זיין אַ רעוואָליוציע.

איך האָב באַקומען פערצן טעג אָפּרו, ווייל איך האָב אַריינגעזופּט אַביסל גאַז. איך זיץ גאַנצע טעג אין זון אין אַ קליין גערטעלע. באַלד קומט דער וואָפן־שטילשטאַנד, איצט גלויב איך שוין אויך. דעמאָלט וועלן מיר פאָרן אַהיים.

דאָ שטעלן זיך מיינע געדאַנקען אָפּ און איך קאָן זיי ווייטער ניט דערפירן. געפילן באַמעכטיקן מיך מיט אַ גוואַלטיקן כח. דאָס זיינען געפילן פון לעבנסלוסט, דאָס איז דאָס היים־געפיל דאָס איז דאָס בלוט, דאָס איז די שיכּרות פון ראַטעווען זיך; אָבער קיין צילן זיינען דאָס ניט.

וואָלטן מיר געקומען אַהיים אין 1916, וואָלטן מיר אין אַ ווילדן שטורעם פאַרוואַנדלט דעם ווייטיק און די קראַפט פון אונזערע איבערלעבענישן. אַז מיר קערן זיך אָבער איצט אום, זיינען מיר מיד, צעקראָכן, אויסגעשרפט, אָן וואָרצלען און אָן האָפענונגען. מיר וועלן שוין ניט קאָנען געפינען דעם ריכטיקן אָרט.

אָבער אפשר איז אָט דאָס אַלץ, וואָס איך טראַכט איצט, נאָר אַן אומעט, וואָס וועט פאַרבייגיין, ווי נאָר איך וועל ווייטער שטיין אונטער די טאָפּאָליעס און איך וועל זיך צוהערן צום רוישן פון זייערע בלעטער. עס קאָן דאָך ניט זיין, אַז דאָס זאָל אינ=

גאַנצן פאַרשוואונדן זיין, די טויזנטער פּנימער פון דער צוקונפט, די מעלאַדיע פון חלומות און ביכער, דאָס געוויש און דאָס פאַרגעפּיל פון דער פרוי, עס קאָן ניט זיין, אַז דאָס אַלץ זאָל אונטערגעגאַנגען זיין אינם קרייץ־פייער, פאַרצווייפלונג און זעלנערשע בתי־זונות.

איך הייב זיך אויף.

איך בין זייער רואיק. די חדשים און יאָרן מעגן זיך קומען, זיי וועלן שוין פון מיר מער קיין זאַך ניט אַפּנעמען, זיי קאָנען שוין מיר גאָרנישט אָפּנעמען, איך בין אַזוי איינזאַם און איך וואַרט שוין מער אויף גאָרנישט, אַז איך קאָן זיי גראַד קוקן אַנטקעגן אָן פּחד. דאָס לעבן, וואָס האָט מיך דורכגעטראָגן דורך די אַלע יאָרן, שלאָגט נאָך אין מיינע הענט און קוקט נאָך פון מיינע אויגן אַרויס. אויב איך האָב דאָס באַוועלטיקט, ווייס איך ניט. אָבער כּל־זמן עס איז דאָ, וועט עס זיך זוכן זיין אייגענעם וועג, ניט געקוקט אויף דעם, אויב דער „איך" אין מיר וועט דאָס וועלן, אָדער ניט.

* * *

געפאַלן איז ער אין אָקטאָבער 1918, אין אַ טאָג, ווען אויפן גאַנצן פראָנט איז געווען שוין רואיק און שטיל, און דער מלחמה־באַריכט האָט זיך געמעגט פאַרגינען צו באַגרענעצן מיט דער מעלדונג, אַז אויפן מערב־פראָנט איז ניטאָ קיין נייס.

ער איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ און ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך האָבן צוגעלייגט שלאָפן. ווען מען האָט אים איבערגעלייגט, האָט מען געזען אַז ער האָט זיך לאַנג ניט געקאָנט מאַטערן; — דער אויסדרוק פון זיין פּנים איז געווען אַנטשלאָסן, און ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט כּמעט צופרידן זיין דערמיט, אַז ס'איז דווקא געשען אַזוי, און ניט אַנדערש.